STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09303

SIDNI GARB AND SONS

Max Perlow

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סידני גאַרב ענד סאָנס

מאַקס פּערלאָוו

סידני גאַרב AND SONS

פאַרלאַג „מאָרגן־פרייהייט“ אַסאָסיאיישאַן • ניו־יאָרק, 1945

SIDNEY GARB AND SONS

By Max Perlow

Copyright by
MORNING FREIHEIT ASSOCIATION
May, 1945

209

Printed in the U.S.A.

גערווידמעט
מיינע עלטערן
און שוועסטער

אינהאַלט:

קאַפּיטל זייט

ערשטער טייל

איינס:	אַ געמוטשעטע לעבן	9
צוויי:	שכנים	17
דריי:	פּרויקע דער שוסטער	25
פיר:	מנחמ׳ס באַדן וואַקלט זיך אונטער זיינע פיס	36
פינף:	בעני ווערט אַ פירער	43
זעקס:	די געהיימע פאַרזאַמלונג	51
זיבן:	באַרג־אַרונטער	62
אַכט:	קרובים	75

צווייטער טייל

איינס:	מנחם אין אַמעריקע	79
צוויי:	אַ נייע וועלט	90
דריי:	אַ סטרייק	100
פיר:	„סידני גאַרב ענד סאַנס"	113
פינף:	מלחמה	125

דריטער טייל

איינס:	איינמאָל אין אַ נאַכט	131
צוויי:	קיינער האָט ניט געוואָלט טראַכטן	134
דריי:	פּאַגראָמען	150

פערטער טייל

איינס:	די נייע וועלט	161
צוויי:	דער לעצטער אַקט	173

קאפיטל		זייט
דריי:	לייב	180
פיר:	שוועסטער	184
פינף:	די נייע יוניאָן	191
זעקס:	וויכטיגע באַראַטונגען	200
זיבן:	דער פאַרהער	209

פינפטער טייל

איינס:	די משפחה פון עלף ווערט צעבראָכן	217
צוויי:	די ברידער גאַרבאַטי	225
דריי:	אַמעריקע באַגעגנט דעם שונא	235

☆

אילוסטראַציעס פון זוני מאָוד

1. שער־בלאַט 1
2. צוזאַמענקונפט אין פרויקע׳ס שטיבעלע 32
3. געשמידטע אין קייטן 58
4. נאָך דער שריפה 65
5. מנחם קומט קיין אַמעריקע 78
6. די „באָרדערס״ שלאָפן 80
7. בעני און דעיוו שפּאַנען אַוועק 247

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס: אַ געמוטשעט לעבן

1. דער פּאַסאַזשיר

ביינאַכט. עס איז שטיל אין דעם קליינעם שטעטעלע. די הייזער שטייען ווי איינגעשלאָפענע. דער הימל הענגט איבערן שטעטל מיט אַזאַ נאָכגיביקייט, ווי ער וואָלט גרייט געווען אַריינצונעמען דאָס גאַנצע שטעטעלע אין זיינע אָרעמס.

ווייטער געקלאַנג. אין שטילקייט פון דער נאַכט ברענגט עס אומרו אַריין. אין אָנהויב קומט דער געקלאַנג מיט אַ הייזעריקייט, נאָר וואָס ווייטער ווערט ער אַלץ דינער און שאַרפער, און ברענגט אַריין נאָענטקייט און היימישקייט. דאָס פאָרן די „איזוואָזטשיקעס״ פון באַן.

אַרטשיק דער געלער איז פון די פריילעכע באַלעגאָלעס. מיט אים פאָרן געקליבענע פּאַסאַזשירן, די „פּני״ פון שטעטל. פרעמדע אַפילו, ווען זיי גייען אַרונטער פון דער באַן, פרעגן שוין אויך: וואו איז ערגעץ אַרטשיק׳ס וועגל?

אַרטשיק׳ס פערד לויפן מיט אויפגעהויבענע קעפּ און הירזשען ווי יונגע לאָשעקלעך. אַרטשיק היט אָפּ זיינע „סוסים״, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. ער וועט גיכער זיין וויב און קינדער פאַרזען, נאָר ניט זיינע „סוסים״ — זיי דאַרפן אָפּגעהיט ווערן!

לויפן אַרטשיק׳ס פערדלעך און ער האַלט די בייטש בלויז לפּנים, ווייל צוליב וואָס דאַרף ער דען אַ בייטש? ער דאַרף בלויז מיט די לייצעס אַ צי טאָן און זיינע „לייבן״ וויסן שוין ווי אַזוי זיך צו טראָגן.

דערפאַר פאַרגינט זיך אַרטשיק זייער אָפט זיך אינגאַנצן אויסצו־קערעווען מיטן פּנים צו די פּאַסאַזשירן. ער דערציילט זיי אַלערליי מעשיות און וויצן, און די פערדלעך לויפן.

איצט האָט אַרטשיק אַ זייער ערנסט פּנים. ער זיצט, ווי זיין שטייגער איז, מיטן פּנים צום פּאַסאַזשיר (בלויז איינעם פירט ער) און רעדט. ניט נאָר איז ער ניט פריילעך ווי אַלעמאָל, נאָר ער רעדט עפּעס ווי מיט אַ מין

בייזקייט, ווי ס׳וואָלט זיך אים געדאַכט, אַז אַלץ וואָס ער רעדט פּאַלט ווי אין וואַסער אַריין, און אַז זיין שטרענגער טאָן וועט געבן זיינע רייד מער געוויכט, אַזוי אַז זיין פּאַסאַזשיר וועט זיך צוהערן צו אים.

— איר פאַרשטייט, ר׳ איד, פאַרשטייט איר מיך, ס׳איז בלאָטע ווערט וואָס דאָס שטעטל איז אַ פּאָר מייל ווייט פון אַ באַן. וואָסי? וואָס פּאַר אַ ווערט האָט עס צוצוכאַפּן זיך אין שטעטל אויף אַ וועגעלע ווי מיינס? און אַז מען וויל, קאָן מען אויך כאַפּן אַ שפּאַציר פון באַן אין שטעטל. וואָסי, מ׳קאָן דען אַפּגעניצעוועט ווערן?

אַרטשיק האָט זיך אַ הויב געטאָן אויף דער קעלניע, ווי ער וואָלט געוואָלט זען, צי זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אַן איינדרוק אויפן פּאַסאַזשיר. ווען יענער האָט נאָך אַלץ געשוויגן, האָט אַרטשיק אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג, אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג צו די פערד, ווי איינער רעדט: ס׳איז אַרויסגעוואָרפן!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט אַרטשיק זיך ווידער געגעבן אַ דריי־אויס צום פּאַסאַזשיר, האָט אָנגעהויבן רעדן וואָזשנע און גלעטן זיין קורץ, געל בערדל.

— ס׳איז שווער צו זאָגן, וואָס ס׳איז שולדיג אינעם גוטן נאָמען פון אָט־דעם שטעטל. אפשר די צעווירעטע גאַסן און גלייכע הייזער, און אפשר גאָר דער ברייטער מאַרק, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט ווי אַ פעלד און איז אַרומגערינגלט מיט שיינינקע שטיבעלעך און מויערלעך. מיר דאַרפט איר ניט דערציילן. איך בין שוין אויסגעוווען אַ וועלט. אין וואָלינער געגנט איז שווער צו טרעפן אַ שטעטל מיט אַזעלכע גלייכע גאַסן. וואָלינער שטעטלעך צייכענען זיך אויס מיט זייערע צעדרייטע גאַסן און מיט הייזער, וואָס קריכן אַריין דעם פאַרבייגייער ווי אַ ביין אין האַלז. איינע שטייט אין איישישאָק, די אַנדערע אין בויבעריק. ביי אונז איז דאָס ניטאָ.

דער פּאַסאַזשיר האָט זיך אַרויסגעבויגן פונעם וועגעלע און באַקוקט דאָס שטעטעלע, וואָס דער באַלעגאָלע לויבט אַזוי שטאַרק. ער איז געווען אַ מאַן אין די דרייסיגער מיט אַ אידישלעך־פאַרזאָרגטן פּנים. אַרטשיק׳ס ווערטער זיינען פאַר אים געווען ווי צוגעטראָפן, ווייל ס׳איז אים זייער שטאַרק אָנגעגאַנגען דאָס שטעטעלע, וואוהין ער איז איצט אַריינגעפאָרן.

— טאַקע באמת אַ פיין שטעטעלע, — האָט ער באַמערקט. — זע נאָר, זע די שיינע בריק, וואָס פירט אַריין אין שטעטל: אָט אַזעלכע בריקן זיינען

דאָך גאָר אַ זעלטנהייט. פסס... און אַט גלייך טאַקע האָט איר דאָך אַ ברוקירטע גאַס.

און אַרטשיק האָט מיט אַ שטראַלנדיגן פּנים באַלד צוגעגעבן:

— אַהאַ! איך זאָג דאָך אייך. קוקט ניט אויף דעם וואָס די ערשטע עטלעכע הייזער זיינען הילצערנע, נידעריגע און באַדעקט מיט שינדלען און שטרוי. וואָס טיפער איר פאָרט אַריין אין שטעטל, אַלץ שענערע הייזער דערזעט איר, מיט הויכע בריקלעך און רויטע ציגעלעך, מיט בלעכענע דעכער. אַפילו „פּאַנאָרן" זיינען שוין אויך דאָ לעבן די הייזער...

אויף מאָרגן האָט שוין ס'גאַנצע שטעטל געוואוסט, אַז מנחם דער קלייטניק פאָרט אַריין. אַרטשיק האָט די אַרבעט געטאָן בשלימות. ער איז ווידער געזעסן אויף דער קעלניע מיטן פּנים אויסגעדרייט צו די פּאַסאַזשירן און האָט דערציילט:

— איר ווייסט, עס וועט צוקומען נאָך אַ גביר אין שטעטל.

— ווער איז?

— סטייטש, איר ווייסט גאָרניט? מנחם דער קלייטניק פאָרט דאָך אַריין. ער האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז דאָס שטעטל געפעלט אים.

די פּאַסאַזשירן האָבן דאָס געהערט. ווער עס האָט אַ געדאַנק מיט אַ ליפּן־בייס אָראָפּגעשלונגען און ווער עס האָט אַ פּשוט׳ן „אַז־וי?" אויס־געצויגן. אַרטשיק האָט אַ פייף געטאָן צו די פערד, און צו די פּאַסאַזשירן ווי פאַרבייגייענדיג אַ זאָג געטאָן:

— אַ פיין מענטשל!

— יאָ, אַ פיין מענטשל!

בייטאָג, ווען קרעמער זיינען אויף די שוועלן פון זייערע געוועלבן געשטאַנען און אויף קונים אויסגעקוקט, איז לייבקע דער מעקלער לעבן די קראָמען פאַרבייגעגאַנגען, געדרייט מיטן שטעקל אַהין און צוריק. מיטן שטעקל־געדריי האָט לייבקע אויף יעדערן זיין „גוט־מאָרגן" דערלאַנגט (ביי לייבקע דעם מעקלער האָט דער גאַנצער טאָג געהייסן „מאָרגן") און בעת מעשה יענעם אין די אויגן אַריינגעקוקט.

— נו, לייבקע, ס'הערט זיך?

לייבקע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— גאָרניט. וואָס זאָל זיך הערן? אַט זע איך ווי מ'מאַטערט זיך אויף אַ קונה אַריינצוקריגן.

— נו, וואָס דען? אַזוי גרינג איז עס אַ קרעמער צו זיין?

לייבקע האָט אָפּגעזיפּצט:

— יאָ, שווער, שווער. פונדעסטוועגן וויל קיינער ניט פאַרדינגען זיין קראָם.

די קרעמער האָבן פון זייערע שוועלן געקוקט פאַרוואונדערט. מיט פּאַמעלעכע טריט האָבן זיי אַרונטערגעשפּאַנט פון די טרעפּ און זיך דער־נענטערט צו לייבקע׳ן.

אַ איד מיט אַ קיילעכדיג בייכל און אַ גלאַטן גלאַנצנדיגן פּנים האָט זיך צוגערוקט צו לייבקע׳ן גאָר נאָענט, אַזוי אַז יענער האָט געמוזט אויפהערן צו דרייען מיטן שטעקל.

— וואָס זיינען דאָס עפּעס פּאָר אַ ווערטער, האַ?

לייבקע דער מעקלער האָט געוואָרפן אַן ערנסטן בליק אויף אַלעמען. אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ מין שטייפקייט. ער האָט כמעט ווי מיט בייזקייט אַרויסגערעדט:

— נו, וואָס דען? אַזוי שרייט איר דאָך, אַז די צייטן זיינען שלעכטע, נאָר ווען עס קומט צו פאַרקויפן אָדער פאַרדינגען אַ קראָם — יאָגט איר זיך ניט. אָט האָב איך אַ בעלן צו קויפן אָדער דינגען אַ קראָם. נו, ווערט איר זיך דאָך הייסן אָפּגילטן.

די קרעמער האָבן זיך איבערגעקוקט. נאָכדעם האָט זיך איינער אָפּ־געקערעוועט, געכאַפּט אַ קוק צו זיין קראָם, און —

— אוי, עמיצער איז, דאַכט זיך, צו מיר אין קלייט אַריין...

דערנאָך האָט יעדערער אַ „אויקע" געטאָן און זיך געלאָזט צו די קראָמען.

לייבקע דער מעקלער איז געבליבן שטיין איינער אַליין און האָט ווידער געקאָנט דרייען אומגעשטערט מיט זיין שטעקעלע.

2. לייבקע זוכט פּרנסה

לייבקע מוז האָבן פּרנסה. ער איז, קיין עין־הרע, אַ מטופל מיט קינדער און פון זיין מלמדות אַליין קאָן ער קיין חיונה ניט ציען.

איז וויבאַלד עס איז אים שוין יאָ צוגעשיקט געוואָרן אַזאַ העכט, ווי מנחם דער קלייטניק, דאַרף מען זיך כאַטשבי עפּעס פּאַזשיווען. האָט

לייבקע אָנגעהויבן צוטראַכטן פּלענער און „פּזמונות״, ווי אַזוי אַריינצוקריגן עפּעס אַ נישקשה׳דיג הכנסה׳לע.

לייבקע׳ן צו הילף איז געקומען אַרטשיק דער גלעזער, דער באַלעגאָלע. ער האָט דאָך עפּעס דער ערשטער „דערטאַפּט״, אַז מנחם דער קלייטניק וויל זיך אַריינקלייבן צו זיי אין שטעטל. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ: אַרטשיק האָט זיך דערוואוסט, אַז מנחם האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר גראָשן פון אַ באַנקראָטל, און אַז דערפאַר וויל ער איצט פּאַר חרפּה אַנטלויפן פון זיין היים.

מנחם דער קלייטניק איז געווען אַ פרומער איד און אַן ערלעכער סוחר. ער האָט קיינמאָל פון קיין באַנקראָטן אַפילו ניט גע׳חלומ׳ט, נאָר אַז צייטן זיינען אַזעלכע ביטערע, און אַז אַ ווייב ווערט קראַנק — מוז מען דאָך זי ראַטעווען. האָט זיך געצויגן פון טישקעסטל אַ קערבל נאָך אַ קערבל. די פּאַליצעס זיינען געוואָרן אַלץ ליידיגער, און דאָ — וועקסלען מוז מען צאָלן. מנחם איז אַרומגעלאָפן ווי אַ צעדולטער און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

מענטשן האָבן געכאַפּט אַ קוק צו מנחמ׳ען אין קלייט. מ׳האָט אויך גע־קוקט אויף מנחמ׳ס פּנים. מען האָט געוואָרפן רחמנות־בליקן, זיך גע־שושקעט און אָנגעהויבן געבן פאַרשיידענע עצות.

מנחם האָט יעדן טאָג אין בית־המדרש זיין ביטער האַרץ אין תפילות אויסגעוויינט.

דערפאַר, ווען מנחמ׳ס ברודער האָט געזאָגט: „ברודער, גיב איבער די קראָם אין מיין רשות, איך וועל עפּעס ראַטעווען״,—האָט מנחם געשוויגן.

דער ברודער זיינער האָט די סחורה אויסגעמאָסטן, אין די ביינאַכטן ערגעץ פּעקלעך סחורה אַוועקגעטראָגן, און אין עטלעכע טעג אַרום דער־קלערט צו דער וועלט: דער ברודער קאָן קיין חובות ניט צאָלן.

מען האָט אויפגעהאַנגען אַ שלאָס אויף דער טיר. סוחרים זיינען גע־קומען, זיך גע׳חשבונ׳ט און געטיילט, פאַרקויפט סחורה זייער ביליג, איינ־געלייזט אַ ביסל געלט און — זיך צעפאָרן.

מנחם האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט.

ווען אַרטשיק דער גלעזער האָט זיך דאָס דערוואוסט, האָט ער דערציילט די נייעס צו לייבקע דעם מעקלער, און זיי ביידע האָבן זיך שוין געזאָרגט וועגן באַזעצן מנחמ׳ען ביי זיך אין שטעטל.

לייבקע האָט דערציילט מנחמ׳ען, אַז די קרעמער טוען דאָ גוטע געשעפטן, אַז אַ קראָם צו דינגען אָדער קויפן איז מיט גאָלד גלייך. און פאַרדינגען האָט טאַקע קיינער ניט געוואָלט, ווייל: אויב עס לוינט זיך פאַר יענעם — לוינט זיך דאָך פאַר מיר אויך...

מנחם האָט פאַרשטאַנען, אַז לייבקע וויל אַרויסקוועטשן אַ גוט פאַרדינסטל, האָט ער אין אָנהויב געפּרוּווט אַליין אַ שמעק טאָן וועגן דעם, נאָר ווען ער האָט דערזען, אַז די קרעמער שטייען אויף די בריקלעך און באַגעגענען אים מיט קאַלטע בליקן, און וועגן פאַרדינגען אַ קראָם ווילן זיי אַפילו ניט רעדן, — איז ער מושווה געוואָרן מיט לייבקע דעם מעקלער.

לייבקע איז דעמאָלט ווידער אַרויס אין מאַרק, גערדרייט מיטן שטעקעלע אַהין און צוריק און יעדערן אַ „גוט-מאָרגן״ צוגעטראָגן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין ווידער געשטאַנען אַ גרופּע קרעמער אַרום לייבקע׳ן און ער האָט גערעדט וועגן די ביטערע צייטן. די קרעמער האָבן זיך צוגעהערט.

דער מאַרק איז געשטאַנען אַ פּוסטער און אומעטיגער. די זון האָט זיך געטונקען אין דינינקע שטיקלעך וואָלקנס. ערגעץ פונדערווייטנס האָט געסקריפּעט אַ וואָגן, געשלעפּט פון אַ פּאָר מידע פערד.

די קראָמען זיינען געשטאַנען ליידיגע און פאַרטראַכטע. לייבקע׳ס ווערטער האָבן געוואָרפן אַ מרה־שחורה אויף די קרעמער. זיי האָבן מיט בליקן פון יאוש געקוקט אויף די פּוסטע קראָמען און געשוויגן.

— אַנטלויפן וואָלט מען באַדאַרפט פון אַזאַ העק, — האָט לייבקע אַריינגעוואָרפן און זיך דערביי געשפּיליעט די קנעפּלעך פון קאַמזויל.

— וואוהין זאָלן מיר לויפן? וואו איז בעסער? — האָט אַ קרעמער געפרעגט.

— אַט לויפט מען דאָך צו אונז, — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

דאָ האָט זיך לייבקע דער מעקלער אַ כאַפּ געטאָן, אָנגעשטעלט די ברעמען און האָט שוין געוואָלט אָנהויבן רעדן, נאָר באַלד האָט ער זיך מיישב געווען, אַרויסגענומען אַ פּושקעלע טאַבאַק, אַרונטערגענומען פאַרזיכטיק ס׳דעקעלע, אָנגעקלאַפּט מיטן גראָבן פינגער אין פּושקעלע און גענומען אַ שמעק טאַבאַק.

די קרעמער האָבן אויך זייערע פינגער געשטופּט אין פּושקעלע און געוואָרט אויף לייבקע׳ס ענטפער.

לייבקע האָט גערעדט פּאַמעלעך, מיט גרויס אָנזען, האָט פילאָזאָפירט וועגן קרעמערישן לעבן, וועגן מנחם דעם קלייטניק'ס אַריינפאַרן אין שטעטל, און ער האָט פאַרענדיגט:

— איר ווייסט דאָך, ווען מען טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אין אַ שטרוי...

— פונדעסטוועגן האָט ער פונעם באַנקראָטל אָפּגעשפּאַרט אַ פיינע פאַר גראָשן, — האָט איינער געוואָלט מיט דעם עמיצן טרעפן.

לייבקע האָט גלייך געענטפערט:

— ווייניג וואָס אָפּגעשפּאַרט, מיינע פריינט. פאַרגעסט ניט, אַז מנחם דער קלייטניק איז אַן ערלעכער מאַן און דער באַנקראָט קאָסט אים אַ סך געזונט. אין דער אמת'ן איז אַ כבוד פאַר אונז צו האָבן אַזאַ־אַ מענטשן, ווי מנחם. מיר דאַרפן אים אַרויסהעלפן.

אין אָוונט איז לייבקע געזעסן ביי מאָטל לייבוש'עס אין הויז. ס'גאַנצע הויז־געזינד איז געזעסן אַרום טיש ביי אַ גלעזל טיי און זיך צוגעהערט צום געשפּרעך צווישן מאָטל'ען און לייבקע דעם מעקלער.

לייבקע האָט געמישט מיט אַ לעפעלע אין גלאָז, געקנייטשט דעם שטערן און ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

— יאָ, יאָ, כ'ווייס, אַז אייער לאַגע איז אַ שלעכטע.

מאָטל לייבוש'עס האָט געזיפצט:

— שלעכט צו שלעכט איז דאָך ניט גלייך. איז ווער ווייסט: אפשר משנה מקום—משנה מזל. איר זייט דאָך אַ איד, וואָס גייט אַרום צווישן מענטשן. אייער עצה איז ווערט אַ סך.

לייבקע האָט מיטאַמאָל די אויגן אַ הויב געטאָן צו מאָטל'ען, אַ ווילע געקוקט אויף אים. נאָכדעם האָט ער דעם שטול אַ רוק געטאָן צו אים ווי מיט מורא, אַז זיינע ווערטער זאָלן ניט אַנטלויפן. ער האָט פאַרזיכטיג און פּאַמעלעך געזאָגט:

— כ'האָב אַן עצה, מאָטל. ווי איך בין אַ איד, אַז איך האָב אַ גוטע עצה. אַלע האָבן אָנגעשטעלט די אויערן.

— יאָ, משנה מקום—משנה מזל, — טאָ אויב אַזוי, בייט זיך גאָר מיט מנחם דעם קלייטניק. ווער ווייס, אפשר פאַר אים וועט דאָ זיין בעסער, און פאַר אייך — דאָרטן...

אויף מאָרגן ביינאַכט, ווען ס'שטעטל איז ווידער געשלאָפן און דער

געקלאַנג פון די גלעקלעך האָט זיך געהערט דין און שאַרף, איז אַרטשיק דער באַלעגאָלע געזעסן אויף דער קעלניע, אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צו די פּאַסאַזשירן, און זיי דערציילט:

— אָט אַזוי דרייט זיך די וועלט און אַזוי איז אונזער לעבן. מנחם דער קלייטניק האָט זיך געביטן מיט מאָטל לייבוש׳עס. מאָטל לייבוש׳עס איז אַרויסגעפאָרן אין מנחמ׳ס שטעטל און האָט גענומען מנחמ׳ס קראָם, און מנחם האָט זיך באַזעצט ביי אונדז און גענומען מאָטל לייבוש׳עס קראָם.

איינער פון די פּאַסאַזשירן האָט באַמערקט:

— און ביידע וועלן זיי האָבן וואַסער אויף קאַשע.

אַ צווייטער האָט אַ מורמל געטאָן:

— אַ געמוטשעט לעבן . . .

קאַפּיטל צוויי: שכנים

1. מנחם דער קלייטניק

מנחם איז געווען אַן אָנגעלייגטער מענטש אין שטעטעלע, וואוהין ער האָט זיך איצט אַריבערגעקליבן, ווייל ער איז ניט געווען אַבי ווער. אַ מענטש, וואָס שטאַמט פון גרויסן יחוס, פון רבנים און גוטע־אידן; איז אַליין אַ גרויסער למדן און פירט אַ רבנ׳יש הויז.

די חסידים אין שטעטעלע האָבן זיך געפרייט: איצט האָבן מיר אַ מענטשן, וואָס וועט אונזער סביבה באַלויכטן; זיין חסידישע התלהבות וועט דינען אַלס אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע. זיין דאַוונען וועט וועקן פרומקייט ביי אַלעמען.

ניט אומזיסט האָבן זיי אַזוי גערעדט וועגן מנחמ׳ען. געהערט האָבן זיי נאָך פונדערווייטנס, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז. אַי, וואָס עס האָט זיך איצט געטראָפן מיטן באַנקראָטל, — נו, עס איז דאָך אַן אומגליק־פאַל. און אפשר איז עס טאַקע אַזוי באַשערט געווען, כדי מנחם זאָל צו זיי אין שטעטל אַריבערפאָרן.

מנחם פלעגט פאַרבייגיין די רעדלעך מענטשן און פאַרשטיין, אַז דאָס רעדט מען וועגן אים. ער פלעגט זיך פאַרבייטראָגן דורך זיי ווי אַ נזיר, פאַרטאָן אין הויכע ענינים. דאָס איז געווען זיין שטענדיגע טבע. ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיג, זשוואַווע מענטשל, מיט אַ בלאָנדער באָרד און געקרייזלטע פאות. זיין פנים איז געווען ווייס, די אויגן — בלוי און ברייט־צעעפנט.

מנחם פלעגט מיט זיינע פיס די ערד ניט אָנרירן. ער האָט זיך גע־טראָגן גרינג ווי אַ פעדער איבער דער ערד. די קאַפּאָטע איז שטענדיג געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ זיידענעם גאַרטל, און אַ רויטע פאַטשיילע פלעגט אַרויסשטעקן פון דער קאַפּאָטע־קעשענע.

זיין גאַנג און פריילעכער געמיט האָט געוועקט דרך־ארץ צו אים. האָבן די פרומע און איידעלע אידן, און די פּראָסטערע אַוודאי, אָנגעהויבן

צו קוקן אויף אים ווי אויף אַ „גוטן־אידן". אָפט פלעגט מען אים טראָגן אַ „שלום־עליכם" אַנטקעגן און זיין גליקלעך מיט זיינס אַ וואָרט.

אין שול איז מנחם באַלד געוואָרן דער ראש אין מזרח. ווען ער האָט געדאַוונט פאַרן עמוד מיט אַ וויינענדיגן קול, פלעגן פרויען זיך פאַרגיין אין אַ געיאָמער; ווען ער האָט אַרויסגעקייקלט זיינע זינגענדיגע התלהבות־דיגע תפילות, פלעגן קעפּ פון דער הויך, דורך די קליינינקע פענצטערלעך פון דער ווייבערשער שול, אַרויסקוקן. די פרויען האָבן זיך געוואונטשן: הלואי אויף אונזערע קינדער גוזאָגט געוואָרן... די מענער האָבן מיט גרויס יראת־הכבוד לאַנגזאַם געפּרואווט אַנהאַלטן דעם טאָן פון זייער חזן.

אָבער ניט נאָר איז מנחם געוואָרן די הויפּט־פיגור און מדריך ביי די חסידים און עלטערע און פרומע מענטשן. אויך אין די יוגנטלעכע קרייזן האָט מען וועגן אים גערעדט, און גערעדט האָט מען וועגן אים ווי וועגן אַן אמת׳ער געפאַר, אַ שטערונג, ווייל ער האָט זיי אַ סך ערגערניש פאַרשאַפט.

זינט מנחם איז אַריינגעפאָרן אין שטעטל, האָט זיך אַריינגעריסן אַ קריגעריי אין די היימען צווישן די עלטערן און קינדער.

— אָט, פלעגן די עלטערן טענה׳ן, — אָט האָט מנחם אויך אַ זון. ער לעבט אויך אין די „מאָדערנע טעג" — פונדעסטוועגן, זעט ווי ער פירט זיך.

די קינדער האָבן זיך געוועהרט, פּראָטעסטירט, און, פאַרשטייט זיך, געטאָן אַלץ ווי פריער, נאָר די קריגערייען האָבן זייער לעבן אַ ביסל פאַרביטערט.

ווען מנחם וואָלט ניט געהאַט אַזאַ זון, וואָלט ער זיכער ניט געקאָנט שפּילן די ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט. דער בחור איז פון קראָם ניט אָפּגעטראָטן. ער איז אינגאַנצן געגאַנגען אין טאַטנ׳ס וועגן. קיין חברים האָט ער ניט געהאַט. פלעגט ער אין די שבתים און יום־טובים גיין מיטן טאַטן אין שול און פון שול, און אין די מיטנוואָכעדיגע טעג פלעגט ער דאַווענען מיטן ערשטן מנין, כדי דער טאַטע זאָל קאָנען דאַווענען מיטן צווייטן, באַלעבאַטישן, מנין.

מנחמ׳ס זון, יאַנקל, איז פאַר זייטיגע מענטשן געווען ווי אַ רעטעניש. ווי לעבט עס אַזוי אַ יונגערמאַן? איז ער טאַקע באמת אַזוי פרום? אָדער אפשר טוט ער דאָס אויס מורא פאַרן טאַטן? ער האָט זיך אָבער וועגן קיינעם ניט געקימערט. מענטשן פלעגט ער באַגעגענען מיט אַראָפּגעלאָזטע

אויגן, שטענדיג געווען שווייגנדיג, און אַזוי, שווייגנדיגערהייט, האָט ער געטאָן די אַרבעט אין קראָם.

יאַנקל איז געווען מנחמ׳ס רעכטע האַנט.

וועגן די קלענערע קינדער האָט נאָך קיינער ניט געטראַכט.

מנחמ׳ס ווייב, אַ פרוי מיט אַ לאַנגן פּנים, מיט שטענדיג־טרערנדיגע אויגן, האָט אויך אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין קראָם.

מנחם האָט שוין מער ניט געהאַנדלט מיט קיין שניט־סחורה. ווען ער איז אַריינגעפאָרן אין דעם נייעם שטעטל, האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין ווייב און זון אַזוי:

— הערט, קיין באַנקראָטן וויל איך שוין מער ניט. ס׳איז שווער צו האַנדלען מיט טויטער סחורה. אַ סחורה, וואָס ליגט — טויג ניט. אָבער עסנוואַרג גייט שטענדיג. מענטשן זוכן עסן. היינט איז עס דאָ, מאָרגן — ניט. איך וויל האַנדלען מיט עסנוואַרג.

האָט מנחם געעפנט אַן עסנוואַרג־געשעפט. האָבן מענטשן געטראַכט, אַז ביי ר׳ מנחמ׳ען איז דאָך געוויס אַלץ ראַיעל און כשר. האָבן מענטשן אָנגעהויבן ביי אים צו קויפן, און די פּאַליצעס האָבן אָנגעהויבן אַלץ פולער ווערן.

האָבן אין אַ קורצער צייט דיזעלבע מענטשן שוין אָנגעהויבן קנייטשן מיט די אַקסלען: זעט נאָר, ווי ס׳גייט אים! דער מענטש ווערט דאָך נתעשר.

צוביסלעך איז מנחם געוואָרן אַן איינגעוואָרצלטער תושב אין שטעטעלע. עס איז שוין שווער געווען צו רעדן וועגן דעם שטעטל און דערביי ניט אינזינען האָבן מנחמ׳ען, אָדער פאַרקערט.

— עס איז באמת אַ שווערער ענין. הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן: גייט זיך אַדורך צו ר׳ מנחמ׳ען.

אַזוי פלעגן מענטשן עצה׳נען איינע די אַנדערע.

לייבקע דער מעקלער איז פון מנחמ׳ס הויז שוין גאָרניט אַרויסגעגאַנגען. — דאָרטן צו זיצן איז אַ גן־עדן, — פלעגט ער טענה׳ן. — די שכינה רוט דאָרטן אין הויז.

און אפשר האָט לייבקע גאָר אַן אַנדער כונה געהאַט. מאַלע וואָס בייזע צינגער קאָנען רעדן! מען האָט געזאָגט, באשר וואָס, אַז לייבקע האָט אינזינען אַ ביסל שדכנות־געלט. ער וויל פאַרזאָרגן אָט־דעם שטילן און

פרומען בחור, מנחמ׳ס זון, מיט אַ כלה. נאָר ווי אויף צו־להכעיס גייט עס ניט.

לייבקע האָט געֲ׳טענה׳ט, אַז אויסצו׳שדכנ׳ען אַ כלה פאַר מנחמ׳ס זון איז ביי אים ניט מער ווי אַ ביי־זאַך. אין דער אמת׳ן איז ער בלויז אויסן זיך צו געפינען אין מנחמ׳ס סביבה.

פונדעסטוועגן איז לייבקע געווען מלא רציחה אויף די שטעטלדיגע מיידלעך. ער פלעגט דרייען מיטן שטעקעלע און טענה׳ן:

— דאַכט זיך, וואָס? דאַכט זיך אַזאַ מין אוצר. שטיל ווי אַ טויב. אַן ערלעכער געשעפטסמאַן, היט אָפּ זיין שטיקל ברויט. אַ ווייב וואָלט דאָך פאַר אים אויפגעלעבט, און די מיידלעך — רק זיי ווילן ניט.

און אין די שבת־פאַרנאַכטן, ווען די מיידלעך פלעגן זיך אַרומשפּאַצירן איבערן בריק, הינטערן שטעטל, מיט שטייפע, פאַרפּאַסעוועטע טאַליעס און אַרויסגעשטעלטע בוזימער, האָבן זיי זיך אָפּט אַזוי צעלאַכט, אַז דער בריק פלעג אַזש, דאַכט זיך, מיטלאַכן און זיך טרייסלען. וואָסי? דאָס האָבן זיי דערציילט איינע די אַנדערע, ווי אַזוי לייבקע וויל זיי איינ׳שדכנ׳ען מנחמ׳ס זון.

2. די משפּחה פון עלף

בלויז איין מענטש, פון מיטעלע יאָרן, האָט אויף דעם גאַנצן ענין מנחם געקוקט מיט פאַרדראָסיגע אויגן. אָט־דער מענטש האָט געוואוינט דוקא אַ הויז לעבן אַ הויז מיט מנחם דעם קליישניק.

ווי אַזוי אָט־דער מענטש קומט צו וואוינען אין דער גאַס פון מנחם דעם קליישניק, איז זייער שווער צו זאָגן. פאַרשיידענע השערות זיינען אַרומגעגאַנגען וועגן דעם: איינציגע האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט זיך אים אַ ירושה אָפּגעשטעלט; אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט ער אַ מציאה אויף אַ יאַריד געפונען און האָט אַ הויז אויף דער שיינער גאַס געקויפט. פאַר אַ חוצפּה איז דאָס אַלנפאַלס באַטראַכט געוואָרן: ווי קומט דאָס שראַליע דער גאַרבער צו וואוינען צוגלייך מיט די שענסטע באַלע־באַטים פון שטעטל?

שראַליע דער גאַרבער איז געווען אַן אַרעמאַן אין זיבן פּאַלעס. דאָך איז ער געווען באַוואוסט איבערן גאַנצן שטעטל, ווייל ער איז געווען אַ איד אַ חוצפּה׳ניק און ער האָט ניט איין גביר אָפּגעזידלט. שראַליע האָט גע־

אַרבעט ערגעץ הינטערן שטעטל אין אַ געסל, וואו מענטשן האָבן זיך זעלטן באַוויזן. דאָס געסל איז שטענדיג געווען פאַרוואָרפן מיט שטיקלעך לעדער, פעל צונויפגעמישט מיט נאַסקייט. אַ זויערער לעדער־ריח האָט זיך גע־פילט שוין פון אַ גאַס ווייטער. די הייזקעלעך זיינען דאָרטן געשטאַנען ליידיגע און איינגעפאַלענע; פלויטן, צעפוילטע און איבערגעקערטע, האָבן זיך געוואַלגערט. אין דעם זעלביגן געסל האָט זיך אויך געפונען דאָס שעכט־הויז.

און אין יענעם געסל האָט זיך דאָס די גאַרבאַרניע געפונען — אַ נידעריג, גרויס הויז, מיט ברייטע צעפראַלטע טויערן. אין יענעם הויז פלעגט עס שראָליע דער גאַרבער אַרבעטן פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אָוונט.

שראָליע האָט זיך מיט זיין פּרנסה ניט געשעמט. ער פלעגט זאָגן: ווענען עס שמעקט ניט — דער קאָן די נאָז פאַרלייגן. מיט די פאַרווייקטע, „שמעקעדיגע״ שטיוול פלעגט ער אַהיימגיין און בעת־מעשה מיט שטאָלץ טרעטן איבער די שטעטלדיגע גאַסן.

זיין ווייב, אַ ברייטע און נידעריגע אידענע מיט אַ צוגעפלעטשטער נאָז, האָט דאָס דוקא ניט געוואָלט ליידן. זי פלעגט דערפאַר אָפט אונטער־וואָרטשען:

— ניט געקאָנט איבערבייטן די שטיוול, ניט געקאָנט, האַ?

שראָליע האָט דעמאָלט אויף איר אַ קוק געטאָן, פאַרקריצט מיט די ציין און געזאָגט:

— אַ כאָליערע זאָל דיך טרעפן, דו נבלה! ברויט האָסטו דאָך דערפון. דו גלייכסט זיך שוין אויך צו די גבירים?

הינדע, זיין ווייב, פלעגט זיך שטיל אָוועקרוקן אין אַ זייט, ווייל זי האָט שוין גוט געוואוסט וואָס עס הייסט צו דערצאָרענען איר מאַן. שראָליע פלעגט שוין אָבער דעמאָלט אַ גאַנצן אָוונט האַלטן אין איין בורטשען, זיין קוק האָט אַ מורא אָנגעוואָרפן: צוויי קאַסאָקע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אין פאַרקערטע ריכטונגען, און פון כעס פלעגט פון זיין מויל זעצן אַ פּיענע.

אָט דער שראָליע דער גאַרבער האָט געטראָגן אַ האַס אויף מנחם דעם קלייטניק.

— זע נאַר, זע, — פלעגט ער זאָגן, — אַן אויסגעווייקט פלעכטל, אַ

צעקראַכענע לעמעשקע איז אַריינגעפאָרן אין שטעטל, און ס׳שטעטל גייט כאַדאָראַם.

נאָר ווער האָט זיך דען צוגעהערט צו שראַליע דעם גאַרבער׳ס ווערטער?

שראַליע פלעגט גאָר אַן אַנדער מענטש ווערן, ווען זיינע קינדער זיינען געווען אין הויז. קינדער האָט ער געהאַט ניין—זיבן זין און צוויי מיידלעך. זיין ווייב, הינדע, האָט זיך געקינדלט זייער אָפט.

די מיידלעך זיינען נאָך געווען גאָר קליינע. דערפאַר זיינען אָבער די זין שוין געווען גאַנצע כוואַטן. די עלטערע פון זיי האָבן זיך אין שטעטל געלאָזט גאַנץ גוט שפּירן. זייערע „ידים״ האָבן ניט איין זיידענעם יונגער־מאַנטשיק דערלאַנגט פאַר פאַרטשעפּען עמיצן פון זייער חברה.

זעלטן ווען עמיצער האָט געוואַגט עפּעס צו זאָגן געגן שראַליע׳ן מיט זיינע זין, ווייל מען האָט געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט.

באַוואוסט אָבער זיינען זיי געווען אונטערן נאָמען: „די משפחה פון עלף״.

שראַליע פלעגט אָפט צוזאַמענגעמען זיינע זין, זיי אַלעמען אַרומזעצן אַרום זיך און דערציילן פאַרשיידענע מעשיות פון זיין לעבן. איבערהויפּט האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן, ווי אַזוי בחור׳וויז פלעגט ער אָפטאָן שפּיצלעך צו די גבירישע קינדער.

די זין האָבן געקוקט מיט דרך־ארץ׳דיגע אויגן צו זייער טאַטן, ווייל זיי אַליין זיינען שוין אויך ניט געווען קיין אינגעלעך. אמת איז טאַקע, אַז קיין למדנים זיינען זיי ניט, און קיין ביכל איבערלייענען קאָנען זיי אויך ניט זייער גוט. דערפאַר אָבער צווישן מענטשן, וואָס קאָנען לייענען ביכלעך און האַלטן רעדעס, געפינען זיך שוין יאָ די עלטערע צוויי זין. זיי זיינען מיטגלידער פון „בונד״.

ס׳איז טאַקע אויך אמת, אַז זייער גרינג איז ניט אַנגעקומען זיי צו מאַכן פאַר מיטגלידער פון „בונד״, ווייל צו וואָס האָבן זיי דאָס געדאַרפט האָבן? אַ כאַפּטע האָבן זיי געהאַט אַ שטאַרקע. מען פלעגט זיך צוזאַמענ־קומען און אָפּטאָן פאַרשיידענע שפּיצלעך. ניט איין לאָדן פון אַ הויז האָט מען אַרונטערגענומען, און ניט איין שטייג הינער האָט מען אַרויסגע׳גנב׳עט. היינט וויפיל פערד האָבן זיי פון די שטאַלן אַרויסגעטריבן?

נאָר צו קיין געלט פונדעסטוועגן איז דאָס ניט געקומען. קבצנים זיינען זיי דאָך אַלע איינס געווען. נו, איז ווען מען איז געקומען צו זיי און דער־ציילט גאַנצע געשיכטעס וועגן אָרימע און רייכע, איז פאַרוואָס ניט? פאַר־וואָס דאַרפן טאַקע עפּעס זיין אָרימע און רייכע? און וואָס פאַר אַ העזה האָט דאָס טאַקע דער פּריסטאַוו צו שלאָגן און אַרעסטירן די „בונדאָווצעס"? — זיי וועלן אים ווייזן!

האָבן זיי איינמאָל אַ זאָג געטאָן צו מרדכי דעם קצב'ס זון: הער, פאַרשרייב אונז דאָרטן אין דיין „בונד"!

מען האָט זיי פאַרשריבן. מען האָט זיי געבראַכט אין דער אָרגאַני־זאַציע און געגעבן ביכלעך צו לייענען. אַ ביסל לייענען האָבן זיי יאָ גע־קאָנט און זיי האָבן געקוקט מיט פאַרשנדיגע אויגן. באַכדעם האָבן זיי טאַקע צוביסלעך אָנגעהויבן לייענען, נאָר עפּעס קיין צו־שטאַרקן חשק צו לייענען האָבן זיי ניט געהאַט. וואָס? זיי ווייסן דען אַליין ניט וואָס ס'טוט זיך?

די איבגערע ברידער האָבן זיך אָפּט צוגעהערט צו די רייד פון די עלטערע. די מעשה, וואָס די אַרבעטער זיינען ניט פריי צו רעדן און טאָן וואָס זיי ווילן, האָט זיי אויך פאַרדראָסן. זיי וואָלטן שוין אויך אַפילו גרייט געווען אַריינצוגיין אין „בונד", נאָר עפּעס האַלט מען זיי נאָך אָפּ: זייער אויפפירונג דאַרף זיין אַ בעסערע! זאָלן זיי פריער לייענען די ביכלעך, וואָס מען גיט זייערע ברידער, און דערנאָך וועט מען זען.

זיי האָבן דאָס אַפילו ניט זייער גוט פאַרשטאַנען, נאָר פונדעסטוועגן האָט דאָס אַ ביסל אויף זיי געווירקט צום בעסערן. אַ פּאָר פון זיי האָבן זיך טאַקע גענומען שטאַרק צום לייענען, און ווען זיי האָבן באַדאַרפט אָפּטאָן אַ ניט־פּאַסיג שטיקל אַרבעט אין שטעטל, האָבן זיי זיך אַפילו פאַר זייערע ברידער באַהאַלטן...

שראָליע איז געווען זייער שטאָלץ מיט זיינע זין. דאָס איז אפשר געווען דאָס איינציגע הויז, וואו קינדער און עלטערן האָבן, פּונקט ווי ביי מנחמ'ען אין הויז, געלעבט בשלום.

מנחם דער קלייטניק האָט געוואוסט, אַז שראָליע דער גאַרבער טראָגט אויף אים אַ האַס. נאָר וואָס גייט עס אים אָן, וואָס אַ גראָבער יונג טראַכט וועגן אים? פאַרדראָסן האָט אים בלויז, וואָס שראָליע'ס בנים לאָכן זיין זון גלייך אין פּנים אַריין יעדעס מאָל ווען זיי באַגעגענען אים.

איינמאָל האָט מנחם דער קלייטניק שוין אַפילו זיך אָפּגעשטעלט און אַ געשריי געטאָן צו איינעם פון די בנים:

— הולטאַי! גראָבער יונג! ווער, דענקסטו, בין איך דיר? — נאָר ווען ער האָט דערזען, ווי יענער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גרויסע בייזע אויגן, האָט מנחם אַ הויב געטאָן די קאַפּאָטע און גיך־גיך אַוועקגעשפּאַנט ווייטער.

אַ פּאַרדרוס האָט אים דערפאַר געפּלאָגט: אַך, אָט־די משפחה פון עלף, — ווי ווערט מען פון איר פּטור?

קאַפּיטל דריי: פּרויקע דער שוסטער

1. דוד׳ל

מנחם האָט אַ שטיקל צייט אויף געהאַלטן ביי זיך אין הויז זיינעם אַ פּלימעניק. דוד׳ל האָט מען אים גערופן. ווי אַזוי דוד׳ל איז געקומען צו וואוינען מיט מנחמ׳ס משפּחה און ווי אַזוי ער איז פון זיי אַוועק, גייט אַרום אַזאַ געשיכטע:

ראובן, מנחמ׳ס אַ ברודער, האָט אַ סך יאָרן געלעבט מיט זיין פרוי און קיין קינדער ניט געהאַט. מיטאַמאָל איז ער באַגליקט געוואָרן: זיין פרוי האָט אים געבוירן אַ אינגל.

דער טאַטע האָט זיך געצאַצקעט מיט זיין בן־יחיד׳ל. די מאַמע האָט געציטערט איבערן זונעלע, ווי איבער אַן אבן־טוב. די איינציגע פרייד זייערע איז געווען: דוד׳ל.

ווען דוד׳ל איז געוואָרן בר־מצוה, האָט מען אַ גרויסע סעודה גע־פּראַוועט. מענטשן זיינען געווען קאָפּ־אויף־קאָפּ. אַלע האָבן זיך געפרייט מיטן בעל־שמחה. ראובן אַליין האָט פון פרייד געכאַפּט אַ שיינע פּאַרציע בראָנפן, און איז אַפילו געגאַנגען אַ האָפּקע אויפן מיטן גאַס.

אין דרויסן איז געווען קאַלט. די קעלט האָט דורכגענומען דעם שוואַכן און פאַרשוויצטן ראובנ׳ען. ער האָט באַלד דערפילט אַ שטעכעניש אין די זייטן. נאָכדעם האָט ער געפילט, ווי עס קייקלט זיך עפּעס אַזוי פון אינע־ווייניג און וויל זיך אויף דער פריי אַרויסרייסן. ראובן האָט געקראָגן אַ שטאַרקן הוסט, פון וועלכן ער איז, נאָך דריי יאָר מוטשען זיך, געשטאָרבן.

דוד׳לס מוטער, וועלכע איז קיין גיבור׳טע ניט געווען, האָט זיך זייער שטאַרק צום האַרצן גענומען. פון גרויס עגמת־נפש איז זי פּאַראַליזירט געוואָרן און האָט געמוזט אַנקומען אין אַ בקור־חולים.

מען האָט דעם יתום געבראַכט צו מנחמ׳ען.

אַ קליינס און אַ דאַרס איז דוד׳ל געווען. מנחם האָט אים באַטראַכט און געקנייטשט מיט די פּלייצעס. מרים האָט די אויגן געווישט. דאָס

גאַנצע שטעטל האָט אים נאָכגעקוקט מיט רחמנות׳דיגע בליקן און אים אַ „נעבעך“ צוגעוואָרפן.

די ערשטע עטלעכע וואָכן איז דוד׳ל געווען אַן אומזיסטער קעסטניק ביים פעטער. דעמאָלט האָט די מומע, מיט די טרערנדיגע אויגן, אַ פרעג געטאָן ביי איר מאַן:

— נו, נו, וואָס וועט זיין? מען דאַרף דאָך זוכן עפּעס אַ תכלית פאַר דיין פלימעניק.

מנחם האָט איר גאָרנישט ניט געענטפערט.

איינמאָל איז ער געקומען אַהיים און געזאָגט צו זיין פלימעניקל:

— הער, דוד׳ל, איך האָב שוין באַזאָרגט פאַר דיר אַ שטעלע. דו וועסט זיך לערנען פאַר אַ „פריקאַזטשיק“ ביי נאָטע יחיאל׳ס איידעם אין קראָם.

דוד׳ל האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. ער האָט ווי מיט דאַנקבאַרע אויגן געקוקט אויף זיין פעטער, און האָט געפילט ווי עפּעס האָט זיך אין אים מיטאָמאָל אָפּגעריסן...

אַזוי האָט דוד׳ל אָפּגעאַרבעט אין קראָם אַלס „פריקאַזטשיק“ עטלעכע חדשים.

איינמאָל איז דוד׳ל געקומען אַהיים זייער שפּעט. די מומע האָט אויף מאָרגן אויסגעלאָזט צו אים אַלע וויסטע חלומות. דער פעטער האָט אויף אים אַ בייזן קוק געטאָן און געפרעגט: וואָס איז דאָס? דוד׳ל איז אָבער ניט נתפעל געוואָרן. ער האָט זיי געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און געשמייכלט.

— וואָס? וואָס איז מיט דיר די גדולה? — איז שוין דער פעטער אַרויס פון די כלים.

— גאָרניט, פעטער, — האָט דוד׳ל קאַלטבלוטיג געענטפערט. — איך וויל מער אין קראָם ניט אַרבעטן. כ׳וועל זיך בעסער פאַר אַ שוסטער לערנען.

אויף מאָרגן איז שוין לייבקע דער מעקלער געווען זייער שטאַרק באַשעפטיגט. ער איז געשטאַנען אין מאַרק צווישן אַ רעדל מענטשן און דערציילט:

— הערט, אָט אַזאַ קליינער טייוול! דער פעטער האָט אים געהאַלטן ביי זיך אין הויז, אים אַפילו באַזאָרגט מיט אַ שטעלע און געהאָפט פון

אים מאַכן עפּעס אַ שטיקל מענטשן. נו, קומט ער צוגיין אַהיים און זאָגט פּראָסט און פּשוט, אַז מער אין קראָם וועט ער ניט גיין. נו, אויב דאָס אַליין איז ניט גענוג, גייט ער נאָך דערצו אַוועק צו פּרויקע דעם שוסטער צו לערנען זיך שוסטעריי!

לייבקע נעמט אַ שמעק טאַבאַק און ציט עס אַריין טיף אין נאָז. די מענטשן אַרום זשומען ווי די בינען אין אַ בינשטאָק.

— ס'טע געהערט? פאַרבייטן אַ קראָם אויף שוסטעריי?!...

— ביי ר' מנחמ'ען זאָל זיך דאָס טרעפן!...

— אַוועק צו פּרויקע'ן דעם אַפּיקורס!

— ש־שאַ! — האָט לייבקע דער מעקלער געווישט די נאָז מיט אַ גרויסער פאַטשיילע. — דאָס איז נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן...

אַלע זיינען שטיל געוואָרן.

— און אַ חדר האָט ער גענומען ביי שראַליע דעם גאַרבער, מנחמ'ס דם־שונא.

— ביי דער משפּחה פון עלף?

— אַהאַ!

— וויי צו ר' מנחמ'ען!...

2. ניט ווייט פון דער קאַנאַווע

ערגעץ הינטערן שטעטל, ביים ראָג פון אַ זייטיק געסל, איז געשטאַנען אַ שטיבעלע, אַ קליינס, אַן איינגעהויקערטס. די שטיבעלעך פונעם גאַנצן געסל זיינען געווען אַלטע און צעבראָכענע, נאָר ווייל זיי האָבן זיך גע־טוליעט איינע אין די אַנדערע, האָט זיך זייער עלנט אַזוי ניט אָנגעזען. דאָס שטיבעלע, אָבער, וואָס אויפן ראָג, האָט זיך געבויגן ווי אויף אַוועק־צורייסן זיך פון די אַנדערע, און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט וועט עס איינפאַלן.

די שערענגע צעבראָכענע שטיבעלעך איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, און עטלעכע טריט פונעם באַרג איז געווען אַ גרויסע און טיפע קאַנאַווע, וואוהין ס'שטעטל האָט געוואָרפן דאָס מיסט. ביינאַכט האָבן מענטשן מורא געהאַט פאַרבייצוגיין אָט־די קאַנאַווע, ווייל עס זיינען וועגן איר אַרומ־געגאַנגען אַלערליי מעשיות פון שדים און רוחות. גלויביגע האָבן דער־

ציילט, אַז אָט־די קאַנאַווע איז דאָס דער עיר־מקלט פאַר אַלע גלגולים...
טאָ וואָר, כ׳בעט אייך, וועט זיך דאָס איינשטעלן און זיך וועלן טרעפן מיט גלגולים ?

דערפאַר האָט זיך ס׳שטעטל געוואונדערט, ווי אַזוי מענטשן וואוינען דאָרטן אויפן באַרג. עס פאַלט דאָך אָן אָן אימה אַפילו צו רעדן וועגן אָט־די מענטשן. אגב, קיין אידן מיוחסים וואוינען דאָך דאָרטן טאַקע ניט. טאָמער זיצט דאָרטן דער אַלטער בער דער לאַפּיטוטניק, נו, ווייסט מען דאָך, אַז דער מענטש איז קאַרג און פאַרגינט זיך אַפילו קיין גלאָז טיי ניט.

וועגן אָט־דעם לאַפּיטוטניק האַלט מען אין איין רעדן און לאַכן. אַ משפּחה האָט ער ניט קיין גרויסע, איינגאַנצן דריי זין. יעדער איינער פון זיי האָט אַ באַזונדער קניפּל געלט, און יעדערער האַלט באַהאַלטן אַ באַזונדער טאָרבעלע צוקער. פאַר אָט־דעם צוקער האַלטן זיי זיך שטענדיג אין איין אַרומרייסן. זיי גנב׳ענען עס איינער ביים צווייטן, און דער טאַטע מיט די זין זשאַלעווען זיך ניט קיין בוכטשעס צוליב דעם.

וואָס טוען אָט־די לאַפּיטוטניקעס ? אַ גאַנצן זומער גייען זיי אַרום איבער די דערפער. עסן קריגן זיי ביי די פויערים און נעכטיגן נעכטיגן זיי אין די פויערשע שייערן. אין די דערפער זיינען זיי מיט די פויערים אויסגעבונדן, און ס׳איז שווער זיך פאַרצושטעלן אַ דאָרף אָן אַ לאַפּיטוטניק.

דערפאַר אָבער ווען דער ווינטער קומט, גייען זיי פון שטוב ניט אַרויס. ווינטער דאַרף מען דאָך האָבן וואַרעמע קליידער און גאַנצע שיך, וואָס אויף דעם לוינט זיך ניט אויסצוגעבן קיין געלט. איז שוין טאַקע בעסער דעם ווינטער איבערצוליגן אויף די אויוונס און באַקן די פונעם זומער פאַר־גרייטע בולבעס.

די צווייטע משפּחה, וואָס האָט געוואוינט אויף יענעם באַרג, איז געווען יאָסי דעם בעטלער׳ס. קיין ווייב האָט דער בעטלער שוין פון לאַנג ניט געהאַט. זי איז געשטאָרבן פון טיפוס. האָט זיך יאָסי אָפּגעשטעלט מיט צוויי זין. איינער פון זיי איז פאַרבליבן ביים קינדערשן שכל. ער גייט אַרום איבער די גאַסן און האַלט אין איין אויסטיילן „וועקסלען". די מענטשן לאַכן און גיבן אים פאַרן „וועקסל" אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ פּאָר קלעצלעך צוקער. אַמאָל בעט מען אים אויך צו ברענגען אַ פּאָר עמער וואַסער פון ברונעם אָדער פון טייך.

דער אינגערער ברודער איז אַ באַלמעלאָכע און פאַרדינט גראָדע געלט.

ער האָט שוין אַ סך מאָל געבעטן זיין טאַטן, אַז ער זאָל אויפהערן בעטלען. יענער אָבער זאָגט, אַז ער וויל צו קיין קינדער ניט אָנקומען און האַלט זייער שטאַרק פון זיין בעטלערישער פּראָפעסיע.

די שטעטלדיקע איינוואוינער וואונדערן זיך אָבער יאָ, פאַרוואָס פּרויקע דער שוסטער וואוינט אָט־דאָרטן אינעם שטיבעלע אויפן ראָג פון געסל. ווי אַזוי וואוינט דאָס אַ יונגער מענטש אין אַזאַ פאַרוואָרפן ווינקל?

פּרויקע איז יונג, געזונט און ברייט־ביינערדיק. ער האָט אַ שיינע, געקרייזלטע קוטשמע שוואַרצע האָר. פּרויקע איז אויך אַ גוטער באַל־מלאָכע. זיין שוסטעריי האָט אַ נאָמען און ער פאַרדינט זייער גוט. פאַר־וואָס־זשע לעבט ער אַזוי אָפּגעזונדערט פון אַלעמען? פאַרוואָס זעט מען אים קיינמאָל ניט אַרויסגיין פון זיין שטיבל?

די מענטשן וואונדערן זיך, כאָטש זיי האָבן פּרויקע׳ן ניט ליב. זיי ווייסן, אַז פּרויקע איז אַן אַפּיקורס און דערצו נאָך אַ בונטאָווטשיק. ער איז שוין צוליב דעם געזעסן אין טורמע. די עלטערע מענטשן ציטערן זיין נאָמען אַפילו צו דערמאָנען. זיי געדענקען נאָך, אַז איידער פּרויקע איז פאַרשיקט געוואָרן אין טורמע, האָט ער אַ סך יונגעלייט און מיידלעך „אַראָפּגעפירט פונעם גלייכן וועג״. ער האָט זיי געגעבן ביכלעך צו לייענען, און פסח האָט ער פאַר זיי רעטשענע לאַטקעס געבאַקן.

איצט אָבער הערט מען ווייניק וועגן אים, כאָטש אָפּט בורטשעט מען יאָ עפּעס אונטער מיט חשד, נאָר מאַלע וואָס מען רעדט!

פּרויקע׳ס הויז באַשטייט פון איין גרויסן צימער. אַרום דעם פּראָסטן פיר קאַנטיקן טיש שטייען עטלעכע בענקלעך. עס איז פאַראַן איין טיר און דריי קליינע פענצטערלעך. אויף אַ סאָפקע ליגט שטענדיק אַ קישן מיט אַ צונויפגעלייגטן צודעק. ביי דער זייט שטייט אַ גרויסער קאַסטן מיט אַ סך ביכער. אין אַ ווינקל אויף אַ קליין טישעלע שטייט אַ סאַמאָוואַר מיט עטלעכע גלעזער און שאָלן.

אָט פון דעם באַשטייט פּרויקע׳ס פאַרמעגן. ווען עמיצער וואָלט זיך אַהינצו אַריינגעכאַפּט, וואָלט מען זיך טאַקע געוואונדערט: צו וואָס דאַרף פּרויקע עטלעכע גלעזער און שאָלן, ווען ער וואוינט דאָ איינינקער אַליין?

אין אמת׳ן איז אָבער פּרויקע׳ס צימער שטענדיק געווען פול מיט יונגע מענטשן. אין שפּעטע נאַכט־שעה׳ן פלעגט פּרויקע ניט איינמאָל אַרומגיין

איבערן צימער אַ צופרידענער און רייבן די דלאָניעס איינע אָן דער אַנדערער.

— אַט־אַזוי, אַט־אַזוי! מיין אַרבעט איז ניט אומזיסט. אונזער משפחה פאַרגרעסערט זיך. מיט דער צייט וועלן מיר האָבן די גאַנצע יוגנט אויף אונזער זייט.

און ווען ער איז גאָר געוועזן אויפגעלייגט, פלעגט ער צוגעבן:

— זיי קומען צו מיר, די יונגע באַיסטרוקעס!...

די יוגנט פונעם שטעטעלע האָט זיך ניט געוואונדערט, פאַרוואָס פרויקע וואוינט אין אַזאַ מקום. דער באַרג און די קאַנאַווע זיינען זיי געווען ליב און טייער. זיי האָבן געהאַלפן אַ סך סודות צו פאַרבאַרגן. זיי האָבן גע־האַלפן פאַרהילן דעם סוד, אַז פרויקע איז אַ וואוילער לערער און אַן אויסגעצייכנטער פירער...

3. אַ נאַכט אַזאַ

אין איין נאַכט, ווען אין שטעטל איז שוין געווען שטיל און דער שלאָף האָט זיך בהרחבה'דיג אין די הייזער באַזעצט, איז אַ גרופע פון דריי מענטשן געגאַנגען איבערן מאַרק.

געגאַנגען זיינען זיי שטיל און זיך אַלע ווײַלע אַרומגעקוקט. גערעדט צווישן זיך האָבן זיי אויך זייער שטיל.

די דריי זיינען צוגעקומען צו דער קאַנאַווע און דאָרטן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. איינער האָט די אַנדערע צוויי עפּעס דערקלערט און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער. נאָכדעם האָבן זיי ווי קעץ זיך געשאַרט לעבן די ווענט און פּלויטן, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום שטיבעלע אויפן ראָג, וואו פרויקע דער שוסטער האָט געוואוינט.

— ס'איז ליכטיג! — האָט איינער אַ זאָג געטאָן.

זיי האָבן זיך אַרונטערגעבויגן און דורכגעקראָכן לעבן די פענצטערלעך אויף אַלע פיר. ביי פרויקע'ן אין צימער איז געווען זייער לעבעדיק. פרויקע איז געזעסן אויבן־אָן. אַרום טיש זיינען געווען אויסגעזעצט אַרום אַ צענדליג יונגע בחורים און מיידלעך. אייניגע זיינען געזעסן אויף דער סאָפקע, און אַ פּאָר — פשוט אויף דער פאָדלאָגע.

גערעדט האָט מען וועגן מנחם דעם קלייטניק'ס פלימעניק, וועלכער

איז דאָרטן אויך געווען. דאָס גאַנצע שטעטל רעדט דאָך וועגן דעם. די הויפּט־זאַך איז: קיין חשד זאָל ניט פאַלן אויף פּרויקע׳ן.

— הערט נאָר, הערט, — האָט זיך מיטאַמאָל איבער אויפגעהויבן פון דער פּאַדלאָגע, — וואָס ציטערט איר דאָס אַזוי? נאָך אַלעמען, וואָס אַזוינס טוט איר דאָ אויף?

— ש־שאַ! — האָבן די אַנדערע פון אַלע זייטן אָנגעהויבן איינשטילן.

יענער אָבער איז געשטאַנען אין זיין פולער הויך. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און אַ נעם געטאָן אַ ביכל אין האַנט.

— הערט, חברים, — האָט ער זיך אָפּגערופן, — ס׳איז מיר שוין דער־עסן דאָס שפּילן זיך אין באַהעלטעניש אין אַט־דעם העק. איך וועל אַוועק־פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט — דאָרטן קאָן מען עפּעס אויפטאָן... דאָרטן קאָן מען זיך צעפירן די הענט...

פון דער פּאַדלאָגע האָבן זיך אויפגעהויבן נאָך דריי בחורים. זיי האָבן שטום געקוקט אויף דעם ערשטן און נאָכגעשאָקלט מיט די קעפּ.

דער ערשטער האָט ווייטער גערעדט:

— אויך דאָ דאַרף מען אַנדערש אָנהויבן אַרבעטן. אונזער וואָרט דאַרף גרייכן אַלע אַנדערע באַלמעלאָכעס. נאָכדעם דאַרף מען אויך גיין צו די פּויערים אין די דערפער... אַט דאָס וואָלט געהייסן אַרבעט.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט. ס׳איז פאַר זיי געווען אַ חידוש, וואָס בעני, דער עלטסטער זון פון דער משפּחה פון עלף, רעדט אַזוי שיין און לאָגיש.

די דריי, וואָס האָבן זיך פון דער פּאַדלאָגע אויפגעשטעלט, האָבן זיך מיטאַמאָל צוריק אַנידערגעזעצט. אויך אויף זיי האָט מען מאָדנע געקוקט. דאָס זיינען געווען בעני׳ס דריי ברידער.

פּרויקע דער שוסטער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אַלע זיינען געבליבן זיצן רואיג אויף זייערע ערטער. אויך בעני האָט זיך אַנידערגעזעצט.

— חברים, — האָט פּרויקע זייער געלאַסן אָנגעהויבן צו רעדן, — בעני איז בלויז טיילווייז גערעכט. אַט־דאָס וואָס בעני קאָן איצט אַזוי גוט פאַרשטיין זאַכן, איז דאָך אויך אונזער אויפטו...

עס האָט זיך דערהערט אַ שאַרף לעבן פענצטער.

— בעני איז בלויז טײלווײז גערעכט . . .

— אויך אַט־די אַרבעט וועט מען אונז שטערן צו טאָן, — האָט פּרויקע ווי אויפן שאַרך געענטפערט.

— מיר וועלן זיי די ביינער צעברעכן! — האָט זיך בעני ווידער אויפגעשטעלט.

— מיר וועלן זיי דער׳הרג׳ענען! — האָבן זיינע ברידער מיט איין מאָל אויסגערופן.

עס איז שטיל געוואָרן אין צימער. פון דרויסן האָבן זיך דייטלעך דער־הערט טריט. פּרויקע האָט אַ וואונק געטאָן צו עטלעכע בחורים, געזונטע יונגען, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען שראַליע׳ס פיר זין. ער האָט זיי געהייסן זיך אויסשטעלן ביי דער וואַנט, האָט געגעבן אַ צי אַ פאַרהאַנג, וואָס איז פריער קוים געווען באַמערקבאַר, און האָט זיי פאַרדעקט.

די אַנדערע זיינען, לויט פּרויקע׳ס שטילע פאַראָרדענונגען, געבליבן זיצן אויף די ערטער. אויך פּרויקע האָט צוריק פאַרנומען זיין פּלאַץ.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— עפנט־אויף!

— ווער איז עס דאָרטן? — האָט פּרויקע געפרעגט.

— עפנט־אויף!

— איך עפן ניט אינמיטן דער נאַכט קיין טירן פאַר קיינעם, — האָט פּרויקע געענטפערט.

מען האָט אַ זעץ געטאָן אין טיר פון דרויסן מיט עפּעס אַ שווערער זאַך. דאָס הייזקעלע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן.

— עפנט־אויף!

פּרויקע האָט געעפנט די טיר. עס האָבן זיך אַריינגעריסן דריי פּאָליציאַנטן.

— נו, חברה, וואָס טוט איר דאָ? געכאַפּט אַ קערטל אַזוי שפּעט ביי־נאַכט? — האָט איין פּאָליציאַנט חוזק געמאַכט.

— דאָס האָבן מיר זיך דאָ אַזוי פאַרבראַכט, מיין הער, — האָט פּרויקע געענטפערט.

— שוויג! — האָט אַ צווייטער פּאָליציאַנט אַ געשריי געטאָן. — מיר קענען דיך!... דו הונט!...

— שוויג אַליין, דו הינטישער זון! — האָט שוין פּרויקע זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים.

— גרויסע העלדן זייט איר! — האָבן די פּאָליציאַנטן געקריצט מיט די ציין. — מיר וועלן זיך דאָ מיט אייך אָלעמען ספּראַווען!

ווען פּרויקע האָט זיך מיט די פּאָליציאַנטן געבאָרעט, האָבן זיך אייניגע פון שטיבעלע אַרויסגעגליטשט און פאַרהאַקט די טיר פון דרויסן. אַ פּאָר מיידלעך זיינען צוגעקומען צו די פּאָליציאַנטן און זיי געריסן פאַר די הענט, בעטנדיג, אַז זיי זאָלן אויפהערן אים שלאָגן. אַזוי האָבן זיי זיך געשטופּט אַלץ נעענטער און נעענטער צום פּלאַץ, וואו דער פאַרהאַנג איז געווען פאַרצויגן.

מיטאַמאָל האָבן די פּאָליציאַנטן דערפילט עפּעס אַ שווערקייט אויף זייערע אַקסלען. זיי זיינען אַנידערגעפאַלן. אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען זיי שוין געלעגן געפּענטעטע אינמיטן צימער, מיט פאַרבונדענע אויגן.

אויף מאָרגן איז דאָס שטעטל געגאַנגען כּאַדאַראַם. אידן האָבן מורא געהאַט צו באַווייזן זיך אין די גאַסן. די גאַנצע שטאַטישע פּאָליציי איז מאָביליזירט געוואָרן, און מיטן פּריסטאַוו פאַראויס, האָבן זיי דורכגעמאַרשירט דורכן מאַרק. זיי זיינען אַוועק צו פּרויקע׳ס שטיבעלע און דאָרטן עס איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. זיי האָבן דאָרטן אָבער קיינעם ניט געפונען, חוץ די דריי געבונדענע פּאָליציאַנטן. מיט חרפּה האָבן זיי זיך צוריקגעקערט און געוואָרפן קולאַקעס אין דער לופטן.

נאָך מערער איז דאָס שטעטעלע געווען אין שרעק, וואָס אַזעלכע קינדער ווי מנחם דעם קלייטניק׳ס פלימעניק און אויך דעם קלייטניק׳ס טאָכטער האָבן זיך דאָרטן, אין פּרויקע׳ס שטיבעלע, אויך געפונען.

— אָט וואוהין עס האָט שוין דערגרייכט! — האָבן די שטעטלדיגע אידן געערדט. — ווער ווייס, וואָס מיט אונזערע קינדער וועט זיין!...

אַז מנחמ׳ס פּלימעניק איז דאָרטן געווען — דאָס איז אַ זיכערע זאַך. אַ סימן: די פּאָליציי האָט איבערגעזאַקערט שראַליע דעם גאַרבער׳ס הויז און אים דאָרטן ניט געפונען. די זין, שראַליע׳ס, האָבן זיך נאָך צעשריען אויף די פּאָליציאַנטן, פאַרוואָס מען איז זיי חושד אין אַזעלכע זאַכן. ס׳איז אַ סברה, אַז מנחמ׳ס פּלימעניק איז צוזאַמען מיט פּרויקע׳ן ערגעץ אַנטלאָפן.

וועגן מנחמ׳ס טאָכטער איז נאָך אָבער אַ ספק. מאַלע וואָס ס׳קאָן זיך אויסדאַכטן דער פּאָליציי! מנחם אַליין אַפילו שווערט זיך, אַז זיין

נחמה׳קע, די זיבעצן־יאָריגע טאָכטער, איז יענע נאַכט געשלאָפן אין דער היים, פונקט ווי אַלעמאָל... פונדעסטוועגן וועט ער שוין גוט אַכטונג געבן אויף איר. אויף מנחמ׳ען קאָנט איר זיך פאַרלאָזן...

לייבקע דער מעקלער האָט וועגן דעם אַלעמען געהאָט בלויז איין ווערטל: אַזאַ נאַכט זאָל זיך שוין ניט אומקערן...

קאַפּיטל פיר: מנחמ׳ס באָדן וואַקלט זיך אונטער זיינע פיס

1. „דו ביסט דאָך דער טאַטע״

איינמאָל אין אַ זוניקן טאָג, ווען מנחם דער קלייטניק איז פון שול אַהיים געגאַנגען, האָט ער אויפן וועג באַגעגנט שראָליע דעם גאַרבער. יענער איז געגאַנגען אַן אויסעפּוצטער און יום־טוב׳דיגער, און האָט מנחמ׳ען מיט אַ חוזק־שמייכל אין פּנים אַריינגעקוקט.

אָט־דער שמייכל האָט מנחמ׳ען אַ שאַרפן שניט געטאָן. וועגן אָט־דעם שמייכל האָט ער נאָכדעם אַ סך געטראַכט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז פון יענער מינוט אָן האָט זיך אין זיין לעבן עפּעס אַן ענדערונג אַריינגעריסן, ווייל פּונקט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן פילן, אַז דער באָדן וואַקלט זיך אונטער זיינע פיס.

יאָ, אַוודאי איז ער גערעכט, שראָליע דער גאַרבער! אַז ביי מנחמ׳ען האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז זיינס אַ פּלימעניק זאָל אים אַזוי בחרפּה שטעלן... אַז זיין אייגענע טאָכטער זאָל זיך שטעלן געגן אים און פאַרברענגען גאַנצע נעכט ביי פּרויקע׳ן דעם שוסטער, צוזאַמען מיט שראָליע דעם גאַרבער׳ס זין... טאָ וואָער איז ער טאַקע, מנחם?... ניט אומזיסט האָבן מענטשן אויפגעהערט קוקן מיט דרך־ארץ צו אים... ניט אומזיסט קאָן שראָליע דער גאַרבער אַזוי שמייכלען...

מנחם איז שפּעטער געקומען אין קראָם. זיין ווייב און זון זיינען געשטאַנען און געקוקט אין דעם פּוסטן מאַרק אַריין. ער האָט אויף זיי אַ שטומען בליק געוואָרפן און באַלד אַ פרעג געטאָן:

— הערט נאָר, וואָס פאַר אַ יום־טוב איז עס ביים גאַרבער?

דאָס ווייב און זון האָבן אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט: וואָס ווייסן זיי? וואָס, אַ שטייגער, פרעגט ער זיך נאָך אויפן גאַרבער?

געענטפערט האָט אים ס׳ווייב:

— זאָל איך אַזוי וויסן פון אים...

מנחם איז יענעם טאָג געשטאַנען אין קראָם אַ צערודערטער. דער פּדיון האָט עפּעס אויך אָנגעהויבן שוואַכער ווערן. ניטאָ יענע ערשטע צייטן, ווען ער איז אין שטעטל אַריינגעפאָרן! מיט עסנוואַרג צו האַנדלען איז טאַקע גוט — ווען מענטשן גיבן צו לייזן... ווען עסנוואַרג אָבער ליגט — ווערט עס איבערגעפירט... ס'פאַדערט זיך אַלעמאָל פרישע סחורה. טאָ פאַרוואָס איז דער פּדיון שוואַכער געוואָרן? זאָל דאָס זיין דערפאַר, וואָס דאָס שטעטעלע ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער פאַראָרימט? אָדער זאָל זיך עס נעמען דערפון, וואָס אַ סך קרעמער האָבן אָנגעהויבן נאָכטאָן מנחמ'ס ביישפיל און אויך געעפנט עסנוואַרג־געשעפטן?...

מנחם האָט אַריינגענומען אַ שפּיץ באָרד צווישן די ליפּן, האָט אַרומגעשפּאַנט הין־און־צוריק איבער דער קראָם. ס'ווייב און זון האָבן אים נאָכגעקוקט און שטילערהייט געזיפצט.

— וואָס זיפצט איר איבער מיר? — האָט מנחם פּלוצלונג אַ געשריי געטאָן. ער האָט אָבער באַלד דאָס פּנים אָפּגעקירעוועט און ווידער אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען. ס'ווייב און זון האָבן זיך איבערגעקוקט.

לייבקע דער מעקלער איז צוגעקומען און געבליבן שטיין אויף דער שוועל.

— אַ גוט מאָרגן, ר' מנחם! — האָט לייבקע ווי אַ וואָרף געטאָן די ווערטער, ווען מנחם האָט זיך אומגעקוקט. — נו, וואָס זאָגט איר עפּעס צו אונזער „גאָראָד"? מ'לערנט זיך שוין פון לייטן...

— וואָסי? — האָט מנחם ניט פאַרשטאַנען.

— כ'מיין, אָט, מען זאַבאַסטאָווקעוועט שוין דאָך דאָ. ניט געהערט?

— ניין! — איז מנחם געבליבן שטיין פאַרוואונדערט.

— אָט־דער דאָזיגער, דער שכן אייערער, שראָליע דער גאַרבער... ער האָט צוזאַמענגענומען די עטלעכע חברה־לייט, וואָס אַרבעטן מיט אים אין גאַרבאַרניע, און זיי האָבן פאַר איינמאָל אָפּגעשטעלט די אַרבעט. „מ'אַרבעט מער ניט, האָבן זיי געזאָגט, סיידן צוויי שעה ווייניגער אויפן טאָג צו אַרבעטן". האָט איר געהערט?!

— אַ־האַ־אַ! — האָט מנחם דאָס וואָרט אויסגעצויגן. — ס'הייסט, דערפאַר גייט דאָס דער גאַרבער אַרום אָן אויסגעפּוצטער אינמיטן וואָך...

— יאָ, — האָט לייבקע געשאָרט מיטן שפּיץ שטעקל אַ שטרוי, וואָס

איז אויף דער פאַדלאָגע געלעגן, — און ווייסט איר וואָס נאָך? ס'האַלט שוין דערביי, אַז מ'זאָל זיי נאָכגעבן, ווייל שראַליע'ס בנים האָבן אַ האַנט אינדרינען. נו, ווער וויל זיך דאָס מיט זיי פאַרטשעפּען?

— אַזוי?

לייבקע האָט אַ וויילע געשוויגן און געקוקט אויף מנחמ'ען. נאָכדעם האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ר' מנחם! ס'ווילט זיך מיר דאָס אייך ניט זאָגן, נאָר איר ווייסט דאָך — אַ גוטער פריינט אייערער. כ'וויל עס פאַרכאַפּן אין צייט. איר ווייסט וואָס מ'רעדט?! מ'זאָגט, אַז אייער טאָכטער איז אויך פאַרמישט אין דעם... מ'זאָגט נאָך אַפילו, אַז זיי שטייען אין פאַרבינדונג מיט פרויקע דעם שוסטער און מיט אייער פלימעניק, וועלכע זיינען ערגעץ אין אַ „גאַראַד"... ס'איז אַ זאַך, וואָס מ'טאָר דאָס אויפן מויל ניט ברענגען. איר ווייסט דאָך — די פּאָליציי... איר האָט דאָך לעצטן מאָל נאָך גוט אָפּגעשניטן... איר דאַרפט דאָס וויסן אין צייט, ר' מנחם.

לייבקע האָט די לעצטע עטלעכע ווערטער ווי ניט דערערעדט, און איז שוין אויפן שוועל מער ניט געווען. ער האָט שוין געשפּאַנט איבערן מאַרק, געדרייט מיטן שטעקעלע הין־און־צוריק און צו די קרעמער „גוט־מאַרגנס" געוואָרפן.

מנחם איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. ער האָט זיך מיטאַמאָל גע־געבן אַ קירעווע אויס צום ווייב, און מיטן פינגער זי געוואָרנט:

— כ'האָב דאָך דאָס דיר פריער געזאָגט. מ'דאַרף זי אין אַ קעלער פאַרשפּאַרן, זאָל זי קרענקען. מ'טאָר זי אויף דער פריי ניט אַרויסלאָזן, ווייל זי וועט אונז אַלעמען נאָך אומגליקלעך מאַכן.

ס'ווייב האָט אויף אים אַ בייזן קוק געטאָן:

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט זי געשריען. — מ'קאָן אַ קינד ניט דערשטיקן. גיי, טו וואָס דו ווילסט. דו ביסט דאָך דער טאַטע.

מנחם האָט מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויפן ווייב. אַה? זיין ווייב שרייט דאָס אַזוי אויף אים?! הייסט עס, אַז אַפילו זי האָט שוין דעם דרך־ארץ צו אים פאַרלוירן... און שראַליע דער גאַרבער שמייכלט אים אַזוי אין פּנים אַריין...

2. דער בעסטער וועג

איבערן שטעטל האָבן זיך צעטראָגן צוויי נייעסן. דאָס ערשטע איז געווען, אַז שראַליע דער גאַרבער האָט אויסגעפּירט, און פון היינט־אָן און ווייטער וועט ער מיט זיינע חברה אַרבעטן מיט צוויי שעה ווייניגער יעדן טאָג. אָט־די נייעס האָט אויף די שיינע גאַסן אַ מורא אָנגעוואָרפן: סטייטש, אָט־די פּראָסטאַקעס נעמען זיך שוין... אין די הינטערשטע גאַסן אָבער האָט אָט־די נייעס אַריינגעבראַכט פרייד. יונגעלייט, שניידער און שוסטער, האָבן איבער די גאַסן שפּאַצירט און זיך איינער דעם אַנדערן אין די אויערן עפּעס פרייד אַריינגעגאָסן. אין די אָוונטן האָט מען געקאָנט באַמערקן אָט־די יונגעלייט זיצן אויף די פריזבעס גרופּקעסווייז, רעדן און לאַכן. שפּעטער אין די אָוונטן זיינען אָט־די גרופּקעס פאַרשוואונדן און מ׳האָט גערעדט אין שטעטל, אַז זיי האָבן ערגעץ פאַרזאַמלונגען... גע׳חידוש׳ט האָט מען זיך: זעט נאָר, זעט, פּרויקע דער שוסטער איז שוין אַוועק פון שטעטל, און די חולאת איז נאָך אַלץ דאָ...

די צווייטע נייעס איז געווען, אַז מנחם דער קלייטניק האָט פאַרשפּאַרט זיין זיבעצן־יאָריג מיידל אין אַ חדר, און לאָזט זי פון דאָרטן ניט אַרויס. ס׳ווייב זיינס, מנחמ׳ס, קריגט זיך מיט אים צוליב דעם. יענער איז אָבער איינגעע׳עקשנ׳ט און זאָגט, אַז סיידן ער וועט שטאַרבן — אַנדערש וועט זי פון דעם חדר ניט אַרויסגיין...

אין שול האָט מען זיך געאַמפּערט. רעדלעך מענטשן האָבן זיך אויך געקליבן אין די גאַסן און אין מאַרק און מ׳האָט געהאַלטן אין איין טומלען זיך וועגן דעם. עס זיינען געווען צוויי מיינונגען וועגן דער פראַגע. אייניגע האָבן אָפּגעגעבן מנחמ׳ען גערעכט, און אַנדערע, ווידער, האָבן גע׳טענה׳ט, אַז היינטיגע צייטן טאָר מען אַזוינס ניט טאָן.

מנחם איז פאַרבייגעגאַנגען אָט־די רעדלעך מענטשן און האָט געפילט זייערע בליקן אויף זיך. ער האָט געטראַכט: ניטאָ אַמאָליגע טעג...

דאָס שטעטל האָט זיך אויך זייער גיך דערוואוסט, אַז מנחמ׳ס קראָם הויבט אָן גיין באַרג־אַרונטער. די פּאַליצעס ווערן ליידיקלעך. לייבקע דער מעקלער איז נאָך אַלץ געווען אָן אָפּטער אַריינגייער צו ר׳ מנחמ׳ען. איצט פלעגט ער שוין אָבער קומען צוליב אַנדערע ענינים. לייבקע האָט גע־עצה׳ט מנחמ׳ען צו פאַרקויפן די קראָם. אַזאַ איד ווי ער וואָלט געקאָנט

ווערן אַ פּאַדריאַדטשיק. ער, לייבקע, וואָלט שוין געזען, אַז די סחורה זאָל פאַרקויפט ווערן.

— איר ווייסט דאָך, היינטיגע צייטן, — האָט לייבקע גע'טענה'ט, — אידן אָן פּרנסה. נו, האָבן זיך דאָך נאָך עסנוואַרג־געשעפטן געעפנט. טאָ וואָס־זשע וועט איר וואַרטן — ביז ס'גאַנצע ביסל סחורה וועט אויסרינען? בעסער פאַרקויפט ס'ביסל סחורה, פאַרן געלט וועט איר קאָנען קויפן אַנדערע סחורה און עס פאַרקויפן „הורטאָם"...

מנחם האָט זיך צוגעהערט צו לייבקע'ס רייד און גאָרנישט ניט גע־ענטפערט. אַ ביסל אמת איז אין זיינע רייד יאָ געווען, נאָר ווי אַזוי בעמט מען דאָס כאַפּ־לאַפּ און מען פאַרקויפט אַלץ אויס?... און פונוואַנען ווייסט ער, וואָס ווייטער וועט זיין? אַז אַ מענטשן גייט ניט, איז דאָך ניט שייך: דאַכט זיך, שוין געווען גאָר גוט, און פּלוצלונג — נאָ!...

יענע נאַכט האָט מנחם ניט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט פריער גע־פּרוווט רעדן וועגן דעם מיט זיין ווייב און זון. נאָכדעם האָט ער פאַר זיך אַליין געטראַכט און געפּרוווט איבערלייגן די זאַך אויף אַלערליי אופנים.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט עפּעס אַ שקראַבען אין צווייטן חדר. זיינע געדאַנקען האָבן זיך איבערגעריסן. ער איז געלעגן אין בעט מיט פאַר־כאַפּטן אָטעם, און זיך ווייטער צוגעהערט. יאָ, עמיצער פאַרקעט זיך טאַקע מיט אַ שליסל! וואָס קאָן דאָס באַדייטן?

מנחם האָט געוואָלט אַרויסלאָזן אַ געשריי, נאָר ווי אַ ביין האָט זיך אין האַלז אַ שטעל געטאָן, און ער האָט ניט געקאָנט שרייען. ער האָט שטילער־הייט אונטערגערוקט זיינע הענט אונטערן צודעק, האָט צוזאַמענגענומען די ציצית פון זיין טלית־קטן און געשעפּטשעט: „שמע ישראל!"

ווען מנחם האָט אָבער זייער דייטלעך דערהערט טריט אינעם צווייטן חדר, האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע זיינע כוחות און אויסגעשריען: „גנ—בים!"...

בעטן האָבן אַ סקריפּע געטאָן. מענטשן האָבן זיך אין די בעטן געדרייט, און, ווי ס'ווייזט אויס, מורא געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

נאָר אָט האָט עפּעס אַ לייכט געטאָן. די טיר פון מנחמ'ס חדר האָט זיך געעפנט. פאַר מנחמ'ען זיינען געשטאַנען דריי זין פון דער משפּחה פון עלף.

מנחם האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסרעדן. פונעם צווייטן חדר האָט זיך אַריינגערוקט מנחמ׳ס זון און מיט שרעקעוודיגע אויגן געקוקט אויף די אומדערוואַרטעטע „געסט״. ס׳ווייב איז געלעגן איינגענורעט אין דעם בעטגעוואַנט און געוואַרט צו זען, וואָס מנחם וועט טאָן.

דער עלטסטער פון די דריי זין איז צוגעקומען נאָענט צו מנחמ׳ען און מיט אָנגעשטרענגטער איידלקייט געזאָגט:

— איר דאַרפט זיך ניט שרעקן, ר׳ מנחם. מיר זיינען ניט געקומען אייך שלעכטס צו טאָן. מיר ווילן בלויז באַפרייען אייער טאָכטער... זי אַוועקנעמען פון אייך...

— אוי, ווי איז מיר! — האָט אויסגעקרעכצט מנחמ׳ס ווייב.

— איר דאַרפט ניט קרעכצן, — האָט שראָליע׳ס זון ווייטער גערעדט מיט ווירדע, — איר דאַרפט קיין מורא ניט האָבן... ס׳וועט אייער טאָכטער גאָרניט געשען. ניט מער: מיר ווילן ניט, אַז זי זאָל זיין פאַרשפאַרט ביי אייך.

— וואָס איז עס אייער טאַטנ׳ס עסק? — האָט מנחם פאַרביסן מיט די ליפּן.

— אונזער טאַטנ׳ס עסק איז דאָס טאַקע ניט, אָבער אונזער עסק איז דאָס יאָ, — האָט דער זעלבער זייער קאַלט געענטפערט. — קומט! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די אַנדערע צוויי ברידער.

זיי האָבן שוין געוואָלט אַרויסגיין פון מנחמ׳ס חדר, נאָר דאָ האָט זיך מנחמ׳ס ווייב שטאַרק צעכליפּעט. דער זון איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין וואַנט און געהאַלטן די מאָרדע אין האַנט. מנחם האָט געגעבן אַ וואונק צו די דריי ברידער: קומט נאָר אַהער.

זיי זיינען צוגעקומען.

— וואָס ווילט איר? — האָט ער זיי געפרעגט קורץ און דערשלאָגן.

— מיר ווילן אייער צוזאָג, אַז איר וועט אייער טאָכטער מער ניט פאַרשפאַרן, און אַז וועגן אונזער זיין דאָ זאָלט איר קיין פּיפּס ניט טאָן.

— גוט! — האָט מנחם נאָכגעגעבן.

— ניין, דאָס איז ניט גענוג, — האָט שראָליע דעם גאַרבערס עלטסטער זון נצחונ׳דיג געשמייכלט. — מיר ווילן אייער תקיעת־כף.

מנחם האָט זיך געקווייקלט. נאָכדעם איז ער פון בעט אַרונטער-

געקראַכן, געוואַשן די הענט, אַריינגענומען אַ ציצה אין האַנט און זיי געגעבן תקיעת־כף.

די דריי זיינען אַרויסגעגאַנגען. אינדרויסן האָבן זיי אויסגעשאָסן אַ צופרידענעם געלעכטער. זיי זיינען אַוועק.

און כאָטש מנחם האָט קיין וואָרט וועגן דעם צו קיינעם ניט דערמאָנט, האָט פונדעסטוועגן ס׳גאַנצע שטעטל געוואוסט וועגן דעם. ס׳איז אַ סברה, אַז דאָס האָט שראַליע דער גאַרבער די גאַנצע זאַך אַרויסגעגעבן...

מנחם דער קלייטניק האָט מענטשן באַגעגנט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ער האָט פאַררופן צו זיך לייבקע דעם מעקלער און צו אים געזאָגט:

— געפינט אַ קונה אויף מיין סחורה!

לייבקע האָט ערנסט באַמערקט:

— אַוודאי! דאָס איז דער בעסטער וועג!...

קאַפּיטל פינף: בעני ווערט אַ פירער

1. „פאַרוואָס טוען מיר גאָרנישט?"

ווען ס'איז געוואָרן די סומאַטאָכע ביי פּרויקע'ן אין שטיבעלע און די דריי „גאַראַדאָוואָיען" זיינען שוין געלעגן געבונדענע, האָט פּרויקע צוזאַמענ־גענומען זיינע חברים אינדרויסן לעבן שטיבעלע און האָט צו זיי געזאָגט:

— הערט אויס, יאַטן. איר קאָנט דאָ פאַרבלייבן אין שטעטל, ווייל איך האָבן זיי ניט געזען. מיר ביידע, אָבער (איך מיט מנחם דעם קלייטניק'ס פלימעניק), וועלן זיך מוזן פון דאַנען אָפּטראָגן. איר דאַרפט אָבער גע־דענקען וואָס איר האָט צו טאָן. ס'דאַרף זיין פאַסעך שין — שאַ.

דעמאָלט איז ער צוגעגאַנגען צו שראָליע דעם גאַרבער'ס עלטסטן זון, האָט אים אַרויפגעלייגט די הענט אויף די אַקסלען און זיך אָפּגערופן:

— נו, בעני, דו ביסט שוין אַ מאַן. פון דיר האַלט איך. דיינע ברידער וואָלטן אויך געווען גוטע יאַטן, ווען זיי וואָלטן זיין מער באַוואוסטזיניג. דו דאַרפסט אויף זיי אַכטונג געבן.

בעני איז געבליבן שטיין אַ בלאַסער און אַ ביסל אַ צעטומלטער. דאָס איז דאָך ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער הערט אַזעלכע ווערטער וועגן זיך, און נאָך פון וועמען? פון פּרויקע דעם שוסטער! ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט בלויז געדריקט פּרויקע'ן די האַנט און שטילערהייט אַ מורמל געטאָן: גוט!

ווען ער איז אָבער אין יענעם אָוונט אַהיים געקומען און האָט זיך אויף דעם געלעגער אַנידערגעלייגט, האָט זיך זיין קערפּער אַזש פון בעט אָפּ־געהויבן. הייסט עס, אַז ער, בעני שראָליע דעם גאַרבער'ס, ווערט שוין פאַררעכנט פאַר אַ באַוואוסטזיניגן, און פּרויקע האַלט פון אים! אויב אַזוי, טאָ מיט וואָס באַווייזט מען טאָקע, אַז ער האָט זיך דאָס פאַרדינט? אייגנטלעך איז דאָך דאָס ניט אומזיסט, וואָס פּרויקע האַלט פון אים, ווייל ער, בעני, איז דאָך באמת אַן אַנדער מענטש געוואָרן. ניט נאָר לייענט ער ביכער, נאָר ער שטודירט זיי; און אַ פולשטענדיגער אַרבעטער איז ער דאָך

שוין אויך געוואָרן — ער אַרבעט צוזאַמען מיט זיין טאַטן אין גאַרבאַרניע...

בעני טראַכט אַפּט וועגן זיין אַמאָליגן אויפפירן זיך און ס׳טוט אים באַנג. ער וואָלט געוואָלט זיינע איצטיגע געדאַנקען אַריינגעבן אין יעדערנס מוח. אַך, ווי גוט וואָלט דאָס געווען! נאָר וואָס איז פאַראַן צו רעדן וועגן אַנדערע, אַז זיינע אייגענע ברידער ווילן זיך צו אים ניט צוהערן. ס׳הייסט, זיי הערן זיך יאָ צו צו זיינע רייד, ווי צו רייד פון אַן עלטערן ברודער. זיי טוען דאָס אָבער אויטאָמאַטיש — זיי פאָלגן אויס. זיי זיינען נאָך ניט דורכגעדרונגען מיט באַוואוסטזיין. זיי ווייסן, אַז ס׳זיינען פאַראַן אָרימע און רייכע. זיי זיינען פון די אָרימע — דאַרפן זיי האַסן די רייכע... זיי ווייסן, אַז מנחם דער קלייטניק איז אַ באַלעבאַטישער איד, און זייער טאַטע, שראַליע דער גאַרבער, איז אַ פּראָסטער איד און טראָגט אַ האַרץ אויף מנחמ׳ען — דאַרפן זיי אים, מנחמ׳ען, אויך פיינט האָבן...

פונדעסטוועגן ווייסט בעני, אַז זיינע אינגערע ברידער, מאָטקע און חיים, קוקן אויף אים מיט גרויס דרך־ארץ. זיי האָבן באַמערקט די גרויסע ענדערונג אין בעני׳ן. זיי האָבן געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט זיי געהייסן און זיינען געגאַנגען אומעטום, וואוהין ער האָט זיי געשיקט.

אין דער נאַכט ווען זיי זיינען ביי מנחמ׳ען אין הויז געווען, האָט בעני נאָכדעם צוגערופן זיינע צוויי ברידער און האָט צו זיי אָנגעהויבן רעדן אַזוי:

— הער, מאָטקע, און הער דו, חיים! דאָס היינטיגע שטיקל אַרבעט איז בלויז אַן אָנהויב. ס׳וועט נאָך אויסקומען צו טאָן אַ סך שווערע און פאַר־אַנטוואָרטלעכע אַרבעטן. כ׳מוז האָבן אייער הילף. כ׳וויל אָבער, אַז איר זאָלט אַרבעטן געטריי...

די צוויי ברידער האָבן זיך איבערגעקוקט, און מאָטקע האָט זיך אָפּ־גערופן:

— וואָס הייסט מיר׳ן ניט אַרבעטן געטריי? אַניט ווייסן מיר דען ניט, ווער מיר זיינען!

בעני האָט אויפגעהויבן די אויגן צו זיי:

— יאָ, נאָר אין פאַל איך וועל אָפּגעראַמט ווערן פון דאַנען, וועט איר דאַרפן אָנפירן די אַרבעט. זעט, אַז ס׳זאָל צוגיין ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.

— דיך אָפּראַמען? — האָט חיים אויסגעשריען. — מיר וועלן זיי די קישקעס פון די בייכער אַרויסנעמען!

בעני האָט אַ שמייכל געטאָן.

— אָט־די היציגקייט טויג ניט, ברודער לעבן. מ׳דאַרף אַרבעטן מיט שכל אַזוי, אַז ס׳זאָל קיין שאָדן ניט ברענגען...

בעני האָט ביי זיך געטראַכט, אַז ס׳איז זייער מאָדנע: ער אַליין האָט דאָך ביז מיט אַ שטיקל צייט צוריק אַזוי ניט געטראַכט, נאָר אָט־דער פּרויקע — ער האָט דאָס אין אים אַ ביסל אַריינגערעדט! ער, בעני, איז אָבער נאָך ניט בכוח אויף עמיצן צו ווירקן. זיינע ברידער וועלן פון זיינע רייד אַנדערש ניט ווערן. מען וואָלט געדאַרפט האָבן איינעם, עפּעס אַזאַ גוטן רעדנער, ער זאָל קומען אַהער אין שטעטל אַריין און האַלטן אַ שטאַרקע רעדע — אָט וואָס מ׳וואָלט באַדאַרפט!

ביי דעם געדאַנק האָט בעני אַזש אַ ציטער געטאָן. פאַרוואָס טאַקע ניט? פאַרן דען מענטשן ניט אַרום פון שטאָט צו שטאָט און מ׳האַלט אָפּ געהיימע פאַרזאַמלונגען? פאַרוואָס איז דאָס דאָ ניט מעגלעך?

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער זיך געטראָפן מיט מרדכי דעם קצב׳ס בחור און מיט איינעם אַ לערער,ביידע טוער אין „בונד“, דאָרטן אין שטעטל. פריער וואָלט ער אַפילו ניט געוואָגט צו קומען צו זיי מיט עצות, נאָר איצט איז עפּעס אַנדערש. ער ווייסט, אַז פּרויקע אַליין האָט פון די היגע טוער קיין סך ניט געהאַלטן, כאָטש ער האָט זיי אַ סך אַרויס־געהאָלפן.

פונדעסטוועגן האָט עפּעס ס׳האַרץ געקלאַפּט אַזוי אימפּעטיק, ווען ער האָט צו זיי אָנגעהויבן רעדן:

— הערט, חבר קרעמער, הערט... איך... יאָ, איך וואָלט געוואָלט...

קרעמער, דער לערער, איז געשטאַנען און געווישט זיינע ברילן. ער האָט געקוקט אויף בעני׳ן מיט עפּעס אַזעלכע מאָדנע פאַרזשמורעטע אויגן.

בעני האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ גלייך אויס, ווי עמיצער וואָלט אים מיט עפּעס איבער דער פּלייצע אַ פּיר געטאָן, האָט געקוקט קרעמער׳ן גלייך אין די אויגן אַריין און אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, כ׳דענק, אַז מיר טוען זייער ווייניג ביי אונז אין שטעטל.

קרעמער האָט זיך אין אָנהויב אַ ביסל דערשראָקן פאַר אַזעלכע ווער־טער. בעני, שראָליע דעם גאַרבער׳ס זון? ווער ווייסט, וואָס דאָס באַדייט!

בעני האָט אים אָבער לאַנג ניט געלאָזט טראַכטן און ווייטער גערעדט:

— אָט, ביי לייטן, מ׳רופט פאַרזאַמלונגען, מ׳אָרגאַניזירט זיך, אין

פעלדער, אין וועלדער, אין שייערן, אין שטאַלן — מ׳טוט! כ׳ווייס, אַז איר וועט זיך וואונדערן, ווי ס׳קומט צו מיר אַזעלכע ווערטער — טאָ וואונדערט זיך ניט! פּרויקע דער שוסטער איז אַ טייערער לערער געווען, און איצט שרייבט ער מיר טאַקע וועגן דעם: פאַרוואָס טוען מיר גאָרניט?

דעם קצב׳ס בחור האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן: פּרויקע שרייבט?

— דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום לערער.

פון דעמאָלסטיגן געשפּרעך אָן האָט בעני געקראָגן מערער אָנזען אין די אָרטיגע אַרבעטער־קרייזן. ער האָט געשאַפן אַרום זיך אַ גרויסע גרופּע נאָכפאָלגער. די פּראָסטע אַרבעטער איבערהויפּט האָבן געקוקט סיי מיט מורא, סיי מיט דרך־ארץ אויף בעני׳ן. ווען ער פלעגט זיי איינלאָדן זיך צו טרעפן מיט אים, האָבן זיי דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד: סטייטש, בעני!

2. אין פייער און אין וואַסער

אין אַ שטיקל צייט אַרום איז בעני געקומען צום לערער און אים געזאָגט: נו, ס׳איז שוין צייט איינצולאָדן אַ רעדנער פון דער גרויסער שטאָט.

דער לערער האָט געוואָלט שרייבן ערגעץ אין די העכערע מקומות וועגן דעם. בעני האָט אָבער געזאָגט, אַז פריער וועט ער זיך אָנפרעגן ביי פּרויקע׳ן, ווייל פּרויקע געפינט זיך סיי־ווי־סיי דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט און ער וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן.

און פּרויקע דער שוסטער האָט טאַקע געוואוסט: ער האָט געענטפערט אין אַ בריוו, אַז ער אַליין וועט זיך אַריבערכאַפּן אין שטעטל. טאָ זאָל טאַקע אַלץ צוגעגרייט ווערן! זאָל מען עס האַלטן אַזוי געהיים ווי מעגלעך!...

בעני׳ן איז די זאַך געפעלן געוואָרן: אָט אַ חברה־מאַן! ער שרעקט זיך ניט צו קריכן גלייך אין פייער אַריין... ער האָט באַלד צונויפגערופן אַלע זיינע ברידער. ער האָט פריער זיך אַ ביסעלע צוריקגעהאַלטן פון עפּעס צו זאָגן, נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן רעדן פּאַמעלעך און מיט פולן ערנסט:

— הערט זיך איין, ברידער מיינע! ס׳איז אַ זאַך, וואָס איך טאָר דאָס פאַר אייך ניט פאַרטרויען. איך טו דאָס אָבער, ווייל איר זייט מיינע ברידער

און איך ווייס, אַז איר וועט האַלטן טייער אַ זאַך, וואָס איז מיר הייליג און טייער.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט אויף די ברידער, וועלכע זײַנען אַלע געזעסן ווי לעמעלעך, וואָס קאָנען קיין הויך וואָרט ניט אַרויסרעדן. בעני האָט באַלד פאַרגעזעצט:

— איינגיכן וועט אַהער קומען אַ בחור, אַ יאַט פון אונזערע יאַטן. פרויקע דער שוסטער וועט קומען אַהער...

די ברידער האָבן אַלע אַ פאַרוואונדערטן „הו" געטאָן.

— יאָ, פרויקע דער שוסטער וועט קומען אַהער. מיר וועלן אים דאַרפן היטן ווי ס'שוואַרצאַפּל פונעם אויג. איר ווייסט דאָך: די פּאָליציי לאָקערט אויף אים...

מאָטקע האָט זיך אַ שטעל אַרויס געטאָן:

— אַהאַ, פאַר פרויקע'ן — אין פייער און אין וואַסער!

נאָך אים האָבן זיך אַלע אַנדערע ברידער אַ רוק געטאָן פאָראויס:

— פאַר פרויקע'ן? — אין פייער און אין וואַסער!

בעני האָט זיך געפילט גליקלעך מיט זײַן אויפטו. ער איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרשמאַיעטער פון הויז צו הויז, גערעדט אויפן וואונק מיט דעם און מיט יענעם, צוגעפּאַסט דאָס ריכטיקע וואָרט צו יעדן איינציגן און צו אַלע־מען פאַרענדיגט מיט דער זעלבער באַמערקונג:

— . . . פאַרשטייסט, ברודער, דאָס וועט שוין זײַן איינמאָל אַ צוזאַמענ־קונפט!...

ווען בעני איז שוין מיט אַלץ פאַרטיג געוואָרן, האָט ער זיך דערמאָנט:

נו, און וואָס הערט זיך וועגן נחמה'קען, מנחם דעם קלייטניק'ס טאָכטער?

מיט נחמה'קען האָט זיך בעני שוין גאַנץ לאַנג ניט געזען, ווײַל זינט פרויקע מיט מנחם דעם קלייטניקס פּלימעניק זײַנען אַוועק, איז פאַרלוירן געגאַנגען דער זאַמל־פּלאַץ אויך. ס'איז טאַקע אמת, אַז איינעם סטרייק פון די גאַרבערס האָט נחמה'קע נאָך אַן אַנטייל גענומען, געהאָלפן מיט עצות און גאַנגען, נאָר זינט מנחם האָט זי פאַרשפּאַרט, און זינט בעני מיט די ברידער האָבן זי פון „תפיסה" באַפרייט, זעט מען זיך ניט.

דערפאַר האָט בעני'ן אַ געדאַנק אַ ברי געטאָן: ווער ווייסט? אפשר איז זי שוין אַ ביסל צוריקגעהאַלטן?

בעני האָט פונדעסטוועגן אַ פּרוּוו געטאָן: ער האָט זיך אײַנגענורעט

אין זיין אויבערשטן מלבוש, אַזוי אַז מען האָט זיין פּנים קוים געקאָנט אַרויסזען. ער איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן מנחם דעם קלייטניק׳ס הויז און האָט אַ ניט־הויכן פּייף געטאָן. נאָכדעם איז ער אַוועק ווייטער אַרונטער דער גאַס, האָט זיך אויסגעדרייט דורך אַ צווייטער גאַס, און זיך געלאָזט גיין צוריק אין דער זעלבער ריכטונג.

בעני האָט געקוקט אויפן זייגער. עס איז נאָך געווען צו־פרי. זייער שטענדיגער צייכן איז געווען, אַז אין אַ האַלבער שעה נאָכן פּייף זאָל נחמה׳קע אַרויסקומען, כדי ס׳זאָל זיך ניט מערקן אין הויז און כדי קיינער זאָל ניט נאָכשפּיאָנירן אינדרויסן.

בעני איז אַרומגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט גאַס, און אַלע ווײַלע פאַרקוקט צו מנחם דעם קלייטניק׳ס הויז. וועט נחמה׳קע אַרויסקומען, אָדער ניט? ער האָט זיך ווי עפּעס פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, ווייל ס׳האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַזאַ מאָדנעם אימפּעט. וואָס, אַ שטייגער, דאַרף ער זיך אַזוי שרעקן? וועט זי אַרויסקומען — איז גוט, ניט — דאַרף מען ניט! אין איר הענגט דאָך ניט אָפּ דער דערפאָלג פון דער פאַרזאַמלונג. אגב, וואָס איז היינט עפּעס אַנדערש ווי אַלעמאָל? ס׳איז דאָך שוין ניט קיין נייעס פאַר אים צו וואַרטן אויף נחמה׳קען... אָה? יאָ, טאַקע ניט קיין נייעס. דעמאָלט אָבער איז ער געווען געשיקט פון עמיצן — פון פּרויקע׳ן. היינט איז אַנדערש: היינט דאַרף ער, בעני, רעדן צו נחמה׳קען...

נחמה׳קע איז אַרויסגעקומען. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און זיך געלאָזט גיין. בעני איז צו איר צוגעגאַנגען:

— אַ גוטן אָוונט, נחמה׳קע!

— אַ גוטן אָוונט, בעני! — האָט נחמה׳קע געענטפערט.

איר קול איז געווען פריש און אַנגענעם. זי האָט אינגאַנצן אויסגעזען עפּעס אַזוי מונטער. בעני האָט דאָס באַלד באַמערקט, און פאַרשיידענע געדאַנקען האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אין זיין מוח צו פּלאָנטערן, נאָר דאָ האָט נחמה׳קע אים אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט:

— פאַרוואָס קוקט מען אייך ניט אָן די גאַנצע צייט? מ׳הערט ניט, מ׳זעט ניט — פּונקט ווי ס׳איז קיינמאָל גאָרנישט ניט געשען.

בעני האָט זיך דערפילט געטראָפן פון אָט די ווערטער. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָ האָט נחמה׳קע ווייטער גערעדט:

— איר ווייסט, בעני, מיין טאַטע איז אינגאַנצן אַן אַנדערער געוואָרן. ער זאָגט מיר מער קיין וואָרט ניט.

— תקיעת־כף! — האָט בעני געשמייכלט. — אייער פאָטער האָט דאָך מורא פאַרן תקיעת־כף.

— ניין, ניט דאָס איז אינגאַנצן, בעני, — האָט נחמה׳קע דערקלערט. — מיין טאַטע פילט זיך זייער דערשלאָגן. ער האָט די קראָם פאַרקויפט און איז געוואָרן אַ „פּאָדריאַדטשיק״. דאָס גייט אויך ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. איר ווייסט דאָך: איינער ווערט אַ פּאָדריאַדטשיק, טוען אים נאָך אַ סך אַנדערע. מ׳האָט די שטאָט פאַרפלייצט מיט סחורה, און ס׳איז ניטאָ וואו די סחורה אָפּצוזעצן.

— אַזוי?! — האָט בעני ווי באַדויערט.

— יאָ, אַזוי!

— נו, טאָ ווי די זאַך זאָל ניט זיין, — איז בעני דרייסטער געוואָרן, — פאַר אונז איז דאָס בעסער, און אייך דאַרפן מיר טאַקע איצט זייער שטאַרק האָבן.

בעני האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט אַזוי שטיל, אַז נחמה׳קע האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ סך וועגן וואָס צו רעדן, וועגן זאַכן וואָס קיינער טאָר ניט דערהערן.

— אפשר וואָלטן מיר גאָר אַריין צו אייך אין הויז, — האָט נחמה׳קע פאָרגעשלאָגן בעני׳ן.

פאַר בעני׳ן איז דאָס געווען אַן איבערראַשונג. ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. מיט גרויס אָפּשיי און איידלקייט האָט ער גענומען נחמה׳קען אונטערן אָרעם און זיי זיינען ביידע אַריין צו שראָליע דעם גאַרבער אין הויז.

שראָליע דעם גאַרבער׳ס הויז איז טאַקע געווען שיין פון דרויסן. אינעווייניג אָבער האָט זיך געפילט די אָרעמקייט. אין אַ פּאָר חדרים איז אינגאַנצן געווען פינצטער. אינעם פאָדערשטן צימער האָט געברענט אַ קליינער לאָמפּ. דאָס פייערל האָט זיך געטוקט און אַ מורא אָנגעוואָרפן. שראָליע איז שוין געווען געשלאָפן. ס׳ווייב זיינס איז נאָך געזעסן און ביים שיין פון לאָמפּ פאַרריכט אונטערוועש. די זין זיינען אין הויז ניט געווען. פון אַ צווייטן חדר האָט זיך געהערט עפּעס אַ שושקעריי. ווייזט אויס, אַז דאָס זיינען נאָך די צוויי מיידלעך ניט געשלאָפן.

נחמה׳קע איז נאָכגעגאַנגען בעני׳ן זייער אַ צופרידענע. זי איז אין

יענער מינוט גרייט געווען אַלעמען דריקן צו זיך. ווען בעני׳ס מאַמע האָט דערזען נחמה׳קען, האָט זי זיך פון שטול אויפגעהויבן. נחמה׳קע האָט איר זייער פריינטלעך דערקלערט, אַז זי איז געקומען צו איר בעני׳ן זיך מיט אים וועגן עפּעס דורכרעדן, און די מוטער האָט אַ ברייטן שמייכל געטאָן. נאָכדעם האָט זי מיטן אַרבל די נאָז אַ וויש געטאָן און זיך צוריק־געזעצט צו דער אַרבעט.

בעני מיט נחמה׳קען זיינען אין אַ באַזונדער חדר אַריין און דאָרטן אַ לאָמפּ אָנגעצונדן. זיין מאַמע האָט זיך פון דער אַרבעט אָפּגעדרייט און האָט געקוקט גלייך צו דער פאַרמאַכטער טיר די גאַנצע צייט, וואָס זיי זיינען דאָרטן געווען.

ווען נחמה׳קע און בעני זיינען צוריק אַרויסגעקומען, איז שוין געווען גאַנץ שפּעט. די זין זיינען שוין אַלע געווען אין הויז. זיי האָבן זיך זייער פריינטלעך געגריסט מיט נחמה׳קען. די אינגערע האָבן איינער דעם צווייטן אַ שטורך געטאָן. די עלטערע האָב זיך איבערגעקוקט.

בעני איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט. נחמה׳קע האָט אויסגעקוקט אַ ביסל צעטראָגן. זי האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער צו דעם גאַרבער׳ס משפּחה און איז אַרויס פון הויז.

קאַפּיטל זעקס: די געהיימע פאַרזאַמלונג

1. דוד׳לס בריוול

פּרויקע האָט זיך די גאַנצע צייט אויפגעהאַלטן אין אַ גרויסער שטאָט. ער האָט געדונגען אַ קליין צימערל. ערגעץ אויף אַ ראָג גאַס האָט ער געדונגען אַ שטיקל פּלאַץ און אָנגעהויבן פאַרריכטן שיך.

ביים וואַרשטאַט איז ער כמעט שטענדיק געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, כאָטש ס׳איז אים זייער שווער געווען צו דערקענען, ווייל ער האָט זיך פאַרלאָזן אַ שוואַרץ־קיילעכדיק בערדל און זיין אויסזען איז פון דעם אינגאַנצן אַנדערש געוואָרן.

דוד׳לען, מנחם דעם קלייטניק׳ס פּלימעניק, האָט פּרויקע לעבן זיין וואַרשטאַט ניט געוואָלט האַלטן — מאַלע ווי אַ זאַך מאַכט זיך! האָט ער אים אַוועקגעשיקט ערגעץ זוכן אַרבעט מיטן תנאי: אויב ער וועט געפינען אַרבעט — איז דאָך גוט, ווען ניט — זאָל ער באַטראַכטן פּרויקע׳ס היים אַלס זיין אייגענע.

דוד׳ל האָט זיך אַ שטיק צייט אַרומגעבלאָנקעט איבער דער גרויסער שטאָט און קיין אַרבעט ניט געקראָגן. פלעגט ער קומען אַהיים מיט אַן אומעטיגן פּנים. פּרויקע פלעגט אים אָבער געבן אַ הויב־אויף פאַר די עלנ־בויגנס און צוריק אַראָפּלאָזן מיט אַזאַ געלעכטער, אַז דוד׳ל האָט אויך געמוזט אָנהויבן לאַכן.

— וואָסי? — פלעגט פּרויקע זאָגן. — געמיינט, אַז אַן אַרבעטער צו זיין איז ווי האָניג לעקן? וואַרט, קינד מיינס, וואַרט!

דוד׳ל פלעגט זיך פון אַזעלכע ווערטער פאַרשעמען.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער געפונען אַרבעט אין אַ גרויסער פּאַפּיר־פאַבריק. דאָרט האָט שטענדיק געקאָכט ווי אין אַ קעסל. די אַרבעט פלעגט אָנגיין ביי טאָג און ביי נאַכט. דוד׳ל האָט קיין באַשטימטע אַרבעט ניט געוואוסט. נו, האָט ער געשלעפּט ברעטער, קלעצער און קאַסטנס; האָט ער געסאָרטעוועט די אויסגעאַרבעטע פּאַפּירן; האָט ער געהיט לעבן טויער

די אַריינגעפירטע און אַרויסגעפירטע סחורה, אַז ס'זאָל זיין אין אָרדענונג; האָט ער דערלאַנגט און אַוועקגעטראָגן די פאַרשיידענע אַרבעטן אינעווייניג.

פרויקע האָט גאָר אָנגעקוואָלן: וואַרט, וואַרט, דוד'ל, דו וועסט נאָך ווערן אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער אין אַ גרויסער פאַבריק...

דוד'ל פלעגט קומען אַהיים אַ מידער. ער פלעגט זייער אָפט פרויקע'ן אויף זיינע באַמערקונגען אינגאַנצן ניט ענטפערן. פרויקע האָט עס אַזוי פאַרשטאַנען: ער וועט זיך צוגעוואוינען.

איז אַזוי אַ שטיק צייט אַוועק. דוד'ל איז שוין געוואָרן אַכצן יאָר אַלט. ער איז געוואָרן מער מענטש אויפן אויסזען. ער האָט שוין אַפילו חשק געהאַט צו נעמען אַ צימער פאַר זיך אַליין. וואָס וועט ער זיך דאָ שטיקן מיט פרויקע'ן אין איין חדר? ער האָט עס דערווייל אָבער פרויקע'ן ניט געוואָלט טאָן. יענער איז דאָך אים געווען אַזוי איבערגעגעבן און וואָלט געוויס קיין חשק ניט געהאַט מיט אים זיך צו שיידן.

איינמאָל, קומענדיג אַהיים פון אַ מיטינג, צו וועלכן פרויקע האָט אים איינגעלאַדן, האָט דוד'ל זיך געהאַלטן זייער מאָדנע. ער איז געזעסן אַ פאַר־טראַכטער, אַ שווייגנדיגער. פרויקע איז צו אים צוגעשטאַנען:

— וואָסי, דוד'ל? וואָס האָט פאַסירט?

— הערט, — האָט דוד'ל אָנגעהויבן, — איך קאָן דאָס פאָרט ניט פאַר־שטיין. ס'איז טאַקע אמת, אַז זאַכן וואָלטן באַדאַרפט אַנדערש זיין, אַז ווי עס פירט זיך איצט טויג ניט, נאָר זאָגט מיר: וואָס קאָנען מיר אויפטאָן? מיר זיינען דאָך בלויז אַ הייפעלע. די גרויסע מאַסן אַרבעטער און פויערים זיינען אָפּגעשטאַנען, ווילן פון גאָרנישט ניט וויסן און פאַרשטייען גאָרניט.

פרויקע האָט אָנגעקוקט דוד'לען און דער שטערן האָט זיך ביי אים אויפגעקנייטשט. ער האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— זאָג, דוד'ל, האָסטו טאַקע גאָרניט פאַרשטאַנען פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב דיך געלערנט?

— יאָ, איך האָב פאַרשטאַנען, — האָט דוד'ל געענטפערט, — נאָר ס'איז דאָך אוממעגלעך דאָס דורכצופירן, און פאַרוואָס טאַקע זאָל איך ליידן צוליב אַנדערע?... איך האָב פייאיגקייטן. איך קאָן זיך צו עפּעס דער־שלאָגן...

פרויקע איז אַרומגעגאַנגען הין־און־צוריק איבערן חדר'ל. דוד'ל איז געלעגן אויפן בעטל און אים נאָכגעקוקט.

— פרויקע, — האָט זיך דוד׳ל פּלוצים אָפּגערופן, — גלויבט מיר, אַז איך וויל אייך ניט ווי טאָן... נאָר די אַרבעט פאַלט דאָך אַזוי שווער... אַזוי־פיל מענטשן לעבן גוט אָן אַרבעט...

— נו, נו, וואָס־זשע איז דערפון געדרונגען? — האָט פּרויקע פאַרביסן מיט די ליפּן.

דוד׳ל האָט געשוויגן.

אָט אויף מאָרגן האָט דאָס פּרויקע געשריבן דאָס בריוול אַהיים, אַז ער וועט קומען צו פאָרן. ס׳האָט זיך אים געוואָלט זען מיט זיינע אייגענע אויגן, וואָס ס׳איז געוואָרן פון זיין לערנען און איינפלוס.

אין דער גרויסער שטאָט האָט פּרויקע אויך געטאָן אַ סך אַרבעט. זיין נאָמען האָט געהאַט גרויס אָנזען אין די פירנדיקע אַרבעטער־קרייזן. די מיסיע צו פאָרן אין זיין שטעטל איז אויף זיין פאַרלאַנג אים באַלד איבער־געגעבן געוואָרן.

דוד׳לען האָט ער וועגן דעם גאָרנישט ניט דערציילט. ס׳איז קיין נייעס פאַר אים ניט געווען, אַז פּרויקע זאָל ערגעץ אָוועקפאָרן.

דאָס מאָל אָבער, ווען דוד׳ל איז געקומען אַהיים און פּרויקע׳ן ניט גע־טראָפן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן פאָלגנדיקן בריוו:

„מיין טייערער פּרויקע: —

„איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער געטריישאַפט צו מיר. ליידער קאָן איך ניט זיין דערוואַקסן צו אייער גרויס. די שטאָט איז גרויס און רייך. דאָס לעבן דאָ איז אַזוי שטורמיש. איך האָב אַ ביסל קענטעניש און פייאיגקייטן. איך וועל פּרוּוון אויסטרעטן מיין אייגענעם וועג.

אייער דוד.״

2. „איך האָב מורא פאַר מיין שטאָם״

די באַלעגאָלעס לעבן וואָקזאַל האָבן געקוקט אין אַ זייט: וואָס פאַר אַ פערד־און־וועגעלע שטייט דאָס דאָרטן? דאָס פערד־און־וועגעלע האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט. דאָס פערד האָט יאָ פון צייט צו צייט אַ שמייס געטאָן מיטן עק און אַ פאָרשקע געטאָן מיט די נאָזלעכער, נאָר דאָס האָט דאָך נאָך אַלץ ניט געזאָגט וועמענס עס איז, וויבאַלד דער באַלעגאָלע איז לעבן אים ניט געשטאַנען.

ווען די באַן איז אָנגעקומען האָבן די באַלעגאַלעס זיך פאַרגעסן אין זייער קאָנקורענץ. זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט צוזאַמענקלייבן די פּאַסאַזשירן. דאָ זיינען דערווייל צוגעקומען דריי מענטשן איינגענורעט אין זייערע אַקסלען, האָבן זיך אין וועגעלע אַריינגעזעצט און אַוועקגעפאָרן.

זיצנדיג אין וועגעלע, האָבן זיי געפירט אַזאַ שמועס:

— נו, פּרויקע, וואָס הערט זיך?

— רוף מיך ניט „פּרויקע”; רוף מיך: זעליג.

— נו, זעליג, וואָס הערט זיך?

— אין דער גרויסער שטאָט גייט די אַרבעט גוט. וואָס הערט זיך דאָ?

— אויך ניט שלעכט.

פּרויקע האָט אָנגענומען בעני'ן ביי דער האַנט און זי שטאַרק געדריקט. מאָטקע האָט געטריבן דאָס פערד און געכאַפּט אַלע ווילע אַ קוק הינטער זיך, און צו זיך אַליין געמורמלט: ניט צו דערקענען!

דאָס פערד־און־וועגעלע איז צוגעפאָרן צו שראַליע דעם גאַרבער'ס הויז און דאָרטן האָבן די פּאַסאַזשירן אַראָפּגעשטייגט. פון אַנטקעגן, ביי מנחם דעם קלייטניק אין הויז, האָט זיך אַ פאַרהאַנג אַ הויב געטאָן. מ'האָט געקאָנט באַמערקן נחמה'קעס פּנים אַריינגעגראָבן אין טאָפּליע...

בעני האָט נאָך אויסגעפיעט זיך אַ דריי טאָן צו מנחם'ס הויז און האָט באַמערקט דאָס פּנים. ער האָט בעת־מעשה שטאַרקער אַ דריק געטאָן פּרויקע'ן צו זיך, און זיי זיינען אַריין אין הויז.

אויף מאָרגן האָבן פּנים'ער ברייט געשמייכלט. אויף ציינגער האָבן זיך ווערטער באַהאַלטן. קיינער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט.

אַרטשיק דער באַלעגאַלע האָט אַפילו אַ טראַכט געטאָן וועגן אָט־יענעם פערד־און־וועגעלע, נאָר ער האָט זיך באַלד צוריק געכאַפּט: מאַלע וואָס? מיינע פּאַסאַזשירן האָב איך דאָך געהאַט.

און פּרויקע איז געזעסן אין אַ חדר ביי שראַליע דעם גאַרבער אין הויז און גערויכערט פּאַפּיראָסן. בעני און מאָטקע זיינען אַלעמאָל געקומען מיט נייעסן: ס'וועט זיין אַ פיינער צוזאַמענקונפט! קיינער ווייסט ניט און אַ סך וויסן... פּרויקע האָט געלאָזט דעם רויך פון די פּאַפּיראָסן זייער שנעל, געקוקט אויף בעני'ן מיט מאָטקע'ן און אָנגעקוואָלן.

— יאָ, וואָס מאַכט עפּעס נחמה'קע? — האָט ער זיך דערמאָנט.

בעני האָט אָנגעהויבן שמייכלען.

— אַך, נחמה׳קע ? אַ וואונדערלעך מיידל !

— אַזוי ? — איז פרויקע געווען צופרידן.

שטילערהייט, איינציקווייז, זיינען מענטשן געקומען צו שראַליע דעם גאַרבער אין הויז. ווי גנבים האָבן זיי זיך פון הויז אַרויסגעגליטשט. שראַליע דער גאַרבער איז געזעסן אויבנאָן און געשמייכלט יעדן אין פּנים אַריין : צו זיינע זין, הייסט עס... דער ווייב זיינער האָט ער אָנגעזאָגט צו זיין אין די אַנדערע חדרים און ניט צו ווייזן איר פּנים : מען דאַרף זיך ניט וואַרפן אין די אויגן... מאָטקע און חיים זיינען אַרומגעגאַנגען לעבן הויז און געהיט.

בלויז די צוויי קליינע מיידלעך האָט מען פון הויז משלח געווען צו שלאָפן ערגעץ אין אַן אַנדער הויז.

איז געקומען דער לערער מיט די ברילן, איז געקומען מרדכי דעם קצב׳ס בחור. זיי זיינען אַריין פאַרזיכטיג און אַרויס פאַרזיכטיג, ווי עפּעס אַ הייליגקייט וואָלט זיך ביי שראַליע דעם גאַרבער אין הויז געפונען.

ס׳איז אויך געקומען נחמה׳קע. זי האָט פרויקע׳ן וואַרעם געדריקט די האַנט. זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט און אַזוי שווייגנדיג אַ ווייל געשטאַנען.

פרויקע האָט זי איבער די האָר געגלעט.

בעני האָט צוגעקוקט די סצענע און פון דעם גרויס הנאה געהאַט.

נחמה׳קע האָט זיך פאַר דער צייט, זינט פרויקע׳ס אַוועקפאָרן, שטאַרק געענדערט. זי איז אויסגעוואַקסן. איר פּנים האָט באַקומען אַ זייער ערנסטן אויסזען. אין אירע אויגן האָט זיך נאָך אָבער געזען אַ קינדיש, נאַאיוו פייערל, וואָס האָט געגלאַנצן און געוועקט מיטגעפיל.

און פרויקע האָט זי טאַקע געפרעגט :

— וואָס מאַכסטו, קינד ?

— וואָס זאָל איך מאַכן ? — האָט נחמה׳קע שטיל געענטפערט מיט אַ פראַגע. — וועגן בעני׳ס אויפטו ווייסט איר דאָך שוין מסתמא. איצט איז אַזוי : מיין טאַטע קלייבט זיך צו פאָרן קיין אַמעריקע, — דאָס איז זיין באַשלוס. — שווער צו לעבן דאָ, — זאָגט ער.

— און דו ? — האָט פרויקע געפרעגט.

— און איך וועל בלייבן דאָ מיט מיין משפּחה.

— גוט ! — האָט פרויקע צופרידן געזאָגט.

נחמה׳קע האָט געקוקט פּרויקע׳ן גלייך אין די אויגן אַריין. זי איז געווען אומעטיג און דערשראָקן. אַ ליפּ האָט ביי איר געציטערט.

— וואָסי, נחמה׳קע?

נחמה׳קע האָט אַרויסגעצויגן אַ קאָנווערט פון קעשענע, אים מיט צוריקגעהאַלטנקייט איבערגעגעבן פּרויקע׳ן.

פּרויקע האָט אַרויסגענומען פון אינעווייניג אַ בריוו און אויף אַ קול געליינט:

„טייערע נחמה׳קע:

„ס׳טוט מיר לייד וואָס איך דאַרף איבעררייסן מיין פריינטשאַפט מיט פּרויקע׳ן. די שטאָט האָט אויף מיר זייער שטאַרק געווירקט. און, ווי עס ווייזט אויס, קאָן פון אונזער שטאָם קיין אמת׳ער קעמפער ניט ווערן...

„אַ דאַנק פאַר אייער אַרויסהעלפן מיר און סימפּאַטיע.

אייער דוד.“

פּרויקע איז געבליבן שטיין מיטן בריוול אין האַנט. נחמה׳קע האָט אָנגענומען זיין האַנט.

— פּרויקע!

בעני איז צוגעקומען צו זיי.

— וואָס טוט זיך דאָ?

פּרויקע האָט באַלד אַ רואיגע מינע באַוויזן. אַ שמייכל האָט זיך ווידער געשפּרייט אויף זיינע ליפּן.

— נו, נחמה׳קע, וועט זיין ווייניגער מיט איינעם—נייע וועלן צוקומען...

— פּרויקע, איך האָב מורא פאַר מיין שטאָם... איך וואָלט אייך וועלן שטענדיג האָבן לעבן זיך.

פּרויקע האָט האַרציג געלאַכט און זי ווידער געגלעט איבער די האָר. בעני האָט אויך געלאַכט און צוגעוואָרפן: ניט דו, נחמה׳קע, ניט דו...

3. דאָס שטעטל האָט געגאַפט

שבת פאַרנאַכט, ווען מענטשן האָבן ווי אַלעמאָל געשפּאַצירט איבערן בריק און זיך פריילעך פאַרבראַכט, האָבן איינציגע זיך אַרונטערגעגליטשט פון די טרעפּ אַראָפּ אויפן פעלד און זיך אַוועקגעשפּאַצירט אַ ביסעלע ווייטער, טיפער.

טאָ ווער וועט זיך דאָס צוקוקן? מאַלע וואָס מענטשן האָבן ליב זיך אַרומגיין אַליין איבער אַ ברייטן, גרינעם פעלד און פילאָזאָפירן! אפשר ציילן זיי גאָר די גראָזן, אָט־דאָרטן אויפן פעלד... האָבן אָט־די איינציגע אַזוי געשפּאַצירט, ביז זיי זיינען נעלם געוואָרן פון מענטשלעכן אויג, — טאָ וועמענס עסק איז דאָס?

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, איז שוין אַ היבשער עולם געזעסן אָט־דאָרטן אַרונטער דעם פעלד, ערגעץ אין אַ דאָלינע. זיינען זיי אַלע געזעסן אויסגעזעצט אין אַ צירקל און גערעדט צווישן זיך. פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן בעני, שראַליע דעם גאַרבער׳ס, און מיט אים אַ צווייטער יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ קיילעכדיג בערדל. אַלע האָבן אָנגעשטרענגט זייערע בליקן. ווען דער יונגערמאַן איז צו זיי צוגעקומען, האָט זיך פון הערצער אַ ריס געטאָן:

— פּרויקע!

פּרויקע האָט זיך אַנידערגעזעצט צווישן די פאַרזאַמלטע און אָנגעהויבן רעדן. ער האָט גערעדט שטיל און לאַנגזאַם, אַזוי אַז יעדער האָט אים געקאָנט הערן און פאַרשטיין. די פאַרזאַמלטע זיינען געזעסן מיט אָפענע מיילער און זיך צוגעהערט.

און מאָדנע: פּרויקע האָט גערעדט וועגן זאַכן, פון וועלכע זיי האָבן אַזוי אָפט געטראַכט. ער האָט פאַר זיי זייערע אייגענע געדאַנקען פאַנאַנדער־געוויקלט.

און ס׳איז מיטאַמאָל פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַזוי קלאָר און פאַר־שטענדלעך, וואָס מען דאַרף טאָן.

אַלע זיינען געווען פאַרטיפט אין דעם שמועס. אַפילו שראַליע דעם גאַרבער׳ס זין, וועלכע זיינען ספּעציעל באַשטימט געוואָרן צו היטן, אַז קיינער זאָל ניט אונטערקומען, האָבן זיך שטילערהייט צוגערוקט צום רעדל און זיך צוגעהערט. קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי עפּעס שוואַרצע פינטעלעך דערנענטערן זיך פון עטלעכע זייטן און וואַרפן זיך צו די גראָזן ווי אין קאָנוואולסיעס.

מיטאַמאָל האָט אַ קראַך געטאָן אין דער לופט. פּאָליציי האָט אַרומ־גערינגלט די פאַרזאַמלטע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ ראַנגלעניש. ס׳האָבן זיך געהערט עטלעכע שאָסן. פּרויען האָבן געקוויטשעט.

אַ סך זיינען זיך צעלאָפן. אין דער דאָלינע האָבן זיך עטלעכע אין אַ קנויל געוויקלט, דער אַרויף, דער אַראָפּ, דער אַראָפּ, דער אַרויף. ס׳איז



פרויקע און בעני זיינען די ערשטע געגאַנגען געשמידט אין קייטן.

שווער געווען צו דערקענען, ווער ס׳בארעט זיך דארטן. ניט מער: דאס געווער און אוניפארמען האבן געגלאנצט, און לויט דעם נאך האט מען געקאנט זען ווער ס׳איז פון אויבן, די פאליציאנטן אדער די ציווילע.

דאס שטעטל האט זיך געטרייסלט. מען האט גערעדט און זיך גע־סוד׳עט: א פארזאמלונג איז געווען... די משפחה פון עלף, ניט געדאכט זאל זי ווערן, און פרויקע דער שוסטער... בעני מיט פרויקע׳ן זיינען אין אסטראג און עס דערווארט זיי א שווערע שטראף, ווייל זיי האבן די פאליציי גוט אנגע׳הרג׳עט... ביי זיי האט מען אויך געפונען רעוואלווערן... א סך אנדערע זיינען אין אסטראג, נאר זיי וועלן מסתמא אפקומען מיט לייכטע שטראפן.

בייטאג זיינען קינד־און־קייט אויפן מארק געווען. מען האט די ארעס־טאנטן דורכן מארק דורכגעפירט. פרויקע און בעני זיינען די ערשטע געגאנגען געשמידט אין קייטן. זיי זיינען געגאנגען מיט אויפגעהויבענע קעפ און צו אלעמען געשמייכלט. נאך זיי זיינען געגאנגען די אנדערע מיט מאטקע׳ן און חיים׳ען, שראליע דעם גארבער׳ס זין, בראש.

דאס שטעטל האט אבער מער פון אלץ געגאפט, וואס מיט די אלע ארעסטירטע איז אויך געגאנגען נחמה׳קע, מנחם דעם קלייטניק׳ס מיידל.

4. נחמה׳קע קומט צוריק

מנחם האט זיך ניט געקאנט מוחל זיין: זיין נחמה׳קען האט מען פאר־נומען אין אסטראג צוגלייך מיט אלעמען און מען האלט זי טאקע פאר־זעצט: מענטשן זיינען געקומען אים טרייסטן און געבן האפענונגען. לייבקע דער מעקלער האט צו אים גע׳טענה׳ט:

— נעמט זיך ניט אזוי צום הארצן, ר׳ מנחם, ס׳טרעפט זיך היינטיגע צייטן, הלואי וואלט זיך עס אזוי ניט געטראפן. ניט מער, מ׳דארף ניט זיין פארשלאפן. מ׳דארף טאן וועגן דעם.

לייבקע האט אים געגעבן פארשיידענע עצות: אט, ס׳איז פאראן דער אפטייקער. ער איז א גאנצער שמעלקע מיטן פריסטאוו. ס׳איז א סברה, אז דורך אים וואלט מען געקאנט עפעס אויפטאן, איידער ס׳ווערט צו־שפעט... אדער: ס׳איז פאראן אשר׳קע דער „סאטניק״. ס׳קאן ניט שאטן מיט אים אויך זיך דורכרעדן...

מרים, מנחמ׳ס ווייב, האָט געהאַלטן אין איין וויינען: אַ מיידל אין אַסטראָג! זי וועט דאָך קיינמאָל צו קיין שידוך ניט קאָנען קומען...

לייבקע איז געלאָפן צום אַפּטייקער און געקומען צוריק:

— ער האָט צוגעזאָגט זיך צו זען מיט „אים". ער האָפט, אַז ס׳וועט אים געלינגען. די הויפּט־זאַך איז: ס׳דאַרף זיין אַ סוד.

אין איין אָוונט האָט זיך מנחם אָנגעטאָן אין זיין זיידענער קאַפּאָטע און איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען. געקומען איז ער יענעם אָוונט צוריק אַהיים זייער שפּעט. ס׳ווייב האָט אויף אים געוואַרט מיט פרעגנדיגע אויגן.

— באשר ס׳איז אַ מיידל, — האָט מנחם איר אַריינגעשושקעט, — וועט זי מאָרגן קומען אַהיים.

און כאָטש מנחם האָט קיינעם ניט דערציילט, ווי אַזוי זיין נחמה׳קע איז צוריק אַהיים געקומען, און כאָטש נחמה׳קע האָט זיך די ערשטע עטלעכע טעג אין גאַס ניט געוויזן, — פונדעסטוועגן האָבן אַלע געוואוסט, אַז נחמה׳קע איז אַרויס פריי. שראַליע דער גאַרבער האָט געברענט מיט צאָרן: ס׳הייסט מנחמ׳ס אַ קינד מעג אַלץ טאָן, און זיינע קינדער — ניט! אין אָנהויב האָט ער זיך געריסן לויפן צו מנחמ׳ען און דאָרטן מאַכן אַ סקאַנדאַל, נאָר באַלד האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט: וואָס איז נחמה׳קע שולדיג? זי איז דאָך אַ וואויל קינד...

שראַליע איז דאָס מאָל געווען ברוגז אויף זיינע קינדער. ס׳איז טאַקע גוט צו זען זייער העלדישקייט, נאָר צו־וויט האָבן זיי ניט געדאַרפט גיין... זיי וועלן דאָך נאָך פאַרפוילט ווערן אין טורמע!...

אין איין אָוונט אָבער איז זיין גאַנצער כעס געשטילט געוואָרן. ער איז דאַן געזעסן ביים טיש און גערעדט צו זיינע איבערגעבליבענע זין, אַז זיי זאָלן זיך ניט רייסן אויף די גלייכע ווענט. זיין קול האָט אַנטהאַלטן אי צאָרן, אי פאָטערלעכקייט. פּלוצלונג איז אַריין נחמה׳קע.

זי איז געווען בלאַס און צעטראָגן. אַלע האָבן אויסגעשטעלט די אויגן או זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

נחמה׳קע איז צוגעקומען צום טיש און זיך אומגעבעטענער־הייט אַנידערגעזעצט. זי האָט אַ וויל געשוויגן, געקוקט שראַליע׳ן אין פּנים. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבן רעדן זייער שטיל:

— אייער בעני האָט מיך געבעטן אייך איבערגעבן: זאָרגט זיך ניט. מאָטקע און חיים וועלן אָפּקומען מיט אַ קליינער שטראָף. ער מיט פרויקע׳ן

װעלן זיך מסתמא אַרױסדרייען פון זייערע הענט, און װי נאָר זײ װעלן דאָס באַװײזן — אַזױ װעלן זײ אַװעקפאָרן קײן אַמעריקע.

— קײן אַמעריקע?! — איז שראָליע געבליבן זיצן מיטן װאָרט אויף די ליפּן. די קינדער האָבן אויך געקוקט מיט גרויס איבעררױשונג.

— יאָ, קײן אַמעריקע, — האָט נחמה'קע פאַרגעזעצט. — בעני האָט דאָס שוין פון לאַנג אײנזינען געהאַט. איצט װעט ער אַזאַ מעגלעכקײט האָבן.

פון דעמאָלט אָן איז שראָליע גאָר אַן אַנדער מענטש געװאָרן. ער האָט געהאַלטן אין אײן טראַכטן װעגן אַמעריקע. אַך, װען בעני כאַפּט זיך אַריבער אַהינצו און נעמט אַרויס נאָך אַ פּאָר פון זײנע זין! זײ װאָלטן דאָך אים געשיקט געלט איבערגענוג (אַזאַ רײכע מדינה!), און ער װאָלט זיך געקאָנט לעבן װי אַ גראַף. אַפילו מנחם דער קלײטניק װאָלט אים מקנא געװען.

דערפאַר האָט זיך שראָליע צום האַרצן ניט גענומען, װען ער האָט זיך דערװאוסט, אַז מ'האָט מאַטקע'ן און חײמ'ען פאַר'משפט צום זיצן צװײ חדשים אין טורמע און בעני'ן מיט פרױקע'ן — צו צװײ יאָר.

— זאָלן זײ פאַרזוכן אַ ביסל לעקעך מיט בראָנפן, — האָט ער געזאָגט צו זײטיגע מענטשן, און בײ זיך אין האַרצן האָט ער געטראַכט:

— נישקשה, אויף מײן חברה קאָן מען זיך פאַרלאָזן!

אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז געקומען דער פּריסטאַװ מיטן אוריאַדניק און אַ פּאָר גאָראָדאָװאָיען צו שראָליע דעם גאַרבער אין הויז. זײ האָבן געזוכט און גענישטערט און געשריען אויף שראָליע'ן און אויף זײן װײב: „װאו באַהאַלט איר אים ערגעץ? װאו איז אײער זון?" שראָליע האָט זײ אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן: „װאָס װײס איך? איר האָט דאָך אים צוגענומען..."

און אַלע האָבן געװאוסט: בעני מיט פרױקע'ן זײנען נעלם געװאָרן פון אונטער דער פּאָליציי'ס הענט, בשעת מ'האָט זײ אַריבערגעפירט פון אײן טורמע אין אַ צװײטער. קײן אײנצלהײטן װי אַזױ דאָס איז געשען האָט קײנער ניט געװאוסט. אַלע האָבן אָבער בײ זיך געטראַכט: אָט דאָס זײנען יאַטן!

קאַפּיטל זיבן: באַרג־אַרונטער

1. די שריפה

ווען מנחם דער קלייטניק איז צוגעפאָרן אין אַרטשיק׳ס וועגעלע אַהיים פון דער באַן, איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. אַרטשיק האָט אַרונטער־געטראָגן עטלעכע פּעקלעך סחורה, וואָס מנחם האָט מיט זיך געבראַכט. ס׳הייסט, איינגעקויפט האָט ער פיל מער, נאָר ער האָט די סחורה אַוועק־געשיקט אַהיים צוריק מיט אַ פּאָר טעג, און ס׳איז שוין געווים דאָ.

אַריינקומענדיג אין הויז, האָט מנחם געטראָפן זיין ווייב אַרומגיין אין איין העמד איבערן שלאָף־צימער און וויגן אין די הענט דאָס מוזיניקל, אַ צוויי־יאָריג קינד. אַט־דאָס מוזיניקל איז שוין געבוירן געוואָרן דאָ אין שטעטעלע. אין אָנהויב האָט זיך מנחם אַפילו געשעמט: שוין אַ טאַטע פון עלטערע קינדער! נאָר אַז גאָט גיט, דאַרף מען דאַך אים דאַנקען, — איז מנחם געווען צופרידן. דאָס איינציגע, וואָס עס האָט אים יאָ געאַרט, איז וואָס זינט דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, גייט אים עפּעס מיט דער פּוטער אַראָפּ.

מנחמ׳ס ווייב האָט זיך פאַר אים געקלאָגט: זי האָט שוין מער קיין הענט ניט פון אַרומטראָגן זיך מיטן קינד! פון אָנהויב אָוונט אָן וויינט ער. וואָס פאַר אַ שפּילעכלעך מען זאָל אים ניט געבן — טויג ניט!

מנחם האָט פון זיך אַרונטערגענומען די מלבושים. ער האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט און עס געפּרואווט איינשטילן, נאָר דאָס קינד האָט געהאַלטן אין איין גוואַלדעווען. די מוטער, וועלכע האָט זיך פריער אַ מידע אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט, האָט זיך ווידער געמוזט אויפהויבן צו באַרואיגן דאָס קינד.

ערשט פאַרטאָג־צו איז דאָס קינד איינגעשלאָפן, אַרומגערינגלט מיט זילבערנע רובלען, בעכער, לעפל און אַנדערע שפּילצייגן. טאַטע־מאַמע זיינען מידע געפאַלן אויף די געלעגערס, און באַלד אַנגעפּילט דאָס צימער מיט מידן געכראָפּ.

ס׳איז שווער געווען אויפצואוועקן פון אַזאַ שלאָף. נאָר וואָס שרייט מען דאָס אַזוי? זאָל דאָס קינד ווידער אַזוי געוואַלדעווען? אַה? וואָס האָט דאָס אַ זעץ געטאָן? אַך, דאָס קינד איז אַרונטערגעפאַלן!...

די מוטער האָט זיך די ערשטע געגעבן אַ כאַפּ־אויף מיט אַ געשריי, נאָך איר — מנחם. ס׳קינד איז געלעגן אין וויגעלע און געשלאָפן. אין די פענצטער האָט אָבער אַ ליכטיגקייט אַ בלענד געטאָן. געשרייען האָבן זיך געטראָגן פון דרויסן: „ראַטעוועט זיך, ראַטעוועט!...״

— מנחם, עס ברענט! — האָט מרים אויסגעשריען.

— ס׳ברענט, געוואַלד! — האָט מנחם געליאַרעמט.

מרים האָט געכאַפּט דאָס שלאָפנדיגע קינד און זיך געלאָזט צו דער טיר. מנחם האָט זיך געכאַפּט צו די עלטערע קינדער. נחמה׳קע איז אַרומגעלאָפן אַ דערשראָקענע און עפּעס געזוכט.

— ראַטעוועט זיך! — האָט מען געשריען פון דרויסן.

די געפאַר איז געווען נאָענט. דאָס פייער האָט זיך געריסן און געוואָרפן זיינע צונגען אין די פענצטער אַריין. מנחם האָט אַרויסגעטראָגן די קינדער. עמיצער איז אַריינגעלאָפן פון גאַס און אַרויסגעפירט מרים׳ען אַ טויט־בלאַסע מיטן קינד אויף די הענט. נחמה׳קע איז אַרויסגעלאָפן און זיך געטוליעט אין מנחמ׳ס אַ מלבוש, וואָס זי האָט באַוויזן אויף זיך אַרויפציען. דער טומל איז געוואָרן גרעסער.

מנחם האָט זיך דערמאָנט אין זיין נאָר־וואָס געבראַכטער סחורה. אַ היץ האָט אים אין קאָפּ אַ שלאָג געטאָן. ס׳לעצטע ביסל געלט! די לעצטע פּאָר גראָשן! ער האָט זיך געלאָזט לויפן צוריק צום ברענענדיגן הויז. ס׳איז שוין געווען צו־שפּעט. אויף דער שוועל האָבן מענטשן אים אונטערגעכאַפּט און צוריקגעצויגן. דאָס פייער האָט זיך שוין אין הויז אַריינגעריסן.

אַ ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן און האָט די פונקען געוואָרפן איבער הייזער און גאַסן. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אויף די פיס. פון אומעטום האָט מען זיך געקליבן. די „פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע״ איז געלאָפן מיט פעסלעך וואַסער און געשפּריצט פון די גומענע קישקעס.

ס׳האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. פיל גאַסן זיינען געבליבן שטיין נאַקעט. אויפן פרימאָרגן האָט זיך דער חורבן ערשט אָנגעזען. דאָס פייער האָט נאָך אין פיל ערטער געטליעט און געגעבן אַלע ווילע אַ קנאַק מיט פונקען.

גאַנצע משפחות זיינען געזעסן אויף זייערע אַרויסגעראַטעוועטע פּעקלעך און געוויינט.

מנחמ׳ס משפּחה האָט קיין פּעקלעך אויך ניט געהאַט. זיי זיינען אַרויס ריין, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט.

מנחם איז אַרומגעגאַנגען לעבן ליידיגן פּלאַץ און געשאָקלט מיטן קאָפּ: אַ סוף צו אַלץ!...

פון וואַנען האָט זיך דאָס פייער גענומען? קיינער האָט דאָס ניט גע־וואוסט. מען האָט בלויז געוואוסט, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן פון מנחם דעם קלייטניק׳ס שטאַל. אייניגע האָבן געזאָגט, אַז מסתמא האָט אַ שונא דאָס אונטערגעצונדן, ווי ס׳טרעפט זיך אַמאָל; אַנדערע, ווידער, האָבן גע־זאָגט, אַז דאָס האָט עמיצער אַ ברענענדיג שטיקל ציגאַר אַוועקגעוואָרפן און דאָס פייער האָט זיך פון דעם אָנגעהויבן.

דאָס שטעטל האָט דערוויל באַקלאָגט דעם גרויסן חורבן. ס׳איז אַפילו ניט געווען ווער וועמען ס׳זאָל טרייסטן.

שראַליע דער גאַרבער איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן מנחמ׳ען, געקוקט אויף זייערע ליידיגע פּלעצער. ער האָט אומעטיג געדרייט מיטן קאָפּ און מיט אַ צעבראָכענעם קול באַמערקט:

— זיך דערלעבט, ר׳ מנחם, האַ?

מנחם האָט אַ קרעכץ געטאָן:

— יאָ, ר׳ שראַליע, ס׳איז אָך־און־ווי, נאָר — גם זו לטובה.

דאָס איז געווען ס׳ערשטע מאָל, וואָס מנחם דער קלייטניק און שראַליע דער גאַרבער האָבן זיך איבערגעביטן מיט ווערטער...

2. אויפן באַרג

ווען שראַליע דער גאַרבער איז געשטאַנען לעבן מנחמ׳ען און זיי ביידע האָבן באַטראַכט די אָפּגעברענטע פּלעצער, און שראַליע האָט שוין מער גאַרניט געהאַט וואָס צו זאָגן צו מנחמ׳ען, — איז פּלוצלונג, ווי פון אונטער דער ערד, אונטערגעשפּרונגען פייוול, שראַליע׳ס פערטער זון, און אין איילעניש געוואָרפן ווערטער:

— טאַטע, פרויקע׳ס שטיבעלע שטייט ליידיג. קיינער האָט דאָס ביז איצט ניט געוואָלט טשעפּען. לאָמיר זיך אַהינצו אַריינקלייבן.

גאַנצע משפחות זיינען געזעסן אויף זייערע אָרויסגעראַטעוועטע פעקלעך...

שראַליע האָט אַ קוק געטאָן מיט זײַנע קאַסאָקע אויגן און זיך פֿאַר־טראַכט. הינדע, זײַן ווײַב, איז צוגעקומען און אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ. פּיוּול האָט צוגעגעבן נאָך אַ פּאָר ווערטער:

— מען מוז זיך צוײַלן, ס׳זאָל ניט זײַן צו־שפּעט.

— וואוהין איז? — האָט הינדע געפֿרעגט.

— ש־שאַ! — האָט שראַליע צוגעלייגט אַ פֿינגער צו די ליפּן. — נעם די פּעקלעך.

שראַליע האָט אַ קוק געטאָן אויף מנחמ׳ען און געזען ווי דערשלאָגן ער איז געשטאַנען און אים, שראַליען, דוכט זיך, מקנא געווען. איצט וואָלט שראַליע געוואָלט, אַז מנחם זאָל אים ניט מקנא זײַן. ער האָט אים גע־פֿרעגט:

— נו, ר׳ מנחם, וואָס וועט איר טאָן?

— זאָל איך אַזוי וויסן פֿון בייז, — האָט מנחם געענטפֿערט.

דאָ זײַנען אונטערגעקומען שראַליע׳ס זין. זיי האָבן געכאַפּט די פּעקלעך און זיך געלאָזט אין וועג.

נחמה׳קע איז אָנגעקומען. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווײַער ענג קליידל, וואָס זי האָט ערגעץ געקראָגן. זי האָט געפֿרעגט ביי שראַליע׳ן:

— וואוהין קלײַבט איר זיך?

— אַהינצו אויפֿן באַרג, צו פּרויקע דעם שוסטער אין הײַזקעלע. דאָס פֿײַער האָט דאָרטן גאָרניט אָנגערירט. אַלע שטיבעלעך שטייען זיך גאַנץ, און דו ווייסט דאָך: פּרויקע׳ס שטיבעלע שטייט ליידיג.

נחמה׳קע האָט גאָרנישט ניט געענטפֿערט און זיך גלייך געלאָזט גיין. שפּעטער אַ ביסל איז זי געקומען צוריק און זיך אָנגערופֿן צו מנחמ׳ען:

— טאַטע, אָט־דאָרטן אויפֿן באַרג געפֿינט זיך דעם לאַפּיטוטניק׳ס שטיבעלע. כ׳בין דאָרטן נאָר־וואָס געווען. דער לאַפּיטוטניק איז געקומען צו לויפֿן אין שטעטל, דערזעענדיג דעם גרויסן פֿײַער. ער זאָגט, אַז ער דאַרף ס׳שטיבעלע ניט האָבן, ווײַל זיי זײַנען מערסטנס אין די דערפֿער. אויב מיר וועלן אים צאָלן דירה־געלט, זאָגט ער, קאָנען מיר זיך אַהינצו אַרײַנקלײַבן.

מנחם האָט געקוקט אויף נחמה׳קען, געביסן דעם שפּיץ פֿון באָרד און געשוויגן. ווען מרים, זײַן ווײַב, איז צוגעקומען, האָט ער ביי איר אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס זאָגסטו, מרים?

מרים האָט עטלעכע טרערן אַ גאָס געטאָן און טיף אָפּגעזיפצט:

— אַן אַנדער ברירה האָסטו?

אַזוי זיינען שראָליע דער גאַרבער און מנחם דער קלייטניק ווידער געוואָרן שכנים דאָרטן אויפן באַרג, וואו די שטיבעלעך רייסן זיך אַריינ־צופאַלן אין דער קאַנאַווע.

3. אין דער ערשטער נאַכט

— מרים, דו שלאָפסט? — האָט מנחם זיך אָפּגערופן צו זיין ווייב, ליגנדיג אויף אַ שמאָל און האַרט בעטל, — כ'וואָלט געוואָלט זיך מיט דיר האַלטן אַ ישוב. כ'מיין, אַז איצט איז שוין לית ברירה. כ'מוז אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע.

מרים האָט געשוויגן.

— וואָס אַנדערש קאָן איך טאָן? — האָט מנחם ווייטער גערעדט. — אַ שטוב מיט קינדער, קיין עין־הרע, קיין גראָשן ביי דער נשמה. כ'ווייס ניט צו וואָס זיך צו נעמען.

מרים האָט אַ קרעכץ געטאָן. מנחם איז עטלעכע מאָל אַרונטערגעגאַנגען פון בעטל, זיך אַרומגעדרייט איבערן שטיבעלע. צוליב וואָס ער איז פון בעטל אַרונטערגעגאַנגען, האָט ער אַליין ניט געוואוסט, נאָר עפּעס האָט אים פון געלעגער געהויבן.

און ווען מנחם איז אָט־אַזוי־אַ אַרומגעגאַנגען, האָט זיך אַ געכראָפּ פון די קינדער איבערן שטיבעלע געטראָגן. אומרואיגקייט איז אין אָט־דעם גע־כראָפּ געווען. מרים האָט מיטן העמד די אויגן געווישט און שטילערהייט גערעדט:

— אַז וואָס זאָלן מיר אָנהויבן צו טאָן? אַ פּיצל קינד אויף די הענט, אַן אַ העמד אויפן לייב, און אויב שוין אַפילו יאָ פאָרן, — טאָ מיט וואָס וועסטו פאָרן?

ביי אָט־די ווערטער איז שוין מנחם ווידער געלעגן אויפן בעטל, און אויך אַזוי שטיל, ווי ס'ווייב זיינס, געענטפערט:

— גאָט איז אַ פאָטער. ער האָט אונז ביז איצט געהאָלפן און ער וועט

דאָס אויך אויף ווייטער מוזן טאָן. כ׳על זיך פּרואוון אַריבערכאַפּן צו וועלוול׳ען, מיין שוועסטער־קינד. ער איז טאַקע אַליין אַן אָרעמאַן אַ איד, נאָר אין אַן עת־צרה וועט ער אפשר מיר מיט עפּעס באַהילפיג זיין.

מרים האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין וויינען. זי האָט גע׳טענה׳ט, אַז אויף אַ מענטשנס גאָב קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן, כאָטש מנחם וואָלט אַפילו זיך געקאָנט אַריבערכאַפּן צו איר פעטער, הערש דעם וואַלד־הענדלער. יענער איז אַ איד אַ גביר, און דאָס וויב זיינס, זייער מומע, איז ניט קיין שלעכטע. נאָר אַפילו אַז מנחם וועט שוין יאָ קריגן געלט אויף צו פאָרן קיין אַמעריקע, טאָ וואָס וועט ווייטער זיין? דער עלטערער זון זייערער, וועלכער האָט ניט לאַנג צוריק חתונה געהאַט, איז אַליין אַן אָרעמאַן. די קלענערע קינדער טויגן נאָך צו גאָרניט...

און מרים האָט, דוכט זיך, געשלונגען די ווערטער און זיי פאַרטרונקען אין איר געוויין. פונדעסטוועגן האָט ביי אָט־די ווערטער אַ בעטל אַ סקריפּע געטאָן, און אין דער פינצטערניש האָט זיך נחמה׳קעס קול געשניטן:

— מאַמע, זאָרג זיך ניט! כ׳האָב הענט און פיס. כ׳בין שוין מער קיין קינד ניט...

טאַטע־מאַמע האָבן געשוויגן. נחמה׳קע האָט ווי נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר זי איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן. פון צייט צו צייט האָט זיך בלויז אַ סקריפּ פון איר בעטל געהערט, וואָס האָט געלאָזט וויסן, אַז נחמה׳קע שלאָפט ניט, אַז נחמה׳קע טראַכט...

4. אינעם שכנ׳ישן שטיבל

אין דער זעלבער נאַכט האָט אינעם שכנ׳ישן שטיבל זיך אויך אַ שמועס געפירט. שראָליע דער גאַרבער האָט געקראַגן אַ ידיעה פון זיין בעני׳ן, אַז ער איז בשלום קיין אַמעריקע פאַרפאָרן. בעני האָט אים אויך געלאָזט וויסן, אַז ווי נאָר ער וועט זיין בכוח, וועט ער, בעני, אַריבערנעמען די ברידער. שראָליע האָט ביי זיך געטראַכט, אַז דאָס וואָלט געווען זייער אַ גלייכע זאַך. ער האָט זיינע מחשבות אין זיך ניט געוואָלט איינהאַלטן און ער האָט גע־פּרואווט רעדן מיט הינדע׳ן וועגן דעם. הינדע האָט זיך אַפילו גע׳חידוש׳ט:

וואָס בורטשעט ער דאָרטן אײנמיטן דער נאַכט? נאָר ווען זי האָט דערהערט דעם ווייכן טאָן אין איר מאַנ׳ס ווערטער, האָט זי זיך אַ טראַכט געטאָן: אפשר האָט די שריפה אים אַ ביסל איבערגעאַנדערשט, און ער האָט אויך דאָס ווייב זיינס אָנגעהויבן צו רעכענען פאַר אַ שטיקל מענטש?!

— וואָס זאָגסטו, הינדע? — האָט שראָליע גערעדט זייער שטיל, און אין זיין קול האָט זיך געפילט עפּעס אַ מין פאַרשעמטקייט און צוריק־געהאַלטנקייט. — וואָס זאָגסטו? אונזער בעני איז אַ יונג אַ כוואַט.

— אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ קינד דאָס איז! — האָט הינדע מיט שטאָלץ אין איר קול באַשטעטיגט.

— נו, איז רעכנסטו ניט, אַז ער וועט טאַקע איננגיכן אַריבערנעמען אונזערע זין און פון זיי דאָרטן לייט מאַכן? וואָס זאָגסטו?

— לייטן אויף צופּוקעניש וואָלט טאַקע אַזוי באַדאַרפט זיין.

שראָליע האָט אַ קרעכץ געטאָן. פון זיין ווייב׳ס באַמערקונג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט טאַקע זייער אַ סך שונאים, און אַז איצט וועלן זיי אין אים אַ נקמה דערלעבן, ווייל די אַלע גבירים וועלן דאָך מסתמא זיך צוריק אויפבויען, נאָך אפשר שענערע הייזער אָוועקשטעלן, און ער? וואָס וועט ער טאָן? ער וועט זיך דאַרפן וואַלגערן אַט־אָ־דאָ ביי פּרויקע׳ן אין שטיבל...

שראָליע האָט זיך ניט צוריקגעהאַלטן אַפילו פון זאָגן דאָס צו זיין ווייב, און אויף מאָרגן האָט ער אויך דאָס צו זיינע זין געזאָגט. ס׳איז ביי זיי געבליבן, אַז זיי זאָלן באַלד מודיע זיין בעני׳ן וועגן דער אומגליקלעכער שריפה, און טאַקע בעטן ביי אים, ווי ביי אַ בראַוון זון און ברודער, אַז ער זאָל זיי אַריבערנעמען קיין אַמעריקע.

אויף אַט־דעם חשבון איז שראָליע געוואָרן אַ ביסל מונטערער. ער האָט געטראָטן איבער די שטעטלדיגע גאַסן ניט ווי אַ דערשלאָגענער נשרף, און ס׳שטעטל האָט זיך טאַקע געוואונדערט.

שראָליע׳ס נביאות זיינען מקוים געוואָרן. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָבן פלעצער אָנגעהויבן אָפּגערייניגט צו ווערן, און ס׳האָט זיך דערהערט דער געקלאַפּ פון האַמער און זעג. איבערהויפּט האָבן הייזער זיך אָנגעהויבן אָוועקשטעלן אויף דער שיינער גאַס. בלויז צוויי פלעצער זיינען געבליבן שטיין איינזאַמע און אומעטיג געקוקט איינע צו די אַנדערע: די פלעצער פון מנחם דעם קלייטניק און שראָליע דעם גאַרבער.

און ווען ווייבער זיינען דורך אַט־די לײדיגע פלעצער פאַרבייגעגאַנגען און זיך צונויפגערעדט וועגן דעם, האָבן זיי טרערן מיט די פאַרטוכער געווישט און טיף אָפּגעזיפצט. זיי האָבן דערמאָנט מנחמ׳ען מיט זיינע באַטעמ׳טע ניגונים, און זיי האָבן געטראַכט, נאָר אויף זייערע ליפּן ניט גע־וואָלט אַרויפברענגען, וועגן דעם באַרג וואו די צוויי משפּחות געפינען זיך איצט; וועגן דער קאַנאַווע, וואו גלגולים און רוחות האַלטן זיך אויף, — ניט געדאַכט זאָלן זיי ווערן אין אידישע ישובים...

קאַפּיטל אַכט: קרובים

1. אַ מאָדנע וועלט

געדאַנקען האָבן זיך אין מנחמ׳ס מוח געבאַמבלט, און ער האָט זיי אויף די ליפּן ניט געוואָלט אַרויפלאָזן. וואָס פאַר אַ קשיות האָט ער צו פרעגן ביי גאָט? ס׳איז טאַקע אמת, אַז ער, מנחם, איז אַ פרומער איד, איז שטענדיג געווען ערלעך און געדינט טריי זיין באַשעפער, — נאָר מסתמא ווייסט דאָך גאָט וואָס ער טוט... אגב, אַלע צדיקים ווערן דאָך געשטראָפט אויף דער וועלט, כדי צו קומען ריין און אויסגעלייטערט אויף יענער וועלט און געניסן פון דעם גן־עדן.

פונדעסטוועגן דאַרף דער מענטש די הענט ניט פאַרלייגן און ניט וואַרטן אויף כבוד, ביז גאָט וועט אים עפּעס צושיקן. „אם אין אני לי מי לי״, — האָט מנחם געזאָגט צו זיין ווייב, ווען זי האָט אים נאָך אַלץ גע־פּרואווט אָפּרעדן פון פאָרן קיין אַמעריקע.

מנחם האָט ניט געוואָלט, אַז ס׳שטעטל זאָל וויסן פון זיין קלייבן זיך קיין אַמעריקע. האָט ער שטילערהייט גענומען אַ רענצל, אַריינגעלייגט אַ פּאָר קלייניגקייטן, וואָס מ׳האָט צונויפגענומען ביי נאָענטע פריינט; ער האָט געלאָזט וויסן אַרטשיק דעם באַלעגאַלע, אַז ער דאַרף האָבן צו דער באַן, און איידער אַרטשיק איז געקומען, האָבן מאַן־און־ווייב און קינדער זיך גוט אָנגעוויינט און צעזעגנט זיך אַזוי, אַז אַרטשיק זאָל קיין פאַרדאַכט ניט האָבן.

אַרטשיק האָט מיטן פערד־און־וועגעלע ניט געקאָנט צוקומען צום שטיבעלע דאָרטן אויפן באַרג. האָט ער דאָס פערד־און־וועגעלע איבער־געלאָזט ביים ראָג פון געסל און אַליין איז ער צוגעקומען צום שטיבעלע. מנחם האָט גענומען ס׳רענצל, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַוועקגעפאָרן פון שטעטל אָט פונקט ווי ער פלעגט אַלעמאָל אַוועקפאָרן איינקויפן סחורה.

אַרטשיק האָט געפּרואווט פאַרפירן אַ געשפרעך מיט מנחמ׳ען, ווי זיין טבע איז געווען. מנחם האָט אים געקוקט אין די אויגן און קיין וואָרט ניט געענטפערט. אַרטשיק האָט ניט געוואוסט, אַז זיין פאַסאַזשיר, מנחם דער

קליטניק, זיצט מיט אַ נאַגנדיג און צעוויטאַגט האַרץ און טראַכט ביי זיך, אַז הלואי וואָלט ער שוין בעסער אַ באַלעגאָלע געווען זיין. ער וואָלט דעמאָלט געקאָנט זיצן אויף דער קעלניע אַזוי רואיג ווי אַרטשיק און דער־ציילן מעשיות און וואָלט ניט געדאַרפט איבערלאָזן ווייב און קינדער און זיך אַליין לאָזן מעבר לים.

אַרטשיק׳ס פערדלעך זיינען געלאָפן געלאַסן און סטאַטעטשנע איבער דער ברוקירטער גאַס. זייערע קאָפּיטעס האָבן צום טאַקט אָפּגעקלונגען אין דער נאַכטיגער שטילקייט: טאַ־טאַ, טאַ־טאַ. הייזער, פּלעצער און גערטנער זיינען פאַרשוואונדן הינטער דעם וועגעלע. אַרטשיק האָט ביי זיך געטראַכט, אַז ס׳איז אַ מאָדנע וועלט. ערשט צוריק מיט עטלעכע יאָר, ווען מנחם איז אין שטעטל אַריינגעפאָרן, איז ער, מנחם, געווען אַ זשוואָווע מענטשל, פול מיט פרייליכקייט און שטאָלץ, און איצט... איצט זיצט ער דערשלאָגן, פאַרטראַכט, קייט דעם שפּיץ באָרד מיט די ליפּן און שווייגט מיט אַזאַ אומעטיגער שטומקייט.

2. ביטערע צייטן

מנחם איז מיט דער באַן געקומען צו פאָרן אויף דער סטאַנציע, פון וואַנען ער האָט מיט אַ פור געדאַרפט צופאָרן עטלעכע וויאָרסט צום דאָרף, וואו זיינע קרובים האָבן געוואוינט. ס׳רעדט זיך אַזוי: אַ דאָרף. אין דער אמת׳ן איז דאָס אַ שטיקל אימעניע געווען. אַזוי האָט אים דערציילט דער פּויער, וואָס האָט מנחמ׳ען אין דאָרף געפירט. דער פּויער האָט זיך גאַרניט געקאָנט אָפּלויבן פון הערש דעם וואַלד־הענדלער. „אָט איז אַ מענטש, וואָס טראָגט אַ גרויסן קאָפּ אויף זיינע פּלייצעס!" וואָס פון טאָג ווערט ער רייכער און קויפט אָפּ אַלץ מער וואַלד. דאָס גאַנצע דאָרף הייזער געהערט שוין באַלד צו אים, און כמעט אַלע פּויערים פונעם דאָרף אַרבעטן פאַר אים. מען האַקט און מען פירט געהילץ, נאָכדעם שטייט מען אין קאָנטאָר און מען קריגט קוויטלעך פאַר דער אַרבעט. פאַר אָט־די קוויטלעך קאָן מען שוין קריגן פון אַלדאָס גוטס, ווייל הערש דער וואַלד־הענדלער האָט אויך אייגענע קראָמען און אָט־די קראָמען שטעלן־צו אַלץ, וואָס די פּויערים דאַרפן האָבן.

מנחם האָט זיך צוגעהערט צום פּויער׳ס רייד און אַ שטיקל האָפענונג האָט זיך אין זיין האַרצן פאַרקליבן: אַך, אפשר טאַקע וועט אָט־דער קרוב

אים אַרויסהעלפֿן, שטעלן אים אויף די פֿיס. הייסט עס, אַז גאָט שיקט צו די רפֿואה פֿאַר דער מכּה. קיין האָפֿענונג און בטחון אין גאָט טאָר מען קיינמאָל ניט פֿאַרלירן. זיין מרים פֿלעגט אים טאַקע שטענדיק דערציילן גאַנצע געשיכטעס וועגן אָט־דעם הערש דעם וואַלד־הענדלער. זיין טאַטע איז שוין אויך געווען אַ רייכער סוחר, נאָר אַזאַ גביר — זיכער ניט. אָט־דער הערש האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָרים מיידל, ווייל דאָס מיידל האָט געשטאַמט פֿון גאָר אַ גרויסן יחוס (טאַקע פֿון איר צד געהערט זיך זיין ווייב אַן מיט הערש דעם וואַלד־הענדלער), און פֿון דעמאָלט אָן איז אים אַוועקגעגאַנגען גוט.

דאָס פֿורל איז אַריינגעפֿאָרן אין דאָרף און דער פֿויער האָט גלייך אַ זאָג געטאָן צו מנחמ׳ען:

— זעסט, אָט דאָרטן, אָט אין יענעם הויכן הויז וואוינט דאָס דער הערש. דאָס הויז זעט זיך אַרויס פֿון גאַנץ ווייט, ווייל עס איז די העכסטע געביידע אין גאַנצן דאָרף.

מענטשן זיינען פֿאַרבייגעגאַנגען און געוואָרפֿן פֿרעגנדיקע בליקן אויף מנחמ׳ען. דער פֿויער האָט זיך צו אַלעמען געגריסט און צו אייניקע שטיל באַמערקט:

— איך פֿיר אַ גאַסט צו הערש׳ן.

אין הויז פֿון הערש דעם וואַלד־הענדלער האָט מען מנחמ׳ען באַגעגנט מיט גרויס פֿריינטלעכקייט. די מומע האָט באַלד געגרייט צום טיש און אַלעמאָל שטיל צו זיך אַ זאָג געטאָן: „אַך, ס׳אַראַ אָנגעלייגטער גאַסט!“ די קינדער האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום אים און געהאַט גרויס אַפּשיי פֿאַר דעם גאַסט. הערש איז אין דער היים ניט געווען; דאָך עפּעס אַ פֿאַרנומענער מענטש!

יאָ, אַוודאי האָט די מומע געהערט פֿון דער שׂריפֿה, און אַוודאי האָט איר דאָס האַרץ זייער שטאַרק וויי געטאָן. ווען זי וואָלט זיך געווען פֿילן אַ ביסעלע שטאַרקער, וואָלט זי זיך געווען דורכגעפֿאָרן צו אירע פֿלי־מעניקעס, נאָר עפּעס איז זי לעצטנס זייער שוואַך.

— נו, איז וואָס מאַכן עפּעס אַלע אין דער היים? אַי־אַי־אַי, איר פֿאָרט קיין אַמעריקע? און וואָס וועט מרים מיט די קינדער טאָן? זייער שלעכט. נאָר וואָס קאָן מען זיך העלפֿן? אַנשיקעניש פֿון גאָט׳ס האַנט...

מנחם האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אָנגעהויבן אַריינוואַרפֿן

באַמערקונגען און אַזוי פּאַמעלעכינקע אויסגעדערציילט זיין גאַנצע גע־שיכטע פון זינט ער האָט זיך אַריינגעקליבן אין שטעטל, וואו די שריפה האָט געטראָפן, און אַפילו ביז דעמאָלט. די מומע האָט זיך מיט ערנסט איינ־געהערט, און ווען ער האָט פאַרענדיגט, האָט זי אַ טיפן זיפץ געטאָן:

— יאָ, זייער שלעכט היינטיגע צייטן.

מנחם האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און ווייטער שוין גאָרניט גע־רעדט. אַ פּאַרדרוס האָט זיין האַרץ געדריקט. נאָכן עסן האָט ער אומרואיג אַרומגעשפּאַנט איבער די חדרים. דער קאָפּ איז עפּעס שווער געוואָרן. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ קאַנאַפּע און איינגעדרעמלט. אין חלום האָט ער געזען גאַנצע אוצרות מיט גאָלד און זילבער. ער וויל צוגיין צו דעם און עפּעס אויפהויבן, נאָר דער פעטער, הערש דער וואַלד־הענדלער, לאָזט אים, מנחמ׳ען, ניט צוקומען...

ווען מנחם האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז שוין הערש דער וואַלד־הענדלער געווען אין הויז. ער האָט מנחמ׳ען צוגעטראָגן אַ ברייטן שלום־עליכם און אויף אים געקוקט מיט רחמנות׳דיגע אויגן. נאָכדעם זיינען זיי געגאַנגען אין שולכל, וואָס איז געווען אין אַ הויז פון אַ צווייטן בכבוד׳יגן אידן, און מען האָט דעם גאַסט מכבד געווען מיט דאַוונען פאַרן עמוד.

די גאַנצע צייט איז פאַר מנחמ׳ען געשטאַנען דאָס בילד פון זיין משפחה — ווי זיי שטייען אומעטיגע לעבן אָפּגעברענטן פלאַץ. אין דעם דאַוונען, כאָטש עס זיינען געווען וואָכעדיגע תפילות, האָט מנחם אַריינגעלייגט זיין גאַנץ געבראָכן געמיט און די עטלעכע דאָרפישע אידן האָבן געקנייטשט מיט די פּלייצעס: אַזוינס האָבן זיי אויף זייער גאַנץ לעבן נאָך ניט געהערט. נאָכן דאַוונען האָבן זיי אים אַרומגערינגלט. אַפילו פּנחס, דער קבצן פון דאָרף, האָט געוואָגט צוצוגיין צו מנחמ׳ען און ביי אים עפּעס פרעגן, ווייל אין זיין דאַוונען האָט ער דערפילט עפּעס אַזאַ נאָענטקייט... מנחם האָט אָבער זייער ווייניג גערעדט. וועגן דער שריפה האָט ער שוין געלאָזט דעם פעטער דערציילן. יעדער איינער האָט געקרעכצט און איז אַהיים געגאַנגען.

אין דער היים האָט ר׳ הערש דערציילט זיין פּלימעניק, אַז די צייטן זיינען זייער ביטערע, אַז די קינדער האָבן ניט קיין חשק אַליין צו פאַר־דינען און אַלץ פאַלט אויפן טאַטן. דער רבי, ניט אויסגערעדט זאָל דאָס זיין, קאָסט אים אויך אַפּ אַ מטבע. די פּויערים ווילן היינטיגע צייטן מער ניט אַרבעטן פאַר ווייניג באַצאָלט. פאַר יעדער קלייניגקייט מוז מען זיי

גוט באַצאָלן.

מנחם האָט פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט אָדער צוויי. נאָכדעם האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן צום פעטער:

— ווען, למשל, קאָן איך קריגן אַ באַן פון דאַנען? איך וואָלט געוואָלט מאָרגן פרי אַרויספאָרן.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז שוין מנחם טאַקע אַוועקגעפאָרן פון זיין רייכן פעטער. די מומע האָט אַפילו געפּרוּווט אים אָפּהאַלטן אויף נאָך אַ פּאָר טעג, נאָר מנחם האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער טאָר קיין סך צייט ניט פאַרלירן. ער מוז צופאָרן צו זיינעם אַ שוועסטער־קינד.

פאָרנדיק אויפן וואָגן, האָט מנחם געוואָלט וועגן עפּעס טראַכטן. ער האָט דאָס אָבער ניט געקאָנט. איין געדאַנק האָט זיך בלויז אין זיין מוח געוויגט: הערש דעם וואַלד־הענדלער קום איך אַ חוב: פינף־און־צוואַנציק רובל...

3. נתן

מנחם איז געקומען צו פאָרן אויף אַ רוישיקן וואָקזאַל. מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט און געשמועסט. אַנדערע זיינען געזעסן אין ווינקלען אויף פּעקלעך און געוואַרט אויף די צוגן.

— ווייזט אויס, אַ גרויסע שטאָט, — האָט מנחם באַמערקט צו אַ צווייטן אידן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט אין באַן. עפּעס האָט ער דערפילט אַן אָפּשיי פאַר גרויס־שטאָטישקייט. ער האָט געקוקט אַרום־און־אַרום און כמעט קיין אידן ניט געזען, און אפשר זיינען דאָרטן אַ סך אידן געווען, נאָר אַלע זיינען געגאָלטע און טראָגן היט, אַזוי אַז מען קאָן זיי ניט אונטער־שיידן פון קריסטן, — טאָ פאַרוואָס פונדעסטוועגן אַרט דאָס אים ניט?

ער האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן הערש דעם וואַלד־הענדלער, וועגן זיין פאַרלאָזטער משפחה, ווען עמיצער האָט אים אין פּלייצע אַ טאָרקע געטאָן. מנחם האָט זיך אומגעקוקט.

— וואָס מאַכט איר, ר׳ מנחם? — האָט אים אַ יונגערמאַן געגעבן די האַנט.

מנחם האָט זיך גוט איינגעקוקט אינעם יונגנמאַן און זיך גע׳חידוש׳ט:

— נתן? ווי קומסטו אַהער? זע נאָר, זע, ס׳אַראַ בחור דו ביסט געוואָרן!

נתן, זיין שוועסטער־קינד׳ס זון, האָט געטראָגן אַ פּעלערינע אויף די אַקסלען. ער האָט מנחמ׳ען אָפּגערופן אָן אַ זייט און מיט אים אַ ביסל געשמועסט. מנחם האָט באַלד דערפילט אַ נאָענטקייט צו זיין פּלימעניק. ער האָט אים דערציילט וועגן וואָס ער איז אַהער געקומען. נתן האָט דער־ציילט מנחמ׳ען, אַז ער פּאַרט איצט אַוועק אין אַ דערבייאיקער שטאָט און וועט מאָרגן צוריק זיין אין דער היים. דערווייל זאָל ער ביי אים נעמען אָט־דעם־אָ קאָנווערט און דעם בריוו זאָל ער איבערלייענען אין דער היים.

נתן האָט זיך אָפּגעקערעוועט אין אַ זייט, כדי צו פאַרקלעפּן דעם קאָנ־ווערט. מנחם האָט דעם קאָנווערט צוגענומען און איז אַוועקגעפאָרן איז שטאָט.

וועלוול, מנחמ׳ס שוועסטער־קינד, איז געווען אַן אַרבעטער. ער האָט אויסגעהערט די געשיכטע פון זיין קוזין מיט אָפענע און אויפמערקזאַמע אויגן. נאָכדעם האָט ער דערציילט מנחמ׳ען וועגן זיין זון נתן, אַז די פּאָליציי לאָזט ניט דורך קיין איין נאַכט, אַז זי זאָל אים ניט קומען זוכן, און ער, נתן, באַהאַלט זיך אויס...

דער שוועסטער־קינד האָט געגעבן מנחמ׳ען צען רובל, און ווען מנחם האָט אויפגעעפנט דעם קאָנווערט, וואָס נתן האָט אים געגעבן, האָט ער געפונען אַ פינף־און־צוואַנציקער.

אין אָנהויב האָט מנחם ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיטן געלט פונעם קאָנווערט. ווער ווייס וואו יענער האָט דאָס געלט גענומען ? אָט דערציילט דאָך אים וועלוול, אַז נתן איז אַ גוי־גמור, עסט אָן אַ היטל און דאַוונט קיינמאָל ניט — טאָ וואָס טוט מען מיטן געלט ? און צוריקגערעדט : נתן איז אַ גאָלדענער באַלמעלאָכע און האָט ביז מיט אַ צייט צוריק געאַרבעט און גוט פאַרדינט — אַזוי דערציילט טאַקע זיין שוועסטער־קינד. דערצו איז נתן אַ גוטע נשמה. דאָס געלט איז דערפאַר כשר.

מנחם האָט אַוועקגעשריבן אַהיים אַ בריוול, אַז די סחורה האָט ער איינגעהאַנדלט, ער שיקט זיי אַ פּאָר רובל אויף חיונה און אַליין פאָרט ער פאַרזעצן דעם מסחר...

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט לייבקע דער מעקלער זיך באַוויזן אין מאַרק, געדרייט מיטן שטעקעלע הין־און־צוריק, געוואָרפן „גוט מאָרגנס״ צו די קרעמער און דערציילט : „מנחם דער קלייטניק איז בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקע.״

צווייטער טייל

... איז ער געבליבן שטיין און געקוקט ווי אויף אַ בייז־וואונדער.

קאַפּיטל איינס: מנחם אין אַמעריקע

1. זינדיקע מחשבות

מנחם איז געפאָרן קיין אַמעריקע מיט זיינעם אַ באַקאַנטן. ער האָט זיך מיט אים צוזאַמענגעטראָפן אין דער שטאָט, וואו זיין שוועסטער־קינד וועלוול האָט געוואוינט. דער באַקאַנטער האָט אויך אויסגעליען מנחמ׳ען עטלעכע רובל, וואָס האָבן אים נאָך אויסגעפעלט אויף הוצאות.

ווען ניט אָט־דער באַקאַנטער, איז שווער צו זאָגן ווי אַזוי מנחם וואָלט זיך געוווען דערשלאָגן קיין אַמעריקע. מנחם איז געווען אין גרעסטן פּחד מחמת די אַלע שוועריגקייטן, וואָס ער האָט אויפן וועג געדאַרפט דורכמאַכן. דער באַקאַנטער אָבער איז געווען אַ מענטש מיט דערפאַרונג. ער איז שוין איין מאָל אין אַמעריקע געווען און איצט פאָרט ער עס אַ צווייטן מאָל פּרואוון זיין מזל.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, און מנחם האָט דערהערט דעם גרויסן טומל און הו־האַ, איז ער געבליבן שטיין און געקוקט ווי אויף אַ בייז־וואונדער. עס האָט געבלאָזן אַ לייכט ווינטל און געטרייסלט מנחמ׳ס קאַפּאָטע. די באָרד האָט זיך פאַרבויגן אויף איין זייט און זיך געריסן ווי אויף אָוועקצופליען. ער איז אַזוי געשטאַנען אומבאַוועגלעך, האַלטנדיק דעם טשעמאָדאַן אין האַנט. מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אים מאָדנע באַטראַכט.

דער באַקאַנטער זיינער האָט אים פון אָט־דער איבערראַשונג אַ ביסל באַרואיגט. ער האָט אים דערקלערט, אַז דאָס איז נאָך ניט אַמעריקע. ער וועט נאָך זען גרעסערע וואונדער, גרעסערע טומלען.

זיי זיינען פאַרפאָרן ערגעץ אין אַ זייטיק געסל אויף דער איסט־סאַיד. דער שלעכטער ריח האָט אַ זעץ געטאָן אין נאָז. מנחם האָט זיך שוין מער ניט צוגעקוקט צו דעם, וואָס אַרום האָט זיך געטאָן. ערשט אין דער הויך, אויפן פינפטן שטאָק, האָט ער דערפילט, אַז ס׳איז אים ענג. די צימערלעך זיינען קליינינקע און שמוציגע. אין אָט־די צימערלעך האָבן זיך אויפ־



אָט די „באָרדערס״ זײַנען געשלאָפן צו עטלעכע אין אַ חדר׳ל

געהאַלטן עטלעכע מענער. שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיי רופן זיך „באָרדערס". אָט־די „באָרדערס" זיינען געשלאָפן צו עטלעכע אין אַ חדר׳ל. די פאַרהאָרעוועטע באַלעבאָסטע האָט זיי אויך אַמאָל דערלאַנגט עפּעס איבערצובייסן.

דעם ערשטן טאָג איז מנחם אין ערגעץ ניט געגאַנגען. אויפן האַרצן איז ווי אַ שווערע משא געלעגן. אין די געדאַנקען האָבן זיך געשפּילט זיין שטעטעלע, זיין משפּחה און זיין אָפּגעבערענט הויז. און וואָס וועט ער איצט טאָן?

יאָ, וואָס וועט ער טאַקע טאָן? ער האָט וועגן דעם געטראַכט שעה׳ן־לאַנג ביינאַכט אויפן געלעגער. מענטשן האַלטן דאָ אין איין רעדן פון אַרבעט און אַרבעט. נו, ביי וואָס וועט ער אַרבעטן? צו וואָס וועט ער זיך נעמען?

אויף מאָרגן האָט ער זיך דערפרעגט צו אַ שולכל. דאָס שולכל האָט אויף אים געמאַכט אַ זייער שווערן איינדרוק: מענטשן פאַרהאָוועטע, פאַר־האָרעוועטע; אַפילו דאָרטן רעדט מען בלויז וועגן אַרבעט.

ווען מנחם האָט זיך צוזאַמענגערעדט מיט מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט פון דער היים, האָבן זיי געשמייכלט און געענטפערט מיט אַ חוזק־טאָן אויף זיינע „קליינשטעטלדיגע" רייד:

— דאָ איז אַמעריקע און קיין מיוחסים זיינען דאָ ניטאָ. אַלע מוזן אַרבעטן אויף אַ לעבן צו מאַכן.

די גאָר נאָענטע האָבן אים אַ זאָג געטאָן:

— אַי, אַ שאָד, אַ שאָד! אָט ערשט נעכטן האָבן מיר אָנגעשטעלט אַ שמש פאַרן שולכל.

מנחם איז געבליבן שטיין אַ געטראָפּענער: אַ שמש? מענטשן האָבן אים אָבער באַלד באַרואיגט, אַז דאָ אין אַמעריקע פּילט מען זיך גליקלעך מיט אַזאַ „פּאָזישאָן". ער דאַרף זיך ניט פּילן באַליידיגט.

גייענדיג פון שולכל אַהיים, האָט מנחם גוט באַקוקט די געסלעך, וואָס ער איז פאַרבייגעגאַנגען. געסלעך שמוציגע, אָפּגעלאָזענע, ברודנע מויערן שטייען אומעטיגע, ווי זיי וואָלטן געקלאָגט אויף זייער ביטער מזל. כמעט אַלע הויפן זיינען באַהאַנגען מיט אונטערוועש, און די וועש הוידעט זיך, ווי רוחות וואָלטן דאָרט אַרומגעטאַנצט. אָט־דאָס איז אַמעריקע? פע, חלשות!...

ווען מנחם האָט גערעדט וועגן דעם מיט זיין באַקאַנטן, האָט אים יענער געזאָגט:

— אַי, איד וואָס איר זייט! אָט־דאָס איז דען אַמעריקע? דאָס איז דאָך די איסט־סאַיד! דאָ וואוינען אַלע קבצנים, אַרבעטער, אָרימעלייט. וואַרט, וואַרט, איר וועט נאָך ערשט זען אַמעריקע!

מנחם האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט. אין מוח אָבער האָט גע־עגבערט: אַ מיאוס׳ע וועלט, פּע! מענטשן אַרבעטן, האָרעווען און מוזן וואוינען אין אַזעלכע שמוציגע לעכער! הייסט עס, אַז אין אַמעריקע זיינען אויך פאַראַן אָרימע און רייכע. אַבי מ׳האָט געזאָגט, אַז אין אַמעריקע זיינען אַלע גלייך...

אַוודאי האָבן מענטשן געלאַכט פון מנחמ׳ען, ווען ער האָט אָט־די געדאַנקען אַרויסגעזאָגט. ער האָט אָבער געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דעם, און עס האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק באַנג טאָן, וואָס אָט־דאָרטן, אויף יענער זייט ים, האָט ער אַזוי ניט פאַרשטאַנען... ווען ער פלעגט שטיין אין שול ביי דער מזרח־וואַנט, האָט ער וועגן די הינטערן־אויוון זיצערס ניט געטראַכט... און פאַרוואָס טאַקע האָט ער אַזוי פאַרהאַסט שראַליע דעם גאַרבער? פאַרוואָס, האַ?

און מען טאָר קיין זאַך ניט פאַרלייקענען: מנחם האָט אויך אין אַנדערע מינוטן געטראַכט, אַז אָט־די געדאַנקען זיינען ניט מער ווי עפּעס אַן אָנ־שיקעניש, אַ חולאת. נאָך אַלעמען פירט דאָך גאָט די וועלט, איז מסתמא ווייסט ער וואָס ער טוט... די הויפּט־זאַך איז: הלואי וואָלט זיך אים גע־מאַכט אַ גוטע שטעלע, וואָלט ער פון אָט־די זינדיגע מחשבות אינגאַנצן פּטור געוואָרן.

און ס׳איז געשען: דער באַקאַנטער זיינער האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער האָט פאַר אים אַ פלאַץ וואו צו אַרבעטן. אמת, קיין גרויסע שכירות וועט ער ניט קריגן, איז מילא, דאָס איז דאָך זיין ערשטער פלאַץ, וואו ער וועט זיך לערנען אַ מלאכה. יאָ, ער וועט ווערן אַ פּרעסער. ער וועט מיט אַן אייזן דאַרפן אויספּרעסן פאַרשיידענע מלבושים. דאָס איז די איינציגע אַרבעט, צו וואָס אַזאַ איד ווי ער קאָן זיך נעמען.

מנחם האָט געגלעט די באָרד און געדאַנקט זיין באַקאַנטן. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן: מיר׳ן פּרואוון ווערן אַ פּרעסער!

2. אַ גלינקטער פּרעסער

מאָלט אייך, אַז מנחם האָט שוין אָפּגעלעבט זיינע העכער פערציק יאָר, איז שוין אויסגעוועזן אַ וועלט, האָט זיך אין זיין לעבן פונדעסטוועגן עפּעס אַ ביסעלע אָנגעאַרודעוועט, געלאָפן אַהין, געלאָפן אַהער, געמאָסטן פאַרשיידענע שטאָפן און זיי געוויקלט אויף די ברעטלעך. שפּעטער, ווען ער האָט געקויפט אַן עסנוואַרג־געשעפט, האָט ער דאָך געוואויגן און גע־מאָסטן. און נאָך שפּעטער, אַלס פאַדריאַדטשיק, האָט ער דען ווייניק פּעקלעך איבערגעטאָסקעט? פונדעסטוועגן איז אים גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז ער איז אַ גלינקטער.

ערשט דאָ אין אַמעריקע, דעם ערשטן טאָג, וואָס מנחם איז געוואָרן אַ פּרעסער, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער איז ניט גלייך מיט אַלע מענטשן: אַז אַלע מענטשן קאָנען אַרבעטן מיט דער רעכטער האַנט, און ער, מנחם, מוז אַרבעטן מיט דער לינקער האַנט.

און ניט אַזוי גרינג איז מנחמ׳ען אָנגעקומען אָט־די אַנטדעקונג. ס׳איז געווען דעמאָלט, ווען דער באַקאַנטער זיינער האָט אים אין שאָפּ צוגעשיקט. אין אָנהויב האָט ער זיך גאָר געשראָקן צו נעמען דאָס שטיקל פּאַפּיר מיטן אַדרעס אין האַנט אַריין, ווייל גיי זוך דאָרטן עמיצן ערגעץ איינער אַליין אין אַמעריקע! דער באַקאַנטער זיינער, איינזעענדיק זיין פאַרלוירנקייט, האָט אים צוגעפירט צום שאָפּ.

אין שאָפּ האָט דער באַקאַנטער ניט געוואָלט אַריינגיין. ס׳פּאַסט ניט, האָט ער געזאָגט. „אויב דער באַלעבאָס וועט זיך שטאַרק אָנהויבן נאָכ־פרעגן ווער ס׳האָט אייך געשיקט, מעגט איר דערמאָנען מיין נאָמען.“

איז מנחם געקראָכן פון איין שטאָק אויפן צווייטן און געציילט, אָט פונקט ווי דער באַקאַנטער האָט אים אָנגעזאָגט: „איר וועט זיך דרייען און אויפהויבן זיך אַ מאָל פינף; אויפן זעקסטן מאָל וועט איר דערהערן אַ הוזשעריי פון ניי־מאַשינען. דאָרטן וועט איר קאָנען עפענען די טיר.“

מנחמ׳ען האָט עפּעס געקלאַפּט אין האַרצן: אַ שטייגער, וואָס? גנבים וועלן אים דען באַפאַלן? נו, וואָס וועט מען ביי אים צונעמען? פונדעסט־וועגן האָט ער פאַרט מורא געהאַט צו קלעטערן אויף די פינצטערע שטיגן און האָט פיל מאָל אַרויסגעשעפּטשעט: „שמע ישראל“.

ביים זעקסטן מאָל זיך אויפהויבן אויף די שטיגן, האָט מנחם טאַקע דערהערט אַ הוזשעריי פון ניי־מאַשינען. ער האָט אָנגעטאַפּט די טיר און זי געעפנט. מענטשן זיינען געזעסן איינגעבויגן ביי די מאַשינען און גע־שטעפּט. אין אַ זייט זיינען געשטאַנען די פּרעסער און געפּירט מיט די אייזנס איבער מלבושים. קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט. זיי זיינען געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט און האָבן מנחמ׳ען אַפילו ניט באַמערקט.

מנחם איז געשטאַנען ביי דער טיר און האָט ניט געוואָגט צו עמיצן צוצוגיין. אַזוי איז אַריבער אפשר אַ שעה צייט, און אפשר בלויז עטלעכע מינוט, וואָס האָבן זיך מנחמ׳ען אויסגעצויגן ווי אַ שעה.

פּלוצלונג איז פון ערגעץ אויסגעוואָקסן אַ נידעריג מענטשל מיט אַ הויכן בויך. דאָס מענטשל איז געגאַנגען פאַרקאַטשעט די אַרבל און אויף זיין האַלז איז געהאַנגען אַ לאַנגע מאָס.

— נו, מיסטער, וואָס וועט איר זאָגן? — האָט יענער מיטאַמאָל געגעבן אַ שאָס אַרויס צו מנחמ׳ען.

מנחם האָט זיך אויסגעדרייט. זיין גאַנץ וועזן האָט אָנגעהויבן ציטערן און ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— כ׳וויס, המ... המ... מען האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳קאָן דאָ קריגן עפּעס אַרבעט, כ׳וויס, אַלס אַ פּרעסער...

— אַ פּרעסער־ר־ר! אַ פּרעסער־ר־ר! — האָט דאָס מענטשל אונטער־געזונגען און אויסגעצויגן די ווערטער. — איר זייט דען אַמאָל געווען אַ פּרעסער?

— איך? גאָט באַהיט! — האָט מנחם זיך פאַרלוירן. — ווי קום איך צו זיין אַ פּרעסער? אַ סוחר בין איך געווען, אַ סוחר פון שניט־סחורה, — איז ער שוין געוואָרן אַ ביסל דרייסטער און האָט אָט־די לעצטע ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אַ געוויסער שטאָלצקייט.

דאָס נידעריקע מענטשל האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול און האָט אָנ־געקוקט מנחמ׳ען מיט שפּאָטישקייט.

— קיין סוחרים דאַרפן מיר דאָך דאָ אָבער ניט, — האָט ער געזאָגט צו מנחמ׳ען, — מיר דאַרפן דאָ פּרעסער — פּרעסער, וואָס זאָלן קאָנען אַרויסשיסן אַ ביסל מלאכה. וואָס טויגן אונז סוחרים?

— נו, אַז איר דאַרפט ניט, איז ניט שייך, — האָט מנחם געענטפערט און האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין.

— וואַרט, — האָט אים דאָס מענטשל צוריקגערופן, — ווער האָט אייך געשיקט אַהער פרעגן אויפן דזשאָב?

מנחם האָט זיך אַ ביסל געקווייקלט. ער האָט אָבער באַלד אַ טראַכט געטאָן: „מילא, וואָס קאָן איך דאָ אָנווערן?" און ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון זיין באַקאַנטן.

דאָס מענטשל האָט פאַרזשמורעט די אויגן, זיך געריבן דעם שטערן. די אויבערשטע ליפּ האָט זיך אָנגעהויבן אַריינציען און איינגעשלונגען ווערן פון דער אונטערשטער ליפּ.

— איר ווייסט, וויבאַלד איר זייט שוין דאָ און מיין פריינט האָט אייך אַרויפגעשיקט, ווילט זיך אייך ניט אַוועקלאָזן מיט גאָרניט. איר קאָנט זיך שטעלן אַרבעטן. מיר וועלן אייך שוין צואווייזן ווי אַזוי אָנצוגיין, נאָר איך פאַרשטיי'ט דאָך אַליין, אַז אי' לערנען די מלאכה, אי צאָלן — דאָס קענען מיר ניט. פונדעסטוועגן, אַ איד דאַרף דאָך מאַכן אַ לעבן, נו, וועלן מיר אייך עפּעס יאָ צאָלן...

מנחם האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. ער איז געבליבן שטיין און ניט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טאָן. דאָס מענטשל אָבער איז געוואָרן זייער רירעוודיג און באַריידעוודיג:

— ר' איד, ווי רופט מען אייך? אַהאַ! ר' מנחם. נו, ר' מנחם, נעמט אַרונטער אייער אויבערשטן בגד, הענגט עס אויף אָט־דאָ־אָ, אָט אַזוי! קומט און שטעלט זיך אָט־דאָ צווישן אידן. זיי וועלן אייך שוין וויזן, ווי אַזוי אָנצוגיין.

צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך אַ הויב געטאָן. דאָס זיינען געווען אויגן פון צוויי עלטערע מענטשן, איינגעהויקערטע און חושב'דיגע. אין זייערע בליקן איז געלעגן אַ מין פאַרדרוס. מנחם האָט זיך פאַר אָט־די בליקן דער־שראָקן.

און ערשט דעמאָלט ווען מנחם איז שוין געשטאַנען לעבן געשטעל און גענומען אַ פּרעס־אייזן אין האַנט, האָט ער דערפילט, אַז ס'גייט ניט. די האַנט וויל עפּעס דעם אייזן ניט ציען, און פאַרקערט, די צווייטע האַנט ציט זיך דוקא צום אייזן.

מנחם האָט זיך געדרייט, געקוקט אַהער און אַהין. געקוקט ווי אַזוי די פּרעסערס פירן מיט די אייזנס, און ער האָט ניט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי זיי טוען דאָס.

דאָס מענטשל, דער באַלעבאָס, הייסט עס, מיסטער שטיינבערג (מנחם האָט זיך שוין דערוואוסט זיין נאָמען), האָט דאָס באַלד דערשמעקט. ער האָט זיך הויך צעלאַכט:

— איר זייט דאָך אַ געלינקטער, מיסטער! איר ווייסט וואָס דאָס באַדייט?! איך דאַרף דאָך איבערדרייען דעם גאַנצן „סטענד". איך דאַרף דאָך דאָס איבערשרויפן און מאַכן אַ ספּעציעל געלינקט ברעטל; ניין, מיסטער, דאָס קאָן איך ניט!

די צוויי אידן האָבן אַ פאַרדראָסיגן בליק געטאָן אויפן באַלעבאָס. צו מנחמ'ען אָבער האָבן זיי אַ ליבלעכן שמייכל געטאָן — אַ שמייכל, וועלכן מנחם האָט אויף זיין גאַנץ לעבן ניט פאַרגעסן. ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַוועק פון זיין ערשטן „דזשאָב".

אַ פּרעסער האָט ער שוין אָבער, זעט אויס, געמוזט פאַרבלייבן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער דורך אַ צופאַל באַגעגנט זיינעם אַ לאַנדסמאַן. יענער האָט געאַרבעט אין אַ שניידער־שאָפּ. ער האָט אים אַהינצו אַרויפגענומען, איבערגעשרויפט אַ „סטענד", און מנחם איז צו מזל געוואָרן אַ געלינקטער פּרעסער.

3. ווידער זינדיגע מחשבות

ס'איז שווער צו זאָגן, פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען צו מנחמ'ען זינדיגע מחשבות. דאַכט זיך, געווען אַזאַ פרומער איד. אין דער היים האָט מען דאָך אים פאַר אַ גאַנצן „גוטן־אידן" געהאַלטן, און דאָ גאָר: רק שלעכטע מחשבות קריכן אים אין קאָפּ.

געטראַכט האָט מנחם אַזוי שוין אַ צייט נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע. זינט דעמאָלט האָט ער שוין עטלעכע פלעצער געביטן. די אַרבעט האָט ער זיך שוין גראַדע אויסגעלערנט. ער האָט אָבער געהאַט צוויי גרויסע חסרונות, וואָס האָבן אים געמאַכט שוועריגקייטן צו קריגן אַ דזשאָב און צו בלייבן ביי דער אַרבעט: ערשטנס, דאָס וואָס ער איז אַ געלינקטער, און צווייטנס, דאָס וואָס ער וויל ניט אַרבעטן אום שבת. צוליב דעם וואָס מנחם האָט אָפּגעהיט שבת, איז אים די גאַנצע צייט אויסגעקומען צו אַרבעטן ביי אַזעלכע אידישע באַלעבאַטים, וואָס האַלטן זייערע שעפּער פאַרמאַכט אום שבת, ס'הייסט, ביי פרומע באַלעבאַטים. אין די שעפּער איז שטענדיג געווען

אַ יאָגעניש, אַן איילעניש. האָט מנחם געפּרעסט און דער שוויס האָט גערונען און אַרונטערגעקאַפּעט פון דער באָרד. די אַרבעט איז אַוועקגעכאַפּט געוואָרן פון אונטער די הענט. האָט זיך מנחם געיאָגט, און אָט אַזוי יאָגנדיג זיך, זיינען מחשבות געקראָכן אין קאָפּ: „מיט וואָס, אַ שטייגער, זיינען אָט־די פרומע באַלעבאַטים אַנדערש ווי די אַנדערע ?...״

ניט נאָר שטייענדיג אין שאָפּ האָט מנחם אַזוי געטראַכט און איז ניט געווען צופרידן. אויך אין שולכל האָט ער ניט געהאַט קיין נחת־רוח. מענטשן זיינען פאַלש, פלעגט ער זאָגן, יעדערער זוכט זיין אייגענעם איך צו באַפרידיגן. דער וואָס האָט מער געלט — דער פאַרנעמט דעם אויבן־אָן...

פון דער היים דערהאַלט מנחם אויך ניט קיין זייער גוטע בריוו. זיינע אַמאָליגע פריינט טרייסלען זיך אָפּ פון מיטהעלפן מיט עפּעס זיין משפחה. טאָ וואו איז טאַקע דער אמת ? אפשר גאָר ביי נתנ׳ען און זיינע חברים ?

וועגן נתנ׳ען האָט מנחם ווייניג געדאַרפט טראַכטן, ווייל מיט אים צוזאַמען אַרבעטן אַ פּאָר יונגען, געגאָלטע און פרייע, און אָט־די יונגען האָבן גאָלדענע הערצער. זיי דערציילן מנחמ׳ען אַ סך זאַכן וועגן דעם לעבן דאָ אין אַמעריקע. זיי זאָגן אויך, אַז מען דאַרף זיך אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן, כדי צו קאָנען פאַרבעסערן די באַדינגונגען אין די שעפּער. — נו, קלינגען דען ניט זייערע ווערטער שכל׳דיג ?...

און ניט אַזוי גרינג קומט עס אָן ביז אָט־די געדאַנקען לייטערן זיך אויס אין מנחמ׳ס מוח אַזוי, אַז ער זאָל וויסן קלאָר וועגן וואָס ער טראַכט. דאָס איז דערפאַר, ווייל מנחם דערלאָזט ניט אָט־די געדאַנקען צו אַנטוויקלען זיך. ער וויל בעסער טראַכטן, אַז דער שטן מקטרג האָט זיך אונטערגענומען אים אַראָפּצופירן פון דרך הישר, און אַז ער, מנחם, איז טאַקע נכשל געוואָרן, ווייל אויב דאָס וואָלט ניט געווען דער פאַל, טאָ צוליב וואָס קריכן אים אין קאָפּ אַזעלכע מחשבות ?...

פונדעסטוועגן קאָן ער זיך פון דעם ניט באַפרייען, און דאָס טראַכטן וועגן זיין פרומער פאַרגאַנגענהייט מישט זיך צוזאַמען מיטן טראַכטן וועגן דעם, ווי ער האָט באַהאַנדלט זיין טאַכטער נחמה׳קען. זי איז דאָך אויך געווען אַזוי ווי נתן און אַזוי ווי די צוויי יונגען ביי אים אין שאָפּ...

נאָך אַ טאָג פון אַזעלכע טראַכטענישן פלעגט זיך מנחם אין אָוונט אַוועקזעצן און אָנשרייבן אַ בריוו אַהיים פול מיט ליבע און בענקשאַפט. אויף אַזעלכע בריוו פלעגט ער קריגן זייער וואַרעמע ענטפערס. זיי, פון דער

היים, פלעגן אים טרייסטן און בעטן, אַז ער זאָל זיך ניט נעמען צום האַרצן, ווייל זיי וועלן זיך שוין דאָרטן ווי עס איז דורכמיטלען.

אַזוי ווי מנחם קאָן קיין עולות ניט פאַרטראָגן, צעשרייט ער זיך אַפּילו אויף די באַלעבאַטים. עס פירט, פאַרשטייט זיך, דערצו, אַז ער דאַרף אַפּילו בייטן די שעפער. טראַכט מנחם, אַז אפשר באַגייט ער אַן עולה גענען זיין משפחה. אפשר וואָלט ער זיך באַדאַרפט אַ ביסל צוריקהאַלטן. נאָר ווי אַזוי קאָן מען דאָס טאָן, אַז מענטשן זיינען אַזוי גראָב ?...

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווען מען וואָלט זיך ביי מנחם׳ען אין שולכל דערוואוסט, אַז צו אים אין הויז קומען אַריין יונגע, געגאָלטע מענטשן און אַז ער פאַרברענגט מיט זיי גאַנצע אָוונטן, וואָלט מען דאָס געגעבן אים און אָפּגעשוואַכט זיין איינפלוס אין שולכל. דאָרטן אָבער וויסן זיי דאָס ניט, און מנחם האַלט דאָס ניט פאַר קיין עולה, אַז זיינע שכנים פון שאָפּ קומען אים באַזוכן. פאַרקערט, זייערע געשפּרעכן זיינען זייער אינ־טערעסאַנט, זייערע כוונות זיינען ערלעכע. זיי ווילן מאַכן יד־אחת פון אַלע אַרבעטער און אַזוי אַרום קריגן גערעכטיגקייט פון די באַלעבאַטים — פאַרוואָס טאַקע ניט ?

איינמאָל האָט איינער פון זיינע שכנים אין שאָפּ צו אים אַזוי געזאָגט :

— מיר לאַדן אייך איין צו אַ מיטינג פון שניידער. דאָרטן וועלן מיר זיך דורכרעדן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אַ יוניאָן אין פאַך...

מנחם האָט אָנגעהויבן טראַכטן : „אַ מיטינג פון שניידער ?" אויפן זינען זיינען אים געקומען שראַליע דעם גאַרבער׳ס בנים, און פּרויקע דער שוסטער. זייערע צוזאַמענקונפטן פלעגן זיך אָנרופן „פאַרזאַמלונגען", און אונדזערע — מיטינגען. זאָל איך גיין ?... מנחם דער קלייטניק ביי אַ מיטינג פון שניידער ? !...

פאַר אַט־די געדאַנקען האָט זיך מנחם פאַרשעמט : שוין גענוג !... אַז דער תנא יוחנן האָט געמעגט זיין אַ סנדלר — מעג מנחם זיין אַ שניידער ; און אַז מען איז אַ שניידער — מעג מען גיין צו מיטינגען פון שניידער...

איידער מנחם איז אַרויס פון הויז, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער עפּעס נעמען. אויפן קאָמאָד איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַ קליין שפּיגעלע, וואָס מנחם האָט קיינמאָל ניט באַנוצט. מנחם׳ס אויגן האָבן, ניט ווילנדיג, זיך אָפּגעשטעלט אויפן שפּיגעלע. ער האָט אַריינגעקוקט אין שפּיגעלע און געשמייכלט : צו וואָס אַזאַ לאַנגע און שפּיציגע באָרד ? אין דער תורה

שטייט געשריבן, אַז קיין ראַזיר־מעסער זאָל אויפֿן פּנים ניט קומען. טאָ פֿון וואַנען איז געדרונגען, אַז מען מוז טראָגן אַ באָרד מיט שפּיצן?... אפשר וואָלט ער אַריינגעגאַנגען צום שערער אויסצוגלייכן די שפּיצן? אַמאָל, אין דער היים, פֿלעגט ער דאָך גיין ביי זיך אַזוי אויסגעפּוצט, געוועזן פֿריש און מונטער, — דאָ אָבער קומט ער אַהיים פֿון דער אַרבעט זייער שפּעט, זיינע הענט און פֿיס זיינען ווי אָפּגענומענע, ער קאָן מיט זיי ניט רירן, איז שוין זיין גאַנג במילא פֿאַרנאַכלעסיגט און אָפּגעלאָזן, — טאָ פֿאַרוואָס זאָל זיין באָרד, אַמווייניגסטנס, ניט זיין גלייך אַרומגעשוירן, אָן שפּיצן?...

מנחם איז אַריין צום שערער מיט צוריקגעהאַלטענע טריט. מיט שטילע ווערטער האָט ער געזאָגט דעם שערער וואָס צו טאָן. אין האַרצן האָט געקלאַפּט. נאָכן אַרומשערן האָט ער אויף גיך זיך אַרויסגעשאַרט פֿון פּלאַץ. גייענדיג אין גאַס, האָט ער אַלע ווייַלע געגלעט די באָרד, און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע פֿאַרבייגייער קוקן אים נאָך.

און אַ געדאַנק איז אים אין מוח געקראָכן: שולדיג אין דעם זיינען מיינע זינדיגע מחשבות. הלואי וואָלט איך זיך געהאַלטן ביי מיין ראַנג, וואָלט צו דעם אַוודאי ניט געקומען.

עס האָט זיך אים געוואָלט צוריק אומקערן, ניט גיין צום מיטינג, נאָר עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענער כּוח, די דערמאָנונג איבעם שאָפּ, האָט אים אַהינצו געצויגן. ווי גאָר אין אַמאָליגע צייטן, האָט ער זיך געטראָגן אין אַ זייטיג געסל פֿון דער איסט־סאַיד אַזוי שנעל, אַז זיינע פֿיס האָבן כמעט די ערד ניט אָנגערירט.

קאַפּיטל צוויי: אַ נייע וועלט

1. וואָס וואַרט מען?

ווען מנחם איז אַריין אין מיטינג־זאַל, איז שוין געווען צונויפגעזאַמלט אַן עולם. די מערסטע זיינען געווען יונגע מענטשן, ס׳זיינען אָבער אויך געווען אַ סך מיטל־יאָריגע, און דאָס האָט שוין מנחמ׳ען צוגעגעבן אַ ביסל קוראַזש.

דער מיטינג־פּלאַץ איז געווען אין אַ זאַל אויף דער איסט־סאַיד. אינעם זעלבן זאַל איז געשטאַנען אַן אָרון־קודש. מנחם האָט געקוקט אויפן אָרון־קודש און טיף אָפּגעזיפצט. גרופּקעס אַרבעטער זיינען געשטאַנען און גע־שמועסט צווישן זיך. מנחם האָט זיך אַנידערגעזעצט אָן אַ זייט, און ווען ס׳וואָלט ניט געווען אונטערגעקומען זיין שכן פון שאַפּ, וואָלט ער זיך אַזוי געזעסן און צו קיינעם קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. דער שכן פון שאַפּ, אָבער, האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים און האָט מיט מנחמ׳ען פאַרפירט אַ שמועס.

— וואָס וואַרט מען? — האָט מנחם געפרעגט ביי זיין שאַפּ־שכן.

— מיר וואַרטן אויפן רעדנער, נאָך גאָר אַ „גריינער״ יונגערמאַן, נאָר ער האָט אַ גאָלדן מויל.

און טאַקע אָט־אַזוי ווי זיי האָבן גערעדט איז געוואָרן אַ הושעריי. מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט און אָנגעוויזן:

— אָט איז ער, דער פּרויקע!

— פּרויקע?! — האָט מנחם זיך אַ צאַפּל געטאָן.

קיינער האָט זיך אָבער אויף מנחמ׳ען ניט אומגעקוקט. אַלעמענס בליקן האָבן זיך געווענדעט צו דעם, וואָס איז איצט אַריינגעקומען. און מנחם האָט קלאָר דערזען, אַז דאָס איז פּרויקע דער שוסטער. אינגאַנצן אַן אַנ־דערער איז פּרויקע געוואָרן — דאָך דערקענט מען אים. און, זע נאָר! ווער גייט דאָס דאָרטן ביי זיין זייט? דאָס איז דאָך בעני, שראָליע דעם גאַרבערס! מנחם האָט זיך אַרונטערגעזעצט נידעריגער אויף דער באַנק. דעם

קאָפּ האָט ער איינגעגראָבן אין די אַקסלען. די אויגן האָט ער ברייט צע־עפנט און געקוקט גלייך אויף פּרויקע'ן.

דער עולם איז שוין געזעסן רואיק און געוואַרט. אַ דאַרער, אָפּגעצויגענער יונגערמאַן האָט זיך באַוויזן ביים שטענדער אויבן־אָן און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ האַמער: איינס און צוויי. עס איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן.

— ברידער, — האָט דער יונגערמאַן אָנגעהויבן, — מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פאַר וויכטיגע „ביזנעס". אַלע, וואָס אַרבעטן ביי אונזער צרה'דיגן „טרעיד", דאַרפן אין דעם זיין פאַראינטערעסירט. מיר האָבן דאָ מיט אונז אונזערן אַ ברודער, וואָס האָט פאַר אייך פאַרצוברענגען אַ פּאָר גוטע „פּראָפּאָזישאַנס". טאָ זייט שטיל, ברידער! דאָס וואָרט באַקומט ברודער פּרויקע.

אַזוי האָט דער פאַרזיצער, דער דאַרער, אָפּגעצויגענער יונגערמאַן, געעפנט דעם מיטינג און פאַרגעשטעלט פּרויקע'ן. פּרויקע האָט זיך אויפ־געשטעלט, געגעבן אַ שאַר די קוטשמע האָר אַרויף־צו, אַ וויילע געקוקט אויפן עולם, און אָנגעהויבן רעדן שטיל און פּאַמעלעך.

— ברידער מיינע! איך באַטראַכט אייערע פּנימ'ער און עס דוכט זיך מיר, אַז איך קען אייך שוין פון יאָרן... איר האָט די זעלבע אויסדרוקן און פאַרלאַנגען אויף אייערע פּנימ'ער, ווי עס האָבן די אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן, און ווי עס האָבן די אַרבעטער פון יענער זייט ים, — איר ווילט לעבן ווי מענטשן...

אין זאַל איז געוואָרן זייער שטיל. פּרויקע האָט אַ וויילע געשוויגן און ווידער געקוקט אויף די פאַרזאַמלטע. ער האָט באַלד צוגעגעבן זייער געלאַסן:

— כדי צו קאָנען לעבן ווי מענטשן, דאַרף מען האָבן גענוג רו, גענוג צייט צו זיין מיט די אייגענע, גענוג נאַרונג, שיינע צימערן, — האָט איר אַט־די אַלע זאַכן?

— זאָלן זיי אַזוי לעבן!... — האָט איינער פון די פאַרזאַמלטע אַ געשריי געטאָן.

— מ'האָט צרות מיט פאַרבייסן, — האָט אַ צווייטער אַריינגעוואָרפן.

— ש־שאַ! ש־שאַ! — האָט מען געשאַקעט פון אַלע זייטן.

דער פּאַרזיצער האָט געקלאַפּט מיטן האַמער. עס איז ווידער שטיל געוואָרן.

— איר ווייסט די לאַגע אייערע, — האָט פּרויקע פאַרגעעזצט, — איר ווייסט אָבער ניט, אַז עס איז אייער אייגענע שולד, וואָס איר האָט ניט אָט־די אַלע נויטיגע באַדערפענישן...

פּרויקע האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט געקוקט צו אים מיט פרעגנדיגע און ווי מיט באַליידיגטע בליקן.

— וואָס ? — האָט פּרויקע געפרעגט, — איר האָט זיך באַליידיגט ? דאָס איז אַ גוטער סימן. ווען איר וועט דערפילן, אַז צו לעבן, ווי מיר לעבן, איז איין גרויסע באַליידיגונג, — דאַן וועט איר עפּעס טאָן וועגן דעם...

פּרויקע האָט די לעצטע ווערטער אַ זאָג געטאָן מיט היץ. דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן. עס איז געוואָרן אַ פליעסקעריי. מען האָט זיך געהויבן פון די ערטער און געשריען:

— לאָמיר גרינדן אַ יוניאָן !

— לאָמיר דאָס טאָן טאַקע היינט !

— אַוודאי, דאָס איז דאָך וואָס ער מיינט . . .

עס האָט ניט געהאָלפן דעם פאַרזיצער׳ס קלאַפּן מיטן האַמער. דער עולם האָט זיך געצויגן צו דער פּלאַטפאָרמע :

— פאַרשרייבט מיין נאָמען !

מנחם האָט זיך אויך פאַמעלעכענקע פון זיין אָרט אויפגעהויבן. ער האָט זיך געשטופּט צווישן עולם, זיך אַלעמאָל אַ הויב געטאָן אַריבער די אַנדערע און זיך צוריק אַראָפּגעזעצט.

עס איז געווען שווער פאַר מנחמ׳ען צוצוגיין צו פּרויקע׳ן. עפּעס ווי אַ שטיין איז אים אויפן האַרצן געלעגן. פּרויקע׳ן פאַרהאַסן קאָן ער מער ניט : ער איז דאָך אַזאַ וואוילער יונגערמאַן ! אים ליב האָבן ? אפשר וואָלט דאָס אים איצט גרינגער געווען, נאָר ווי אַזוי קוקט מען אים גלייך אין די אויגן ? און ווי אַזוי טאַקע קוקט מען זיך אַליין אין פּנים ?...

מנחם האָט זיך טאַקע דערפאַר צוריק אַנידערגעזעצט און איז אַזוי געזעסן אַ שטיק צייט. נאָך אַ פּאָר רעדנער האָבן שוין אָפּגערעדט. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ יוניאָן. מ׳האָט געהויבן הענט און זיך פאַרשריבן.

מנחמ׳ס שאָפּ־שכן איז פּלוצלונג אויסגעוואַקסן :

— וואָס איז מיט אייך, ר׳ מנחם? פאַרוואָס פאַרשרייבט איר זיך ניט?

— כ׳על זיך פאַרשרייבן, — האָט מנחם שטיל געענטפערט.

— מנחם אַבראַנסקי! — האָט זיין שאַפּ־שכן אויסגעשריען אויף אַ קול, — פאַרשרייבט דאָרט מנחם אַבראַנסקי, אַ פּרעסער.

פּרויקע האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ. ער האָט באַגעגנט בעני׳ס פאַר־וואונדערטן בליק. זיי ביידע האָבן געקוקט אין דער ריכטונג, פון וואַנען דאָס קול איז געקומען.

פּרויקע מיט בעני׳ן האָבן אַרונטערגעשפּאַנט פון דער איין־טרעפּיגער פּלאַטפאָרמע. זיי זיינען ביידע צוגעגאַנגען צו מנחמ׳ען און אים געדריקט די האַנט.

מנחם האָט זיי געענטפערט מיט אַ האַנט־דרוק. מיטאַמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ הויב פון זיין אָרט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און געגעבן פּרויקע׳ן אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— אַ ברכה אויף דיין קאָפּ!

נאָכן מיטינג האָט זיי מנחם פאַרבעטן צו זיך אין צימער. דאָרטן זיינען זיי געזעסן ביז פאַרטאָג. זיי אַלע זיינען אויף מאָרגן ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט, ווייל זיי זיינען געווען מיד און ניט־אויסגעשלאָפן.

די באַגעגעניש האָט אַלע דרייען הנאה געטאָן: ס׳אַרא מאָדנע באַ־געגעניש! פּרויקע דער שוסטער און בעני, שראַליע דעם גאַרבערס — מיט מנחם דעם קליימניק!...

2. דאָס קערנדל גיט פרוכט

די נייעס פון אָרגאַניזירן אַ יוניאָן האָט זיך צעטראָגן פון שאַפּ צו שאַפּ. די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן דורכוואָרפן מיט ווערטער, און אויגן האָבן אָנגעהויבן לויכטן מיט האָפענונגען. איינציגע באַלעבאַטים האָבן אָנגעהויבן שמייכלען און זיך חנפ׳ענען צו די אַרבעטער. אַנדערע, ווידער, האָבן אָנגעהויבן נאָך שטרענגער ווערן און האָבן געוואָרפן פון די שפּער יעדן איינעם, אויף וועמען ס׳איז עפּעס אַ שטיקל חשד געפאַלן.

פאַרזאַמלונגען זיינען שוין איצט אָפּגעהאַלטן געוואָרן זייער אָפט, און אויף איינער פון אָט־די פאַרזאַמלונגען איז פּרויקע דערוויילט געוואָרן אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער יוניאָן.

פרויקע איז ביי אַלעמען געוואָרן זייער באַליבט. דער אָפיס פון דער יוניאָן איז שטענדיג געווען פול מיט אַרבעטער. פון שפּעער איז מען געקומען מיט פאָדערונגען זיי אַריינצונעמען אין דער יוניאָן. פרויקע האָט דאָס גערן געטאָן.

גאָר אינגיכן האָבן שוין די אַרבעטער דערפילט, אַז זיי האָבן טאַקע אַ יוניאָן, און די באַלעבאַטים האָבן אָט־די יוניאָן געמוזט אָנהויבן צו אָנערקענען.

בעני איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער יוניאָן. צוליב דעם וואָס בעני איז געווען אַזוי באַענט מיט פרויקע׳ן, האָבן די אַרבעטער אויך געהאַט אַ סך צוטרויען צו אים. קיין רעדנער איז בעני ניט געווען. אין קלענערע גרופּקעס האָט ער אָבער אָפט דערציילט די געשיכטעס פון דער היים, ווי אַזוי ער איז אַרעסטירט געוואָרן און ווי אַזוי ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן, — אָט־דאָס האָט אים אויך דערהויבן אין די אויגן פון די אַרבעטער. זייער דרך־ארץ און צוטרוי צו אים האָט אים געהאַלטן אין איין שטייגן.

בעני האָט געאַרבעט אין אַ גרויסער שניידער־פאַבריק. אָט־די פאַבריק האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע סעזאָנען און דאָס האָט בעני׳ן געגעבן אַ מעגלעכקייט אָפּצושפּאָרן אַ ביסל געלט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם צוזאָג צו זיינע עלטערן און ברידער, און ער האָט טאַקע אַרויסגעשיקט אַ שיפסקאַרטע פאַר זיינע צוויי ברידער, מאָטקע און חיים.

אויף דעם האָט שראַליע דער גאַרבער געענטפערט מיט אַ זייער וואַרעם בריוול. אין אָט־דעם בריוול האָט ער געשריבן צו זיין עלטסטן און העלדישן זון, אַז ער, דער זון, וועט געוויס זיין טאַטנס האָפענונגען פאַרווירקלעכן; אַז זיין מאַמע, הינדע, ווערט ממש צעשמאָלצן פון נחת און האָפט נאָך אינגיכן זיך זען מיט איר עלטסטן קדיש טאַקע אינעם גאָלדענעם לאַנד.

בעני האָט דאָס דערציילט מנחמ׳ען און אים געגעבן דאָס בריוול לייענען. מנחם האָט זיך פאַרטראַכט. דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. אויך ער האָט געוואָלט אַריבערברענגען זיין משפחה אַהערצו. נאָר, ערשטנס, האָט זיך אים זייער שלעכט געלעבט און ער האָט מורא געהאַט איינצושטעלן און קויפן שיפסקאַרטן; צווייטנס, האָט אים זיין ווייב געשריבן, אַז די אויגן אירע זיינען קראַנק, טאָ פאַרוואָס זאָל ער אַלץ שטעלן אין קאָן? בעסער, האָט זי געשריבן, זאָל ער, מנחם, אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט און קומען צוריק אַהיים, — מיט געלט קאָן מען ניט גיין פאַרלוירן...

מנחם האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, האָט ער וועגן דעם אַפילו טראַכטן ניט געוואָלט און האָט עס אַזוי געלאָזט גיין.

אין דער יוניאָן פלעגט מנחם קומען זייער אָפט און הנאה האָבן, וואָס זי ווערט אַלץ גרעסער און שטאַרקער. ער האָט שוין אַפילו עטלעכע מאָל גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען. ער האָט גערעדט מיט משלים פון תלמוד און מדרש. די אַרבעטער האָבן דאָס ליב געהאַט צו הערן. זיי האָבן אים אַפילו דערוויילט אַלס פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פון זיין לאָקאַל.

אין אָנהויב האָט זיך מנחם געשעמט אָנצונעמען אַזאַ אַמט, נאָר שפּעטער האָט ער ביי זיך רעכט געמאַכט: פּאַרקערט, וואָסי? ער קומט צווישן מענטשן, ער טוט עפּעס אויף און מען האָט אים דערפאַר ליב. אגב, ער איז דאָך שטענדיג אויפן גערעכטן צד. אויב עס קומט עפּעס פּאַר אַ סכסוך, איז ער, דער סעקרעטאַר, שטענדיג אין די קאָמיטעטן, און ער זעט שוין, אַז גערעכטיגקייט זאָל געווינען.

און אויב מיר וועלן פאַרגעסן וואָס מנחם איז אַמאָל געווען, — קאָן מען דאָך אויף אים געוויס קיין פאַראיבל ניט האָבן, ווייל מנחם זעט נאָך אויס גאָר ווי אַ יונגערמאַן. דאָס בערדל זיינס האָט ער ביסלעכוויז פאַר־קיילעכדיגט און אַ קאַפּעליוש האָט ער אויך אָנגעטאָן. אַ קאָלנער מיט אַ שניפּס און אַ קורץ רעקל טראָגט ער אויך, — טאָ מיט וואָס, כ׳בעט אייך, איז ער אַנדערש פון אַט־די יונגע? ניט מער: אין שול גייט ער דאַווענען, און צום רבי׳ן גייט ער נאָך אָפט פראַווען סעודות. אין שול קריגט ער נאָך אַלץ אַ שיינע עליה, ווייל ער איז דאָך פאָרט מנחם דער איידעלער איד, דער קענער, און, — צווישן אונז זאָל דאָס בלייבן, — דער עזות־פּנים טאַקע אויך; קעגן אים קאָן מען ניט האַנדלען אַבי ווי אַזוי, ווייל ער וועט אייך באַלד ברענגען פסוקים פון דער תורה און באַווייזן, אַז איר זייט אַ גראָבער יונג, אַ גאַרניט, אַ בעל־עבירה׳ניק.

פרויקע האָט פון מנחמ׳ען גאָר גרויס הנאה. פון זיין גאַנג און האַלטונג קוועלט ער גאָר אָן. ווען מנחם האָט איינמאָל געגעבן פרויקע׳ן לייענען אַ בריוו פון דער היים, אין וועלכן זיין ווייב האַלט אים פיר פאַרוואָס ער האָט די באָרד אָרומגעשוירן און האָט זיך אָנגעטאָן אין אַפּיקורסישע מלבושים, — איז פרויקע זיך פאַרגאַנגען פון געלעכטער...

אָפט פלעגן זיי זיך אַלע — פרויקע, מנחם און בעני — צונויפקומען און רעדן וועגן די אַמאָליגע צייטן אין דער היים. מנחם פלעגט דעמאָלט

אַרונטערלאָזן די אויגן און זאָגן, אַז דאָרטן איז ער אפשר גערעכט געווען...
דאָ אָבער קאָנען זיי צו אים קיין טענות ניט האָבן, — ער טראָגט־צו זיין חלק צו דער אַרבעט...

דעמאָלט פלעגן פרויקע און בעני זיך שמייכלענדיג איבערקוקן: אַן עקשן, דער מנחם — ער וויל זיך ניט אונטערגעבן...

און די יוניאָן איז געוואַקסן. ס'זיינען צוגעקומען פרישע כחות. ביי די פאַרזאַמלונגען פון די פאַרשיידענע לאָקאַלן זעט מען אַלץ נייע פּנים'ער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פיל פון די נייע האָבן געשליפענע צינגער, ווייסן וואָס זיי רעדן און וואָס זיי ווילן.

פרויקע שעפּט נחת: אַט־אַזוי דאַרף זיין! דאָס פאַרזייטע קערנדל ברענגט פרוכט!

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט פרויקע פאַררופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע לאָקאַל־עקזעקוטיוועס. געטאָן האָט ער דאָס נאָך אַ באַראַטונג מיט די אַקטיווע טוער אין דער יוניאָן. ביי אַט־דער קאָנפערענץ האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז פאַראַן אַ ברייט פעלד פאַר אַרבעט. מען קאָן אָרגאַניזירן די שניידער איבערן גאַנצן לאַנד, — טאָ זאָל מען פאַררופן אַ צוזאַמענפאַר, פאַרמירן אַ נאַציאָנאַלע יוניאָן, דערוויילן אַ פרעזידענט און אַנדערע באַאַמטע, און זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אַזאַ צוזאַמענפאַר איז טאַקע פאַררופן געוואָרן. פרויקע'ס איינפלוס איז דאָרטן געווען זייער גרויס. ווען ער האָט אָבער דערזען, אַז אַ סך פון די דעלעגאַטן זיינען פייאיגע טוער און גוטע רעדנער, האָט פרויקע געטראַכט: זאָלן זיי טאָן!... איך וועל בלייבן אין מיין לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע.

דערפאַר האָט זיך פרויקע אָפּגעזאָגט פון אָננעמען די נאָמינאַציע פאַרן פרעזידענט־אַמט. — זאָל עמיצער אַנדערש אָננעמען דעם אַמט, — האָט ער געזאָגט, — מיט מיר זייט איר שטענדיג זיכער!...

און ביי אַט־יענעם ערשטן צוזאַמענפאַר איז דערווילט געוואָרן אַלס פרעזידענט איינער אַ יונגערמאַן מיט פענסנע אויף זיין לענגלעכער נאָז. אַט־דער יונגערמאַן האָט ביי דעם צוזאַמענפאַר געהאַלטן זייער שיינע רעדעס, — טאָ פאַרוואָס טאַקע ניט? זאָל ער ווערן פרעזידענט!

3. אַ גאַסט

דער צוזאַמענפּאַר האָט געמאַכט אַ טיפן רושם. איבערהויפּט האָט מען זיך ניט געקאָנט אָפּלויבן פון פּרויקע׳ס האַנדלונג. אַפילו די צייטונגען האָבן געשריבן, אַז אַזעלכע ערנסטע און ערלעכע מענטשן איז שווער צו געפינען. מען האָט באַוואונדערט די גרויסמוטיגקייט פון וועלן טאָן אַלע רוטינע אַרבעטן אינעם אויפבוי פון אַ יוניאָן, און זיך אָפּזאָגן פונעם כבוד צו ווערן פּרעזידענט פון אָט־דער יוניאָן. עס פאַרשטייט זיך, אַז בעת מעשה האָט מען שוין אויך געדרוקט פּרויקע׳ס בילד און דערציילט אַ ביסל פון זיין לעבן.

פּרויקע איז וועגן גאַנצן ענין געווען אַ ביסל פאַרטראַכט. ער איז געזעסן אין „אָפיס" און חשק געהאַט, אַז קיינער זאָל אים ניט שטערן. ער האָט געוואָלט פאַרשטיין: וואָס טראַכטן זיך אָט־די שרייבער אין די צייטונ־גען? ווי־זשע אַנדערש קאָן אַ פירער פון אַ יוניאָן האַנדלען?...

עמיצער איז אַריינגעקומען אין „אָפיס". פּרויקע האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיי מאָדנע פאַרזשמורעט: עפּעס אַ באַקאַנט פּנים! זייער באַקאַנט, האַ?! דאָס איז דאָך דוד׳ל, מנחם דעם קלייטניק׳ס פּלימעניק.

דוד׳ל? יאָ! זע נאַר ווי ער האָט זיך געענדערט — ער איז דאָך גאַרניט דער זעלבער. ניט מער ווי אַ פּאָר שטריכן לאָזן זיך דערקענען. פונעם דאַרן בחור׳ל איז געוואָרן אַ מאַן מיט אַ ברייטן פּנים און ברייטע פּלייצעס.

פּרויקע האָט אים באַטראַכט און זיך געוואונדערט: ווי אַזוי ענדערט זיך דאָס אַזוי אַ מענטש? דער אומדערוואַרטעטער גאַסט האָט געלאַכט און זיך באַלד געמאַכט היימיש מיט פּרויקע׳ן.

— וואָס איז, פּרויקע? איר האָט אויף מיר טאַקע פּאַראיבל? נו, אויב איך בין אַמאָל, אינגלוויז, געווען אַ נאַר, דאַרפט איר שוין אויף אייביג זיין ברוגז אויף מיר?...

פּרויקע האָט אַ שמייכל געטאָן און דערלאַנגט דוד׳לען די האַנט. דאָס הייסט: דעיוו אַבראַנסקי׳ן, אַזוי האָט זיך דוד׳ל איצט גערופן. דעיוו האָט זיך גלייך אַנידערגעזעצט לעבן פּרויקע׳ן אויף אַ שטול און אָנגעהויבן רעדן:

— . . . איר פאַרשטייט, אין מיין אומדערפאַרנקייט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל זיך אויך קאָנען דורכדראַפּען אַ וועג, ווי טויזנטער

אַנדערע... דאָס לעבן אָבער האָט מיך עפּעס אַנדערש געלערנט. איך האָב זיך אַרומגעבלאָנקעט פון איין פאַבריק אין דער צווייטער, פון איין קראַם אין אַן אַנדערער. דער סוף איז געווען, אַז ס'איז מיר מיאוס ומאוס געוואָרן אַזוי צו לעבן, איז ווי נאָר איך האָב שוין יאָ אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר גראָשן, האָב איך זיך דערשלאָגן אַהער...

פּרויקע איז פון דעיוו'ס רייד געוואָרן זייער אויפגעלייגט און צופרידן. ער האָט גוטמוטיג געשאָקלט מיט אַ פינגער צו אים:

— אָט אַזוי, ברודערקע, איר האָט זיך אַרומגעזען, ס'איז נאָך אָבער ניט גענוג, ווייט ניט גענוג...

— אָט־אָט־אָ, פּרויקע! — האָט דעיוו גלייך אים איבערגעהאַקט, — אָט־דאָס טאַקע בין איך אייך גערן געלאָפן אַנזאָגן. ווען איך האָב דערזען אייער נאָמען אין די צייטונגען, האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט... איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז איך בין ניט מער דער אַמאָליגער דוד'ל. כ'בין דאָ אַן אָרגאַניזאַטאָר פון די מאַטראַצן־מאַכער. כ'בין שוין געזעסן אַ פּאָר מאָל אין טורמע צוליב יוניאָן־אַרבעט...

פּרויקע האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף און אַרומגענומען דעיוו'ן:

— מיין אַרבעט איז פאָרט ניט פאַרלוירן געגאַנגען!...

מיט דעם גאַסט האָבן זיך אויך דערפרייט סיי מנחם, סיי בעני. מנחם האָט זיך מיט זיין פּלימעניק איבערגעבעטן און זיך מיט אים אַזש צעקושט. בעני האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דער גרויסער ענדערונג אין אים.

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט זיך פּרויקע דערוואוסט, אַז דעיוו האָט זייער גרויסע שוועריגקייטן אין דער מאַטראַצן־מאַכער יוניאָן, און אַז דער־פאַר גייט ער אַרום אַ ביסל אַ צעררודערטער.

פּרויקע האָט זיך געהאַלטן אַ ישוב מיט מנחמ'ען און בעני'ן. ס'איז ביי זיי געבליבן, אַז מען זאָל דעיוו'ן אַריינגעמען אין זייער יוניאָן. עס וועט אים ניט נעמען לאַנג זיך אויסצולערנען פּרעסעריי. אַ געזונטער יונג איז ער — וועט ער קאָנען מאַכן אַ לעבן.

דעיוו האָט זיך אין דעם געדאַנק אַנגעכאַפּט, ווי אין אַן אבן־טוב. גאָר אינגיכן האָט מען זייער אָפּט אָנגעהויבן טרעפן דעם דריילינג צוזאַמען: פּרויקע'ן, בעני'ן און דעיוו'ן — זיך אַריבערגעטראָגן, הייסט עס, פון יענער זייט אַהער־אָ...

דעיוו איז אין דער יוניאָן געוואָרן זייער פּאָפּולער. עס האָט ניט גענומען לאַנג און ער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס אַ געשעפטס־אַגענט. אין אָנהויב האָט ער זיך אַפילו אָפּגעזאָגט דאָס אָנצונעמען, ווייל, האָט ער דער־קלערט, עס ציט אים נאָך אַלץ צו די מאַטראַצן־מאַכער... ער איז אַהער געקומען בלויז אויף אַ שטיקל צייט...

די אַרבעטער זיינען אָבער צו אים צוגעשטאַנען. פּרויקע האָט אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין: וואָסי? ביי די שניידער איז פאַראַן גענוג אַרבעט צו טאָן! אויב איין פאַך וועט זיין אָרגאַניזירט — וועט ווערן גרינגער די אַנדערע פאַכן צו אָרגאַניזירן... ער אַרבעט שוין ביי שניידעריי — טאָ זאָל ער ביי דעם פאַרבלייבן!...

דעיוו איז דערוויילט געוואָרן אַלס געשעפטס־אַגענט אינעם זעלבן לאָקאַל, וואו פּרויקע איז געוועזן דער אָרגאַניזאַטאָר.

קאַפּיטל דריי: אַ סטרייק

1. צווייִ לאַגערן

עס איז געקומען אַ יאָר מיט גרויסע מאַטערנישן פאַר די אַרבעטער אין שניידער־פאַך. די אַרבעטער האָבן געהאַרעוועט שווער, און ס׳איז קיינמאָל קיין גענוג ניט געווען. די באַלעבאַטים אין די יוניאַן־שעפּער האָבן נאָכגעטאָן זייערע קאָנקורענטן פון די ניט־אָרגאַניזירטע שעפּער; עס איז געווען איין גרויס געיעג נאָך מערער אַרבעט פאַר ווייניגער באַצאָלט.

פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזויפיל אַרבעט? די באַלעבאַטים טענה׳ן, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס זיי האָבן געשניטן פּרייזן, כדי אָפּצוקאָנקורירן די אַרבעט פון די ניט־יוניאַן שעפּער. דערפאַר, זאָגן זיי, איז טאַקע נויטיג, אַז די אַרבעטער זאָלן זיי אַרויסהעלפן: מ׳דאַרף אַ ביסעלע אונטעריאָגן מיט דער אַרבעט און מ׳דאַרף אויך אַרונטערגעבן פון די שכירות.

פּרויקע איז געווען זייער באַאומרואיגט. דעיוו גיט אים איבער די טענות פון די באַלעבאַטים, אַז זיי קאָנען ניט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון די ניט־יוניאַן שעפּער, און אַז אַ שניט אין שכירות איז אומבאַדינגט נויטיג. די אָרגאַניזיר־אַרבעט אין פאַך איז אָנגעקומען זייער שווער, ווייל די אַרבעטער האָבן געאַרבעט אין פאַרשיידענע „סמענעס״ און ס׳איז געווען אומעמגלעך זיי צוזאַמענצונעמען ווי איין גרופּע.

פּרויקע האָט צוזאַמענגערופן די אַקטיווע טוער אין דער יוניאַן, כדי צו באַטראַכטן דעם גאַנצן ענין. די זיצונג איז געווען זייער אַ היציגע. אייניגע האָבן אָנגעוויזן, אַז מען טאָר זיך ניט איינרייסן מיט די באַלע־באַטים, ווייל דאָס וואָס ס׳איז פאַראַן אַ סך אַרבעט איז קיין סימן ניט פון גוטע צייטן; פאַרקערט, דאָס איז דערפאַר, וואָס די אַרבעט ווערט פאַר־קויפט בזיל־הזול... דעיוו האָט איבערגעגעבן אַלע טענות פון די באַלע־באַטים און האָט זייער שווער אָפּגעזיפצט...

בעני איז אויך אָנוועזנד געווען ביי יענער זיצונג. ער האָט שטאַרק געפילט די שלעכטע לאַגע. זיינע שכירות זיינען שוין געשניטן געוואָרן.

דערצו האָט ער פאַר דער צייט אַריבערגעבראַכט זיין גאַנצע משפחה. קיין אַרבעט פאַר זיי אַלעמען האָט ער נאָך ניט געקראָגן, — ס'איז שלעכט!

ער האָט זיך אויפגעהויבן און געבעטן דאָס וואָרט. ס'איז אים זייער שווער געווען אָנהויבן רעדן. אַלע האָבן אויף אים געקוקט אין דערוואַרטונג. בעני האָט אַרויסגערעדט:

— ניין, מיר טאָרן ניט ווערן פאַרצווייפלט. די באַלעבאַטים ווילן אונז אויסכיטרעווען — מיר טאָרן דאָס ניט דערלאָזן!

מער האָט בעני גאָרניט געזאָגט. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל:

— נו, נו, וואָס טוט מען? גלאַט רעדן אין דער וועלט אַריין!

אַנדערע האָבן געענטפערט:

— ניין, ס'איז ניט אין דער וועלט אַריין. מ'דאַרף עפּעס טאָן!

פּרויקע איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל און זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס עס קומט פאָר.

איינער האָט פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— וואָס טומלט איר אַזוי? לאָמיר הערן, וואָס פּרויקע האָט צו זאָגן.

— יאָ, יאָ, וואָס זאָגט פּרויקע?

פּרויקע האָט זיך אויפגעהויבן. זיין פּנים איז געווען בלאַס, זיין בליק אָן אָנגעשטרענגטער. ער האָט אָנגעהויבן רעדן:

— ברידער, איך בין איבערראַשט פון אייער צעטומלטקייט. אין אַזאַ צייט פאָדערט זיך מוט און געלאַסנקייט. איר זייט דאָך אונזערע אַקטיווע טוער — טאָ פאַרוואָס אַזאַ צעטומלעניש?

אייניגע האָבן אַרונטערגעלאָזט די אויגן. פּרויקע'ס ווערטער האָבן זיי געטראָפן. אַלע האָבן געוואָרט צו הערן וואָס ער וועט ווייטער זאָגן.

— ס'איז, זאָגט איר, אַ שלעכטע צייט, — האָט פּרויקע פאָרגעזעצט, — ס'איז שלעכט פאַר אונז, ווייל אונזערע שכירות זיינען קליינע. אַרבעט איז דאָ גענוג, און אַז עס איז דאָ אַרבעט, דערלייגן ניט די באַלעבאַטים.

— אַז מ'האָקט האַלץ, פליען שפּענער! — האָט איינער באַמערקט.

— אַוודאי! — האָט פּרויקע אויפגעכאַפּט די באַמערקונג, — די שפּענער פאַלן אָבער ניט פאַר אונז. די באַלעבאַטים ווילן אונז אָפּשרעקן, כדי מיר זאָלן ניט פאָדערן קיין פאַרבעסערונגען... די הויפּט־שוועריגקייט איז, וואָס אונזער פאַך איז ניט גענוג אָרגאַניזירט. טאָ וואָס דאַרף מען טאָן? — אָרגאַניזירן!

— ריכטיג! — האָבן עטלעכע אויף איין מאָל אונטערגעכאַפּט.

פּרויקע איז געשטאַנען און מיט אַ זיכערן טאָן ווייטער דערקלערט:

— עס איז נויטיג איבערצוציִיגן די באַלעבאַטים, אַז מיר האָבן אַ שטאַרקע יוניאָן... מ׳טאָר ניט דערלאָזן, אַז אין די שעפּער זאָל מען אַרבעטן לאַנגע שטונדן אין אַ צייט, וואָס אַנדערע שניידער גייען אַרום אַרבעטסלאָז און זיינען וויליג צו אַרבעטן פאַר אַבי וועלכער פּרייז.

פּרויקע איז ווידער שטיל געוואָרן. אַלע האָבן געקוקט צו אים, ווי צו אַ גואל, וואָס דאַרף זיי דעם אמת׳ן וואָרט ברענגען.

ער האָט שאַרף אַרויסגעזאָגט:

— מען דאַרף פאַרקירצן אונזער אַרבעטס־וואָך אויף פיר שעה.

— מען דאַרף סטרייקן!

— סטרייקן! סטרייקן!

פּרויקע האָט זיך אַנידערגעזעצט. זיין פּנים איז געווען פאַרפלאַמט. ער האָט געווישט דעם שוייס.

דעיוו האָט אַ זאָג געטאָן:

— ער איז גערעכט, פּרויקע! דורך אַ סטרייק וועלן מיר אַלץ געווינען!

דער באַשלוס האָט ניט געטאָרט פאַרשפּרייט ווערן. דאָס איז בלויז געווען די מיינונג פון די אַקטיווע טוער אין די לאָקאַלן. דאָס האָט ערשט באַדאַרפט פאַרגעבראַכט ווערן פאַר די גענעראַל־באַאַמטע, פאַר דער גענעראַל־עקזעקוטיוו באָארד.

פּרויקע מיט דעיוו׳ן זיינען באַשטימט געוואָרן פאַרצוברענגען דעם גאַנצן ענין פאַר דער גענעראַל־עקזעקוטיוו באָארד, פון וועלכער פּרויקע איז געווען אַ מיטגליד.

ווען פּרויקע איז דערשינען מיט דעיוו׳ן פאַר דער עקזעקוטיווע און איז פאַרטיג געוואָרן מיט זיין דערקלערונג, זיינען די עקזעקוטיוו־מיט־גלידער געבליבן זיצן און געקוקט צום פּרעזידענט מיט די פּענסנע אויף דער לענגלעכער נאָז. דער פּרעזידענט האָט אַרויפגערוקט די פּענסנע, האָט אַ קוק געטאָן אויף פּרויקע׳ן און אויף די עקזעקוטיוו־מיטגלידער. ער האָט זייער שטיל אַ זאָג געטאָן:

— וועלל, די פראַגע איז, צי עס איז ראַטזאַם צו סטרייקן פאַר קירצערע שטונדן, ווען די באַלעבאַטים פאָדערן אַ שניט אין שכירות.

— איך דענק אויך... — האָט דעיוו געוואָלט אָנהויבן רעדן, נאָר

פּרויקע האָט אים איבערגעהאַקט און מיט אַן אַנטשלאָסענעם טאָן געזאָגט:

— איך באַשטיי אויף מיין רעקאָמענדאַציע און פאַרלאַנג, אַז מיר זאָלן דיסקוטירן די פראַגע.

די עקזעקוטיווע־מיטגלידער האָבן זיך איבערגעקוקט. דעיוו האָט זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט. דער פּרעזידענט האָט אַ ווייל געשוויגן און באַלד אַ מורמל געטאָן:

— אָלראַיט!

דער אָוונט איז אַוועק זייער שנעל. מען האָט זיך געהיצט און געטומלט. דער פּרעזידענט האָט געקלאַפּט מיטן האַמער און ס'האָט ווייניג געהאָלפן. די עקזעקוטיווע האָט זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן. איין לאַגער האָט געהאַלטן מיטן פּרעזידענט, אַז קיין סטרייק טאָר מען ניט רופן. דער צווייטער לאַגער האָט געהאַלטן מיט פּרויקע'ן, אַז אַ סטרייק איז נויטיג און וועט ראַטעווען די יוניאָן.

ווען דער פּרעזידענט האָט געענדיגט רעדן, האָט זיך פּרויקע אַ הויב געטאָן און זיך ווי אַ וויג געטאָן אויף צוריק: האָ, וואָס טוט זיך דאָ? האָט ער דען ניט גורם געווען, וואָס זיין איצטיגער געגנער איז פּרעזידענט? מיט וועמען וועלן שטיין די מיטגלידער? האָ, מיט וועמען?

ער האָט אויפגעהויבן די האַנט:

— פּרעזידענט, איך האָב אַ פּראַקטישן פאָרשלאָג צו מיין רעקאָמענדאַציע.

אַלע זיינען שטיל געוואָרן.

— אַזוי ווי מען איז דאָ צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, גלייכע לאַגערן, — האָט פּרויקע אָנגעהויבן, — און צו קיין אויסגלייך וועלן מיר אַזוי אַרום ניט קומען, שלאָג איך דעריבער פאָר, אַז די גאַנצע פראַגע זאָל פאַרגעבראַכט ווערן פאַר דער אַלגעמיינער מיטגלידערשאַפט.

דער פּרעזידענט האָט געשוויגן. צווישן די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע האָט זיך אָנגעהויבן אַ מורמלעריי: יאָ, יאָ, וואָס וועט מען דערלייגן?

און אַזוי איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן.

דער טאָג פון דער אַלגעמיינער מיטגלידערשאַפט־פאַרזאַמלונג איז געקומען. מען האָט געדונגען אַ גרויסן זאַל. אַלע האָבן זיך געגרייט. אין יענעם טאָג האָבן זיך די מיטגלידער געפילט ערב־יום־טוב'דיג. דער ענין

איז שוין געווען אַלעמען באַקאַנט פון די באַריכטן אין זייערע לאָקאַלן.

די הויפּט־רעדנער ביי אָט־דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען דער פּרעזי־דענט פון דער יוניאָן און פּרויקע. ס'האָבן נאָך אויך גערעדט אַנדערע. די מערסטע האָבן גערעדט פאַרן סטרייק. פּרויקע האָט יענעם אָוונט גאָר־ניט נאָכגעגעבן. ער האָט גערעדט אין אַ קריגערישן טאָן:

— . . . אַ סטרייק איז נויטיג, כדי צו ראַטעווען די יוניאָן... קירצערע שטונדן וועט זיין דער ענטפער אויף די שניטן אין שכירות... עס וועט אויך העלפן אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע... ווער עס שטעלט זיך געגן אַ סטרייק, איז, בכיון אָדער ניט, פאַר פאַרזעצן דעם כאַאָס אין דער אינ־דוסטריע...

אויף פּרויקע'ס ווערטער האָט דער עולם געענטפערט מיט אַ פּליעס־קעריי. זיי האָבן זיך פון די ערטער אויפגעהויבן און געשריען: פּרויקע! פּרויקע!

דער פּרעזידענט האָט מיט גרויסע שוועריגקייטן איינגעשטילט דעם שטורעמדיגן עולם. ער האָט די פראַגע גענומען צום אָפּשטימען. איבערן גאַנצן זאַל האָט זיך ווי איין קול געטראָגן:

— סטרייק־ק!... סטרייק־ק!...

2. לאָמיר גיין! לאָמיר גיין!

דער טאָג פונעם סטרייק איז געווען אַ יום־טוב־טאָג ניט בלויז ביי די שניידער, נאָר אויך ביי די אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן, ווייל ס'איז געווען מיט וואָס זיך צו פרייען.

טויזנטער אַרבעטער זיינען אַרונטער אין סטרייק. די סטרייקערס האָבן געשטראָמט צו די זאַמל־פּונקטן. אַ סך ניט־יוניאָן שעפּער זיינען אויך אַרונטער אין סטרייק. די סטרייקערס האָבן זיך איינגעטיילט אין קאָמיטעס און האָבן אַרונטערגענומען אין סטרייק אויך יענע ניט־יוניאָן שעפּער, וואָס האָבן לכתחילה ניט געענטפערט אויפן סטרייק־רוף.

אין די רייען פון די באַלעבאַטים האָט געהערשט אַ קריגעריי. אייניגע האָבן געוואָלט, אַז מען זאָל אָנהויבן פאַרהאַנדלען מיט דער יוניאָן; די מערהייט אָבער זיינען געווען פאַר אָנהאַלטן דעם קריג מיט דער יוניאָן און פּרוּאוון צעברעכן דעם סטרייק.

זיינען וואָכן אַריבער. די רייען פון די סטרייקערס האַלטן זיך. די

פיקעט־קאָמיטעט זיינען טעטיג. דער סעזאָן קומט נעענטער. אַרבעט האָט זיך אָנגעקליבן, און די באַלעבאַטים נויטיגן זיך אין איר. דער פּאַרזוך פון די באַלעבאַטים אָנצושטעלן סקעבס איז אינגאַנצן דורכגעפאַלן.

אין קאַסע פון דער יוניאָן ווערט אָבער ליידיגער. די סטרייק־צאָלונגען זיינען שוין געשניטן געוואָרן. די גענעראַל־עקזעקוטיווע האַלט אָפּ אָפטע זיצונגען. עס קומען־פאָר רייבונגען. ס׳הערן זיך יאוש־טענער.

ביי איינער פון אָט־די זיצונגען האָט דער פּרעזידענט דערקלערט, אַז ער האָט זייער וויכטיגע בייעס: די באַלעבאַטים האָבן אים פאַררופן צו אַ קאָנפערענץ. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי קאָנען נאָך אָנהאַלטן דעם קריג זייער לאַנג, זיי ווילן אָבער ניט קיין „טראָבל". זיי ווילן זיך בעסער אויס־גלייכן מיט דער יוניאָן. זיי וועלן געבן אַלעמען אַרבעט. זיי וועלן מער ניט שניידן קיין שכירות. קיין פיר שטונדן אָבער וויניגער אויף דער וואָך — דאָס ניט!

דער פּרעזידענט האָט פאַרענדיגט זיין באַריכט. פּרויקע האָט דער ערשטער אַ זאָג געטאָן:

— ניין, דאָס טאָר ניט געשען! זיי האַלטן שוין ביי נעילה: זיי וועלן מוזן באַלד נאָכגעבן.

אַלע האָבן געשוויגן. דער פּרעזידענט האָט זיך אויפגעהויבן און מיושב׳דיג געווישט די גלעזער. ער האָט געהאַלטן אַ לענגערע רעדע און גערעדט האָט ער מיט אַ זייער שטרענגן טאָן:

— . . . וואָס, אַ שטייגער, דערוואַרט פּרויקע? ווי לאַנג קאָן מען האַלטן די אַרבעטער אין סטרייק?... די באַלעבאַטים זיינען שטאַרקער פון אונז... זיי קאָנען גיכער אויסהאַלטן... לאָמיר נעמען דאָס, וואָס די באַלע־באַטים גיבן איצט נאָך...

פּרויקע האָט ברייט צעעפנט די אויגן. ער האָט ווידער גערעדט מיט אָנטשלאָסנקייט:

— . . . די פיר שעה וויניגער אַרבעט אויף דער וואָך קאָנען געוואונען ווערן... דער פּרעזידענט האָט ניט געטאָרט גיין קאָנפערירן מיט די באַלע־באַטים אָן דער אויסגלייכונגס־קאָמיטע... אויב די יוניאָן האָט ניט גענוג געלט, דאַרפן מיר זיך ווענדן צו אַנדערע יוניאָנס נאָך הילף — זיי וועלן דאָס אונז גערן באַווילינגן...

און ביי יענער זיצונג איז פאָרגעקומען אַ פיבערהאַפטער ווערטער־

געפעכט צווישן פרויקע׳ן מיטן פרעזידענט. זיי האָבן געוואָרנט איינער דעם צווייטן. די אַנדערע עקזעקוטיוו־מיטגלידער האָבן ניט געוואַגט איבער־צושלאָגן די דעבאַטע צווישן פרעזידענט און פרויקע׳ן. ס׳איז אָבער קאָנטיג געווען, אַז די מערהייט וועט ניט שטימען געגן פרעזידענט׳ס מיינונג.

די דעבאַטע איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן צו די מיטינגען פון די סטרייקערס. ביי אַט־די מיטינגען האָבן געציילטע בלויז גערעדט געגן פרויקע׳ס מיינונג. דער גרויסער עולם אָבער, אויסהערנדיגביידע צדדים, האָט געשטורעמט:

— פאַרזעצן דעם סטרייק!

— סטרייקן!

— פרויקע! פרויקע!

דער פרעזידענט האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער:

— אויב איר וועט זיך צוהערן צו פרויקע׳ס עצות, וועט אונזער יוניאָן צעבראָכן ווערן! אַלס פרעזידענט איז דאָס מיין חוב ניט צו דערלאָזן... דער סטרייק איז געענדיגט!...

ער איז אויף גיך אַרונטער פון דער פּלאַטפאָרמע. די אַרבעטער זיינען אָבער געבליבן זיצן אויף די ערטער. פרויקע איז באַלד געווען אויפן פרעזידענט׳ס פּלאַץ. לעבן אים: דעיוו און בעני. אויך מנחם האָט זיך געריסן רעדן צו די סטרייקער.

דער פרעזידענט האָט דעמאָלט, ביים אַרויסגאַנג, אויסגעשריען:

— ווער עס וועט מאָרגן ניט קומען צו דער אַרבעט — דער וועט פאַרלירן זיין דזשאָב!

און ער איז אַרויס.

אין זאַל איז געוואָרן אַ געפילדער. פרויקע האָט געקלאַפּט מיטן האַמער און איינגעשטילט די פאַרזאַמלטע. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן פאַרצוזעצן דעם סטרייק און אויף מאָרגן אָפּצוהאַלטן נאָך אַזאַ מיטינג.

צו אַט־דעם מיטינג זיינען אַלע געקומען מיט צעפלאַמטע פּנים׳ער. יעדערער האָט אָנגעוויזן אויף הורבעס צעריסן צייטונגס־פּאַפּיר. דאָס איז געווען די אַרבעטער־צייטונג, וועלכע די מערסטע שניידער האָבן געלייענט. דאָרטן איז בפירוש געווען געשריבן, אַז דער סטרייק פון די שניידער איז געוואונען געוואָרן, און אַז אַלע שניידער האָבן זיך זיגרייך אומגעקערט צו דער אַרבעט.

מיטאַמאָל האָט איינער אַ געשריי געטאָן:

— לאָמיר גיין פאָדערן אַ דין־וחשבון פונעם רעדאַקטאָר!...

— לאָמיר גיין!

— לאָמיר גיין!

און די סטרייקערס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן גרופּנווייז. נאָך איידער פּרויקע איז געקומען אין סטרייק־זאַל, זיינען זיי שוין געווען ביי דער רעדאַקציע. שטיינער זיינען אין די פענצטער געפלויגן, קללות האָבן די גאַס פאַרהילכט:

— פאַרשאָלטן זאָלט איר ווערן!

פּאָליציי איז אָנגעקומען. מיט די פערד זיינען זיי אין די רייען פון די סטרייקערס אַריין. זיי האָבן צעטריבן דעם אויפגעצאַרנטן עולם.

3. ווער איז גערעכט?

נאָכדעם ווי די סטרייקערס זיינען, אויף פּרויקע'ס עצה, אַוועק צוריק צו דער אַרבעט, האָט פּרויקע דערפילט אַ טיפן ווייטאָג אין האַרצן. ער איז געקומען אין אָפיס און האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט אויפן שטול. ער האָט געסאָפּעט ווי נאָך אַ זייער אָנגעשטרענגטער אַרבעט. זיינע אויגן זיינען געווען אויסגעגלאָצט, ווי ער זאָל קוקן גלאַט אין דער וועלט אַריין. אין קאָפּ האָט איין פראַגע געהאַמערט: וואָס טוט מען ווייטער?

עס איז זייער שווער געווען פאַר פּרויקע'ן צו באַנעמען אַלץ, וואָס ס'האָט פּאַסירט. נאָך אַלעמען, די רעדאַקטאָרן פון דער אַרבעטער־צייטונג זיינען דאָך מענטשן מיט נעמען, אַלטע טוער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט אַזוי האַנדלען?... אפשר האָבן זיי טאַקע איינ־געזען, אַז דאָס איז דער בעסטער אויסוועג?!... פּרויקע אַליין איז געווען אין רעדאַקציע און זיך מיט זיי דורכגערעדט וועגן דעם. זיי האַלטן אָבער מיטן פּרעזידענט שטאָל און אייזן.

בעני און דעיוו זיינען אָנגעקומען. זיי האָבן זיך אויך מידע אַ זעץ געטאָן אויף די שטולן.

— נו, פון וואַנען קומט איר? — האָט פּרויקע זיי געפרעגט.

— אָט, מיר האָבן באַזוכט עטלעכע שעפער, — האָט דעיוו געענטפערט, — די אַרבעטער זיינען שרעקלעך אויפגעבראַכט; זיי זאָגן, אַז מיר האָבן זיי ניט געטאָרט שיקן צוריק צו דער אַרבעט.

פרויקע האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן:

— אפשר זיינען זיי גערעכט. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? פירער און טוער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, מענטשן דערפאַרענע — זיי אַלע האָבן מיך אָפּגעשלאָגן פון טיפער מאַכן דעם ריס... כ׳ווייס, אַז מיר זיינען גערעכט געווען, נאָר אפשר...

פרויקע האָט ניט פאַרענדיגט זיינע ווערטער. בעני און דעיוו האָבן אויף אים געקוקט מיט פאַרוואונדערונג. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי האָבן געזען פרויקע׳ן אין אַזאַ פאַרצווייפלטן צושטאַנד.

— נו, נו, פאַרפאַלן! — האָט דעיוו שטיל אַ זאָג געטאָן, און ווי געוואָלט טרייסטן פרויקע׳ן. — דאָס איז דאָך ניט אונזער שולד.

— שולדיג! שולדיג! — איז פרויקע אויפגעשפּרונגען. — מיר זיינען שולדיג!

— שולדיג! — האָט בעני נאָכגעזאָגט.

— האָ? — האָט זיך פרויקע אַ קער געטאָן צו בעני׳ן, — דו זאָגסט אויך שולדיג? אין וואָס זיינען מיר שולדיג???...

בעני האָט אַ וויַל געשוויגן, ווי ער וואָלט געקליבן ווערטער, וואָס פרויקע׳ן צו ענטפערן. ער האָט טאַקע באַלד אַרויסגעשאָסן:

— יאָ, אַוודאי זיינען מיר שולדיג! מען האָט פאַרפירט די אַרבעטער, און דו אַליין צווייפלסט נאָך אין דעם!... ס׳איז ניטאָ קיין אמת! יעדערער איז אַ מענטש פאַר זיך... דאָ אין אַמעריקע דאַרף יעדערער זאָרגן פאַר זיך...

— אַזוי?! — האָט פרויקע מיט וויטאָג געזאָגט.

נאָך אַט־דעם איבעררייד האָבן זיי צווישן זיך שוין מער גאָרניט גע־רעדט. זיי זיינען געזעסן ווי ווייטע מענטשן, פרעמדע...

ערשט איידער בעני איז אַוועק, האָט ער זיך אָפּגערופן צו פרויקע׳ן:

— פרויקע, עס טוט וויי, וואָס דו וועסט מיך ניט קענען פאַרשטיין. כ׳האַלט, אַז מיין טאַטע און ברידער זיינען גערעכט. זיי זאָגן, אַז אין אַמעריקע לעבט יעדערער פאַר זיך, און אַז דורך אַרבעטן פאַר יענעם קען מען זיך קיינמאָל צו גאָרניט דערשלאָגן... דאָ דאַרף מען . . .

בעני האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיגן זיינע לעצטע ווערטער, ווען פרויקע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שטול און איינגעגראָבן זיין בליק אין אים. בעני איז צעטומלט געוואָרן. עפּעס האָט פאַר זיינע אויגן אַ שווינדל געטאָן. זאָלן דאָס זיין יענע טעג, ווען פרויקע׳ס וואָרט איז ביי אים אַ

הייליגקייט געווען? אָדער זאָל דאָס אפשר זיין יענער אָוונט, ווען מען האָט אין פּרויקע׳ס שטיבעלע די פּאָליציאַנטן געבונדן?... ער האָט מער גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט אָנגענומען פּרויקע׳ס האַנט, זי אַ דריק געטאָן און איז אַוועק.

דעיוו איז געבליבן שטיין און נאָכגעקוקט פּרויקע׳ס טריט, ווי ער האָט האַסטיק אַרומגעשפּאַנט. ער האָט געפּרואווט באַרואיקן פּרויקע׳ן, נאָר יענער האָט ניט געהערט וואָס דעיוו האָט צו אים גערעדט.

מיטאַמאָל האָט זיך פּרויקע געגעבן אַ שטעל־אָפּ און זיך געווענדעט צו דעיוון:

— . . . און בעני איז אַוועק אַן אַנטוישטער?!... און וואָס שווייגסטו? וואָס שווייגסטו?... דו ביסט דאָך אויך אַמאָל אַן אַנטוישטער געווען... דאָ איז אַמעריקע!... אפשר זייַנען די פּירער און שרייבער בעסער באַקאַנט מיט אַמעריקע — דערפאַר פאַרשטייען זיי אַנדערש... איך בין דאָך פּרויקע דער שוסטער — ניט מער!...

דעיוו האָט אָנגעכאַפּט פּרויקע׳ן ביי די הענט, האָט אים צוגעצויגן צום שטול און אים אַנידערגעזעצט:

— פּרויקע! פּרויקע! באַרואיג זיך!

— כ׳בין רואיג, רואיג! — האָט פּרויקע׳ס קערפּער זיך געטרייסלט.

— ניט מער, כ׳וויל וויסן: ווער איז גערעכט? איך אָדער זיי?... כ׳וויל וויסן, וואוהין בעני איז אַוועק... כ׳וויל וויסן, וואוהין דו וועסט גיין... כ׳וויל . . .

— פּרויקע, באַרואיג זיך! — האָט אים דעיוו ווידער געבעטן.

פּרויקע האָט זיך צעלאַכט אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך ביים האַרצן געכאַפּט. מיטאַמאָל איז ער שטיל געבליבן, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעיוו׳ן און אַ מורמל געטאָן:

— איך וויל, אַז די אַרבעטער זאָלן מיך פאַרשטיין...

4. אַ שטורעמדיגער צוזאַמענפּאַר

אין די שעפּער האָט זיך גיך פאַרשפּרייט די נייעס, אַז פּרויקע איז קראַנק. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער איז קראַנק געוואָרן מחמת דעם אויסגאַנג פון סטרייק.

פּרויקע איז געלעגן אין שפּיטאָל. אין אָנהויב האָט זיך אים אָנגעהויבן

דרייען דער קאָפּ און ער האָט געקראָגן אַ ביסל וואָרעמקייט. ער האָט גע־רעכנט, אַז דאָס וועט אַריבערגיין און איז דערווייל אַנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער אָבער דערפילט, ווי די פיס זעצן זיך, דער גאַנצער קערפּער ברעכט זיך און טוט וויי. ער האָט זיך צוגעלייגט בלויז זיך אַ ביסל אויסצורוען. אַ שווערער הוסט האָט אים אָבער אָנ־געהויבן מאַטערן. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער האָט לונגען־אָנט־צינדונג און מוז שוין גענומען ווערן אין שפּיטאָל.

די אַרבעטער זיינען געלאָפן אין שפּיטאָל זיך נאָכפרעגן וועגן זיין צושטאַנד, קיינער איז צו אים ניט צוגעלאָזט געוואָרן, איז מען גע־שטאַנען לעבן שפּיטאָל גרופּנווייז מיט קלאָפּנדיגע הערצער. מ׳האָט גערופן דורכן טעלעפאָן און זיך נאָכגעפרעגט. אומרואיגע, באַזאָרגטע געמיטער האָבן פון שפּיטאָל גאָרניט געוואָלט אָפּטרעטן. צווישן אָט־די איז אויך מנחם געווען. ער איז איינגאַנצן אויס מענטש געוואָרן. עס איז אים אויסגעקומען, ווי מען האָט ביי אים אַ האַנט אַרונטערגענומען.

פּרויקע האָט דעם קריזיס דורכגעמאַכט. פון שפּיטאָל איז ער אָבער אַזוי גיך ניט אַרויס, ווייל ער איז געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט און האָט געמוזט דאָרטן פאַרבלייבן אַ שטיק צייט.

דערווייל האָט זיך דערנעענטערט דער דאַטום פון צוויטן צוזאַמענ־פאָר פון דער יוניאָן. דעלעגאַטן זיינען געווילט געוואָרן פון אַלע לאָקאַלן. עס האָט זיך געפילט אַן אָנגעצויגנקייט זינט דעם לעצטן סטרייק. מען האָט געהאָפט, אַז אָט־דער צוזאַמענפאָר וועט אָט־די אָנגעצויגנקייט אָפּשאַפן.

דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן האָט געאַרבעט פיבעריש. ער איז געקומען צו די פאַרשיידענע לאָקאַלן, האָט גערעדט צו די מיטגלידער, האָט אַפּעלירט, אַז זיי זאָלן אים פאַרשטיין און דערווילן זיינע נאָכפאָלגער אַלס דעלעגאַטן.

אין די מערסטע לאָקאַלן איז ער אָבער געבליבן אַן אַנטוישטער. פּרויקע׳ס נאָמען איז אָפט דערמאָנט געוואָרן. די דערמאָנונג, אַז פּרויקע ליגט אין שפּיטאָל, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די פאַרביטערטקייט.

ביים צוזאַמענפאָר האָט דער פּרעזידענט אָפּגעגעבן אַ באַריכט און האָט אינגאַנצן ניט דערמאָנט דעם סטרייק. דעלעגאַטן האָבן געפאָדערט, אַז די פראַגע זאָל דיסקוטירט ווערן ביים צוזאַמענפאָר. דער פּרעזידענט האָט אָבער גע׳טענה׳ט:

— ס׳שטייען פאַר אונז נייע פּראָבלעמען מיט נייע טעטיגקייטן. מיר קאָנען זיך ניט פאַרנעמען מיט דיסקוטירן אַ פראַגע פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס וועט אַריינברענגען הייס בלוט, ווייל דער גאַנצער ענין איז געווען איין גרויסע מיספאַרשטענדניש...

די דעלעגאַטן האָבן זיך אָבער געבייזערט:

— מיר ווילן ניט גוטהייסן אייער באַריכט גלאַט אַזוי זיך!

איינער פון די דעלעגאַטן האָט אויסגערופן:

— כדי אויף ווייטער ריכטיג אָנצופירן מיט דער אַרבעט, מוזן מיר וויסן גענוי, וואָס אונזערע טעות׳ן זיינען געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט...

די דעלעגאַטן האָבן די באַמערקונג אַפּלאָדירט. דער פּרעזידענט און זיינע נאָכפאָלגער האָבן זיך געהיצט. ס׳האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן: נאָך אַ האַלבן טאָג טומלען זיך איז באַשלאָסן געוואָרן צו דיסקוטירן די פראַגע פון דעם לעצטן סטרייק.

די דעלעגאַטן האָבן אין דער דיסקוסיע שאַרף קריטיקירט דעם פּרעזידענט און זיין אַדמיניסטראַציע. זיי האָבן געוואָרפן אַלערליי באַשולדיגונגען און זיי חושד געווען אין דאָס ערגסטע...

נאָך דער דיסקוסיע איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ פאָרשלאָג צו אָנער־קענען די שולד פון דער אַדמיניסטראַציע און איר פאַרבאָטן אָנצוהאַלטן אַמטן אין דער יוניאָן פינף יאָר צייט.

דער פּרעזידענט האָט דערקלערט דעם פאָרשלאָג אויסער אָרדענונג און געוואָרנט:

— דאָ זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרופּע שטערער, וואָס ווילן צעברעכן די יוניאָן.

און וואו האָבן זיך גענומען אַזויפיל רעדנער?! דעלעגאַטן, אַרבעטער פון די שעפּער — זיי האָבן גערעדט מיט פייער:

— מיר זיינען אַרבעטער, געקומען אַהער פון די ניי־מאַשינען, פונעם פּרעס־אייזן — אונז באַשולדיגט מען עס אין שטערעריי!...

עס רעדן אויך איינעגע זייער אינטעליגענטע אַרבעטער, זיי רעדן ווי אמת׳ע אַדוואָקאַטן; עס רעדן אָרגאַניזאַטאָרס און אַקטיווע טוער, — זיי מוזן גיין!...

דער פּרעזידענט האָט אָבער געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיטן האַמער. דער צוזאַמענפאָר האָט ווייטער ניט געקאָנט אָנגיין.

פלוצלונג האָט זיך איינער פון די דעלעגאַטן אַנידערגעשטעלט אויף אַ בענקל און אויסגעשריען:

— אויב דער פּרעזידענט וויל אַנגיין אַזוי מיטן צוזאַמענפּאַר, קאָן ער דאָס טאָן! די גרעסטע מערהייט דעלעגאַטן זיינען געגן אים און געגן זיין פּירערשאַפט. לאָמיר דערפאַר אַריבערטראָגן דעם צוזאַמענפּאַר אין אַן אַנדער פּלאַץ און זאָל דער פּרעזידענט זיך דאָ אָפּשטעלן...

די דעלעגאַטן זיינען אויפגעשפּרונגען פון די פּלעצער, געפּליעסקעט מיט די הענט און געשריען הוראַ. אַכציג פּראָצענט פון די דעלעגאַטן האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל.

דאָרטן, אין דעם נייעם זאַל, האָט זיך דער צוזאַמענפּאַר ערשט אָנגעהויבן. נאָך אַ ריי רעדעס פון פאַרשיידענע דעלעגאַטן און פירער, איז באַשלאָסן געוואָרן צו ענדערן דעם נאָמען פון דער יוניאָן און דערקלערן אָט־דעם צוזאַמענפּאַר אַלס דעם ערשטן פון אָט־דער נייער יוניאָן.

עס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן צו דערוויילן פּרויקע׳ן אַלס פּרעזידענט הינטער די אויגן. אייניגע האָבן אָבער גע׳טענה׳ט, אַז פּרויקע איז נאָך זייער שוואַך, אַז עס פאָדערט זיך איצט אַנגעשטרענגטע אַרבעט. דעיוו האָט אויך צוגעגעבן, אַז פּרויקע קאָן נאָך אויף זיך ניט נעמען אַזאַ שווערן און פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט.

האָט מען אין נאָמען פון דעם צוזאַמענפּאַר געשיקט אַ באַגריסונגס־טעלעגראַמע צו פּרויקע׳ן אין שפּיטאַל. עס זיינען דערוויילט געוואָרן באַאַמטע און דער צוזאַמענפּאַר האָט זיך געשלאָסן.

דעיוו איז פון דעם צוזאַמענפּאַר אַוועק ניט קיין צופרידענער. עפּעס האָט ער זיך דאָרטן ניט געפילט זייער היימיש. ס׳זיינען דאָרטן געווען בעסערע רעדנער פון אים און זיי האָבן טאַקע אויסגענומען ביי די דעלעגאַטן. קיינער פון די דעלעגאַטן האָט אַפילו זיין נאָמען ניט נאָמינירט צו די הויכע אַמטן. אין האַרצן האָט אָבער ביי אים געטליעט אַ האָפענונג: נישקשה, מיט דער צייט וועט נאָך דעיוו אַבראַנסקי שפּילן אַ גרויסע ראָלע, נישקשה... ער מיינט דאָס, חלילה, ניט צוליב זיין פּערזענלעכער טובה וועגן, נאָר טאַקע פאַר דער יוניאָן — מען מוז אויפבויען אַ שטאַרקע, גוטע יוניאָן...

קאַפּיטל פיר: „סידני גאַרב ענד סאָנס"

1. אייגענע הענט

בעני איז מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געגאַנגען געוואָר ווערן צו פּרויקע׳ן. ער האָט צו אים גערעדט מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן. פּרויקע האָט שוין געפילט פיל בעסער און האָט זיך שוין געקאָנט פּאַנאַנדערקלייבן אין זאַכן. ער האָט שוין געוווּסט דעם אויסגאַנג פון דעם צוזאַמענפּאָר און זיינע אויגן האָבן געשטראַלט פון שמחה.

צו בעני׳ן האָט ער אָבער וועגן דעם גאָרניט גערעדט. ער האָט שוין געוווּסט, אַז בעני איז אַוועק.

ניט אַזוי גרינג איז דאָס בעני׳ן אָנגעקומען אַוועקצוגיין, אַזוי האָט ער אַלעמען געפּרוּווט דערקלערן. יאָרן פון אַרבעט זיינען אים טייער געווען. פּרויקע׳ן האָט ער שטאַרק ליב געהאַט און געאַכטעט, נאָר צייטן זיינען זייער שלעכטע... די יוניאָן־פירער טויגן אויך ניט, און דערצו איז זיין טאַטע, שראַליע, צו אים צוגעשטאַנען:

— בעני, ס׳איז אַ לאַנד פון גרויסע מעגלעכקייטן; ווער עס קאָן זיך אַרויפאַרבעטן, טאָר די געלעגנהייט ניט דורכלאָזן...

שראַליע איז שוין דאַן געווען אַ שטיקל צייט אין אַמעריקע. ער האָט געקוקט מיט זיינע קאַסאַקע אויגן אויף יעדער קלייניקייט... ער האָט געהערט, אַז דאָ זיינען פיל קבצנים געוואָרן גבירים, — טאָ פאַרוואָס זאָל ער, שראַליע, דאָס ניט קאָנען באַווייזן? אַ משפחה האָט ער אַ גרויסע. יעדערער וועט צולייגן אַ האַנט — וועט זיין גוט...

ער האָט פאַררופן אַלע זיינע קינדער און האָט צו זיי געזאָגט:

— הערט, קינדער, מיר זיינען אַ משפחה פון עלף. לאָמיר עפּענען אַ שאַפּ און פּרוּוון אונזער מזל.

די קינדער האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

בעני האָט געשוויגן. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער אפשר יאָ עפּעס געהאַט צו זאָגן, נאָר איצט — וואָס וועט ער זאָגן?...

שראַליע האָט דעם פּלאַן אינגאַנצן פון זיין אייגענעם קאָפּ ניט גענומען.

ס'זיינען געווען באַקאַנטע, וואָס האָבן אים אַט־דעם פּלאַן געגעבן, איז ער איצט אַוועק צו זיי און זיך מיישב געווען. ס'האָבן זיך באַלד געפונען מעקלערס און אַגענטן. בישקשה, אויף אַזאַ משפחה קאָן מען זיך פאַרלאָזן! מען האָט צוגעשטעלט מאַשינען, מאַטעריאַלן און אַנדערע נויטיגע מכשירים. און די משפחה האָט אויפגעעפנט אַ שאָפּ ערגעץ אויפן זיבעטן שטאָק, אַ שטיקנדיגן און אַ פינצטערן; אויף דער טיר האָבן זיי אָנגעקלאַפּט אַ שילד:

„שניידער־שאָפּ פון סידני גאַרב ענד סאַנס."

אויף אַט־דעם שילד האָבן זיי אַלע געקוקט און שטאַרק הנאה געהאַט: ס'הייסט, מען זעט שוין שוואַרץ אויף ווייס, אַז זיי האָבן אַ שאָפּ. שראַליע דער גאַרבער, איצט סידני גאַרב, האָט זיך געגלעט דעם קאַרק און גע־מורמלט: נו, נו, די משפחה פון עלף וועט נאָך באַווייזן וואָס זי קאָן...

בעני האָט זיך די ערשטע צייט אַ ביסל געשעמט. ביסלעכווייז אָבער האָט ער זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען. ער האָט נאָך אַפילו מיט שטאָלץ אַלעמען דערציילט, אַז אין רוסלאַנד איז ער געווען אַ פּאָליטישער אַרעס־טירטער; אַז דאָ אין אַמעריקע האָט ער געהאָלפן אויפבויען די יוניאָן — אַי, וואָס ער איז איצט אַ באַלעבאָס? נו, איז וואָס? ער באַרויבט דען עמיצן, חלילה? פאַרקערט, ער איז אַן אַרבעטער־פריינט...

ווען דעיוו איז אַרויפגעקומען אין שאָפּ, האָט אים בעני זייער פריינטלעך אויפגענומען און אים דערקלערט:

— הער, גוטער ברודער, מיר אַלע אַרבעטן. מיר נויטיגן זיך ניט אין קיין פרעמדע הענט. אויב דו ווילסט — קאָן דאָס זיין אַ יוניאָן־שאָפּ. ווען איך וועל דאַרפן אַרבעטער, וועל איך אָפּרופן די יוניאָן.

פרויקע האָט געשמייכלט, ווען דעיוו האָט דאָס אים דערציילט, הגם דעיוו אַליין האָט אין דעם קיין עולה ניט געזען:

— וואָסי? מענטשן ווילן ניט בלייבן קיין אַרבעטער...

דעם שאָפּ אַריינגעמען אין דער יוניאָן האָט מען ניט געקאָנט, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין פרעמדע אַרבעטער.

בעני איז דאָך אָבער אין דעם ניט שולדיג... זיי האָרעווען דאָך שווער אויף זייערע פאַרדינסטן. טאָ וועמענס עסק איז דאָס, אַז זיי ווילן אַרבעטן צוואַנציג שעה אַ מעת־לעת? — ס'איז דאָך זייער זאַך. איז דער שאָפּ געלאָפן אין פולן שוואונג. אַרבעט האָבן זיי געהאַט גענוג. — פאַרוואָס טאָקע ניט?

שראַליע פּלעגט געבן צו פאַרשטיין אַזוי זיינע דזשאַבערס:

— איר פאַרשטייט, מיר אַרבעטן אַליין, אַרבעטן לאַנגע שטונדן; מיר האָבן ניט קיין גרויסע הוצאות — דערפאַר קאָנען מיר מאַכן די אַרבעט ביליגער...

2. עס גייט אַ גאַנג

דאַכט זיך, אַז בעני איז געווען זייער שטאַרק פאַרנומען און האָט געהאַט ווייניג צייט וועגן עפּעס אַנדערש צו טראַכטן, — פונדעסטוועגן האָט ער זיך איינמאָל אַריינגעזעצט אין וויג־שטול און האָט זיך זייער שטאַרק אָנגעהויבן וויגן — און טראַכטן.

דאָך דאַרף מען ניט מיינען, אַז עס איז געווען אין אַ מיטנוואָכעדיגן אָוונט: ניין, אין אַזעלכע אָוונטן האָט בעני ניט געקאָנט טראַכטן. ער פלעגט קוים דערלעבן אַפּעסן און זיך אַנידערוואַרפן אויפן געלעגער.

געווען איז דאָס אין אַ שבת אָוונט. דאָס איז געווען דער איינציגער אָוונט, ווען בעני פלעגט זיין פריי פון אַרבעט. דעמאָלט פלעגט ער אַרויס־גיין פאַרברענגען. ס'איז טאַקע אמת, אַז אין די זונטאָגס פלעגט דער שאָפּ אויך זיין אָפן, נאָר בעני האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איינמאָל פאַר אַלע־מאָל: זונטאָג וועט ער אַריינקומען ניט פריער ווי צוועלף בייטאָג. דערפאַר פלעגט ער קאָנען, קומענדיג שבת נאָכט פון שאָפּ, זיך איינוואַשן, איבערטאָן, און — היידאַ!

דעם שבת אָוונט איז בעני אין ערגעץ ניט געגאַנגען. ס'האָט זיך אים געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט אַ וואָך צוריק. דעמאָלט האָט ער באַגעגנט בערטאָ'ן, אַ יונג, שיין מיידל, זיינעם אַ חבר'ס אַ באַקאַנטע. גלייך ווי בעני האָט זי באַגעגנט, אַזוי האָט אים אין האַרצן אַ קלאַפּ געטאָן. ער האָט פאַר זיינע אויגן דערזען ניט בערטאָ'ן, נאָר נחמה'קען — נחמה'קען, מנחם דעם קלייטניק'ס. און אָט־איצט טראַכט ער אויך טאַקע וועגן נחמה'קען. ווי קומט דאָס וואָס ער האָט ביז איצט גאָר־ניט געטראַכט וועגן איר? ס'אַראַ מאָדנע צייט עס איז געווען! און ס'אַראַ טייער מיידל נחמה'קע איז געווען!

נאָר צו וואָס טראַכטן וועגן איר? יאָרן זיינען דאָך שוין אַריבער. ער האָט שוין מנחמ'ען אַ שטיק צייט ניט געזען, און ווער ווייס: אפשר האָט זיין טאָכטער, נחמה'קע, שוין גאָר חתונה געהאַט. און אַפילו ווען

ניט, — ווי קומען זיי איצט איינע צו די אַנדערע? דאָס איז אַלץ אַמאָל געווען ביי אים אַ גאַנצער יחוס זיך צו טרעפן מיט מנחם דעם קלייטניק'ס טאָכטער. אָבער היינט? ער, בעני, פאַרשטייט שוין איצט די וועלט גאַנץ אַנדערש: אַט גאָר אינגיכן וועלן זיי עפענען אַ גרעסערן שאַפּ, און ער, בעני, וועט שוין אפשר אינגאַנצן אויפהערן אַרבעטן. ער וועט ווערן דער גאַס־מענטש, דער פאַרקויפער — דער גאַנצער פאַרוואַלטער פון דעם געשעפט. און צוריקגערעדט: ער איז שוין ניט קיין אינגעלע. ס'זייבען שוין פאַרלאָפן עטלעכע יאָר, זינט ער איז פון דער אַלטער היים; ער האָט שוין אָפגעשפאָרט אַ היפּשע פאָר דאָלער, — טאָ וואו איז ער אין דער וועלט?...

מיט דעם האָט בעני געמיינט, אַז בערטאַ וועט טאַקע זיין צו אים ווי צוגעמאָסטן. ער וועט איר זאָגן פראָסט־און־פּשוט: בערטאַ, איך האָב דיך ליב. אויב דו ווילסט לעבן גוט — טאָ האָב מיט מיר חתונה, ווייל איך בין אַ יונג אַ פאַרדינער, כ'האָב אַן אייגענעם שאַפּ און מיט דער צייט וועל איך עפענען נאָך אַ גרעסערן שאַפּ.

בערטאַ וועט זיך דעמאָלט געבן אַ דריי אָפּ פון אים, נאָר ער, בעני, וועט זי גלייך אַריינכאַפּן אין זיינע אָרעמס: בערטאַ, בערטעלע! זאָל איך אַזוי לעבן, ווי איך מיין דאָס מיטן גאַנצן האַרצן. דו וועסט ביי מיר האָבן פון פויגל־מילך. איך בין דאָך עפּעס בעני. דו וועסט ערשט בעני'ן דער־קענען!

און ערשט דעמאָלט וועלן אים אַלע מקנא זיין. צו זיין חתונה וועט ער איינלאַדן אַלע לאַנדסלייט. ער וועט אויסגעפינען מנחמ'ס אַדרעס און וועט אים אויך איינלאַדן, — זאָל ער טאַקע אָוועקשרייבן אַהיים וועגן דעם. פרויקע'ן און דעיוו'ן וועט ער אויך איינלאַדן. ער וועט מיט זיי רעדן פערזענלעך און זיי זאָגן, אַז זיי דאַרפן קומען צו זיין חתונה, ווייל ער האַלט נאָך אַלץ מיט די אַרבעטער...

צי בעני האָט טאַקע גערעדט צו בערטאַ'ן אַזוי ווי ער האָט זיך פאַר־געשטעלט, איז אַן אַנדער ענין. ווייל ער האָט צו איר גאָרניט גערדאַרפט אַזויפיל רעדן: ווי נאָר בערטאַ האָט דערהערט, אַז בעני, אַ פאַבריקאַנט פון מענער־קליידער, וויל מיט איר חתונה האָבן, איז זי אים אַרויפ־געשפרונגען אויפן האַלז:

— אַך, בעני, בעני! די ערשטע מינוט וואָס איך האָב אייך דערזען,

האָב איך זיך באַלד אין אייך פאַרליבט. איר זייט דאָך וואונדערבאַר!

און זי האָט אים אַ קוש געטאָן.

בעני האָט זיך פאַרשעמט. אין יענער מינוט האָט אים, דוכט זיך, נחמה׳קע אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. נאָר צו וואָס נחמה׳קע? אָט ליגט דאָך בערטאַ אין זיינע אָרעמס און ער קאָן זי אַזוי שטאַרק קושן. און זי האָט אים, ווייזט אויס, שטאַרק ליב, ווייל זי לאָזט אים גאָר פון זיך ניט אָפּ...

אין הויז האָט מען די נייעס אויפגענומען מיט צופרידענע פּנים׳ער; שראָליע האָט בעני׳ן אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע: אָט־אַזוי, ביזט אַ בראַוועד יונג. וואָדען? וואָס איז דאָס וואַרטן? מ׳האָט חתונה און פאַרטיג. זאָל זיין אַ ווייב מיט קינדער!

הינדע, שראָליע׳ס ווייב, האָט אויף דעם זיך אָפּגערופן:

— דאָ איז ניט „יוראָפּ״ — דאָ איז אַ ווייב טאַקע אַ ווייב! ער מאַכט זיך דאָס אַזוי אַוועק...

שראָליע האָט געוואוסט וואוהין הינדע, זיין ווייב, צילט, און ער האָט געשוויגן, ווייל דאָ איז דאָך טאַקע אַמעריקע און די „לעידיס״ שפּילן דאָ אַ גרויסע ראָלע — דאָ לאָזן זיי זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע...

ווען בעני האָט דערציילט וועגן בערטאַ׳ן, האָט מאַטקע אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און אָנגעהויבן לאַכן.

אַלע האָבן אים אָנגעקוקט.

— נו, וויבאַלד מ׳זאָגט שוין אויס, — האָט מאַטקע געזאָגט, — וועל איך שוין אויך אויסזאָגן. וואָס, דענקט איר, בין איך, עפּעס אַ פאַר־שלאָפענער? כ׳האָב שוין אויך אָפּגעשפּאָרט אַ מיידל...

האָט מען ביי שראָליע׳ן געפּראַוועט צוויי חתונות אויף איין מאָל. הינדע האָט אָפילו געזאָגט, אַז מען דאַרף לייטן ניט אויפרייסן די אויגן, נאָר די זין האָבן זיך פון דעם אויסגעלאַכט. מען האָט טאַקע אין איין וועגס איינגעשפּאָרט צייט, ווייל ווער קאָן דאָס פּראַוועון צוויי באַזונדערע חתונות? אין אַמעריקע איז צייט — געלט.

אין אָנהויב האָט בעני געוואָלט שיקן איינלאַדונגען צו מנחמ׳ען, פּרויקע׳ן און דעיוו׳ן, נאָר שפּעטער האָט ער אַ טראַכט געטאָן: וואָס? איך דאַרף זיך עפּעס ביי זיי בעטן און קריגן אַ פּאַטש אין פּנים — אָן אָפּזאָגונג? בעסער וועל איך זיי גאָרניט בעטן.

נאָך די חתונות האָבן זיך די באַלעבעסלעך נאָך שטאַרקער אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. פאַרשטייט איר מיך: מ׳איז אַ פאַרהייראַטער מאַן — מען דאַרף, קיין עין־הרע ניט, האָבן...

פון וואַנען עס האָט זיך גענומען אַזויפיל ענערגיע צו שראַליע׳ס קינדער, — דאָס האָט אַפּילו שראַליע ניט געקאָנט פאַרשטיין. פונדעסטוועגן האָט ער אויף זיי אַלעמען געהאַלטן אַן אויג און אַפילו פון צייט צו צייט אַן אומצופרידענעם בורטשע געטאָן. נאָר דאָס איז בלויז געווען לפנים וועגן, ווייל צוליב וואָס זיין אומצופרידן? די אַרבעט גייט ווי אויף פּוטער. דער שאָפּ ווערט אָנגעפּיקעוועט מיט וואַרע און ס׳ווערט באַלד אויפגעגייט און אַרויסגעשיקט. בפרט איצט, אַז בעני און מאָטקע האָבן שוין חתונה געהאַט און מען דאַרף זיי געבן גלייכע חלקים — מוז דאָך יעדערער זיך אַ סטאַרע טאָן צו פאַרדינען זיין חלק.

און — ס׳גייט אַ גאַנג!...

3. בערטאַ איז גערעכט!

בערטאַ איז איינמאָל געקומען אין שאָפּ געוואָר ווערן צו איר מאַן און זיינע געשעפטן. דער שאָפּ איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. די משפחה האָט געאַרבעט און זיך געיאָגט פון איין ווינקל צום צווייטן. מען האָט געדאַרפט שפּרינגען איבער פּעקלעך סחורה און איבער טישן.

בערטאַ האָט אַ דריי געטאָן מיט די אָנגעפּאַרבטע ליפּן און אַ קנייטש געטאָן די נאָז: זע נאַר, זע! סאָטש עי ביזנעס!

בעני איז גלייך צו איר צוגעלאָפן און געפרעגט:

— וואָסי, בערטעלע, ס׳געפעלט דיר גאָרניט אונזער שאָפּ?

— איר זייט ניט קיין ביזנעס־פּיפּל, — האָט זיך בערטאַ אָנגערופן.

די משפחה האָט זיך אַרומגעקליבן אַרום בערטאַ׳ן און געוואָלט וויסן וואָס זי מיינט מיט דעם.

בערטאַ האָט דערקלערט:

— ווען עמיצער־עלס וואָלט געהאַט אַזויפיל אַרבעט, וואָלט מען גע־דונגען אַ ליכטיגן פלאָר אין אַ ביזנעס־סעקשאָן, מ׳וואָלט אַריינגענומען אַרבעטער, מ׳וואָלט דאָס גוט אַדווערטאַיזט און טאַקע געמאַכט פון דעם אַ ריכטיגע ביזנעס.

— וואָס מיינסטו? — האָט זיך שראַליע אָפּגערופן, — אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי גערעכט זי איז.

און כאָטש שראַליע און זייַנע זין האָבן שוין פון לאַנג אײנזינען געהאַט זיך אַריבערצוקלייבן אין אַ גרעסערן שאַפּ, פונדעסטוועגן, זינט בערטאַ האָט זיי דאָס געזאָגט, איז אָט־דער געדאַנק שוין פון זייערע קעפּ ניט אַרויס. טאַקע, זיי קאָנען דאָס דען ניט טאָן? נישקשה, אַרבעט האָבן זיי גענוג, — טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי זיך דאָ שטיקן? פאַרקערט, אַ גרעסערער שאַפּ און אַ צאָל אַרבעטער וועט אַרײַנברענגען מער ביזנעס.

בעני האָט באַלד טעלעפאָנירט צו איינעם אַן אָפּטן אַרײַנגייער אין שאַפּ, וואָס „פּיקסט"־איין שעפּער. יענער איז באַלד געקומען צו לויפן.

— אַך, אַך, איך בין איבערראַשט פון אייער גענײַאַלן געדאַנק, — האָט זיך יענער גע'חידוש'ט. — ס'האָט מיך טאַקע געוואונדערט די גאַנצע צייט, פאַרוואָס איר טוט דאָס ניט...

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט די פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס" זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדער שאַפּ. ס'איז אָבער ניט געווען קיין ליכטיגער שאַפּ, ווי בערטאַ האָט געוואָלט, ווייל אַ ליכטיגער שאַפּ האָט געדאַרפט קאָסטן צופיל געלט. און צו וואָס דאַרף מען טאַקע האָבן די שיינע שעפּער? — אַבי די אַרבעט איז דאָ. דערפאַר איז דער איצטיגער שאַפּ געווען אַ סך גרעסער. מען האָט אַרײַנגעשטעלט מער מיט עטלעכע מאַשינעס, נאָך עטלעכע „סטענדס" פאַר פּרעסערס, און די משפחה האָט אין דעם שאַפּ כמעט ווי זיך ניט אָנגעזען.

— נו, וואָס וועט זיין? מ'דאַרף האָבן עטלעכע אַרבעטער, — האָט זיך בעני אָפּגערופן צום טאַטן.

— אַוודאי, אַוודאי דאַרף מען.

בעני האָט טעלעפאָנירט צו אַ פּאָר צייטונגען, האָט געהייסן אַרײַנשטעלן אַן אַנאָנס, אַז די פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס" נויטיגט זיך אין עטלעכע שניידער און אין אַ פּאָר פּרעסערס.

אין עטלעכע טעג אַרום איז שוין דער שאַפּ געלאָפן אין פולן שוואונג. בעני האָט אַרומגעשפּאַנט און באַטראַכט יעדעס ווינקעלע, געקוקט אויף יעדער מאַשין און האָט אָנגעקוואָלן. ער איז צוגעלאָפן צו די אַרבעטער און צו זיי גערעדט. ער האָט זיי געזאָגט, אַז נאָר מיטן אמת קאָן מען זיך צו עפּעס דערשלאָגן. אָט, ער, בעני, מיט זיין משפחה האָבן געפּראַצעוועט

שווער און דערפאַר האָבן זיי אַ שאַפּ און קאָנען שוין אַריינגעמען פרעמדע הענט... ער אַליין איז אַ גרויסער אַרבעטער־פריינט...

די אַרבעטער האָבן זיך געוואונדערט איבערן מאָדנעם באַלעבאָס, וואָס איז צו זיי אַזוי פריינטלעך. זיי האָבן האַסטיג געטריבן די מאַשינעס און אין שאַפּ האָט זיך צעטראָגן דער געזאַנג פון זייער געלאַף — אַזוי האָט זיך בעני'ן מיט זיין טאַטן וויינגסטנס אויסגעדאַכט.

אין איין טאָג, ווען בעני איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרשמאַיעטער איבערן שאַפּ, האָט ער זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ שטעל־אָפּ און ברייט צעעפנט די אויגן.

— אַה, זע נאָר, זע, ווער ס'איז דאָ — דעיוו!

— יאָ, דעיוו, — האָט דעיוו געענטפערט מיט אַ שמייכל. — וואָס מאַכסטו עפּעס, יונגערמאַן?

— אָט, זעסט דאָך, — האָט בעני שטאָלץ געענטפערט, — זיך אַריבער־געקליבן אין אַ נייעם שאַפּ.

— ווי מאַכסטו אויס?

— זעסט דאָך.

דעיוו האָט באַטראַכט דעם שאַפּ, די מאַשינעס, און געקוקט אויף די אַרבעטער. ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן שאַפּ און בעני איז אים נאָכ־געגאַנגען און גערעדט:

— איך האָב אײַנזיבן געהאַט דיך אָפּצורופן, נאָר דו ווייסט דאָך, ס'איז דער ערשטער חודש. מיר זיינען דאָך נאָך אַליין קבצנים, לאָמיר אַ ביסל זיך צעאַרבעטן — דעמאָלט וועלן מיר קאָנען אָנשטעלן יוניאָן־לייט. לאָמיר צווואַרטן.

דעיוו האָט געקוקט אויף בעני'ן:

— וואָס הייסט צוואַרטן? דו — צוואַרטן?

דעיוו איז אַריין מיט בעני'ן אין אָפּיס און זיי זיינען דאָרטן געזעסן אַ שטיק צייט. נאָכדעם איז דעיוו אַרויסגעקומען דער ערשטער, און בעני איז אים נאָכגעגאַנגען און נאָך אַלץ גערעדט:

— איך בין ניט אַנדערש געוואָרן, גלויב מיר. ווען דו וואָלסט געווען אויף מיין אָרט, וואָלסטו אויך אַנדערש ניט געהאַנדלט, און אַפילו פרויקע — אויך ניט... נאָר צו וואָס דאַרף איך זיך קריגן מיט אייגענע מענטשן?

— מאַך זיי פאַר יוניאָן־לייט!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מערסטע אַרבעטער פון שאַפּ זיינען געווען יוניאָן־מיטגלידער. די אַנדערע האָט דעיוו געהייסן קומען אין דער יוניאָן. שראַליע איז נאָכגעלאָפן בעני׳ן און זיך געבייזערט:

— משוגע׳נער, וואָס פעלן זיי דיר?

בעני האָט אָבער קורץ געענטפערט:

— לאָז מיך.

ווען דעיוו איז אַוועק און שראַליע איז צוגעשטאַנען צו בעני׳ן, האָט ער אים דערקלערט:

— וואָס ווילסטו דערלייגן? סטרייקס פעלן דיר?...

אין שאַפּ האָט בעני דערציילט די אַרבעטער, אַז ער אַליין האָט געהייסן מאַכן זיין שאַפּ פאַר אַ יוניאָן־שאַפּ, און אַז אַרבעטער דאַרפן זיין געטריי אַזאַ באַלעבאָס, אַט פונקט ווי ער איז זיי געטריי, — פאַרוואָס ניט?

4. אַן אויסגעצייכנטער געשעפטסמאַן

זינט די פירמע „סידני גאַרב ענד סאַנס" האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דעם נייעם שאַפּ, האָבן זיי געקראָגן אַ גוטן נאָמען אין מאַרקעט. פאַר־שיידענע סעילסלייט און אַגענטן האָבן דאָרטן די טירן אָפּגעשלאָגן: דער מיט אַזאַ פאָרשלאָג, און יענער מיט אַ צווייטן. די משפחה האָט זיך אַליין גע׳חידוש׳ט: ווי נעמט זיך צו זיי אַזויפיל אַרבעט? אַז קיין סך פאַרקויף־אַגענטן האַלטן זיי ניט אָן, און קיין צו גרויסן טומל מאַכן זיי אויך ניט, — נאָר מאַלע וואָס! מען מוז דען געבוירן ווערן אַ געשעפטסמאַן צו זיין אַ געשעפטסמאַן? אָט, לויבן דאָך אַלע בעני׳ן ביז די הימלען. זיי זאָגן, אַז ער איז גאָר אַן אויסנאָם, ער ווייסט ווי אָנצוגיין...

— מיסטער גאַרב, איר זייט אַ וואונדערבאַרער געשעפטסמאַן, — האָבן מענטשן געזאָגט צו בעני׳ן. בעני האָט געשמייכלט און באַמערקט:

— איך בין אַן אמת׳ער מענטש!

בעני איז איצט זיכער געווען, אַז ער פאַרמאָגט גרויסע פייאיגקייטן. ס׳איז אַ נס געווען, וואָס ער איז געקומען קיין אַמעריקע און איז בכוח אַנט־דעקן זיינע פייאיגקייטן אַרויסצואווייזן. וואָס, למשל, וואָלט פון אים אין דער אַלטער היים געוואָרן?

יאָ, אַנטקעגן וואָס האָט בעני אַזוי געטראַכט? אַנטקעגן דעם, וואָס

איינמאָל איז אים איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק: אַ שטייגער, ווי אַזוי מאַכט ער די אַרבעט? עמיצער גיט דאָס אים. ער נייט דאָס אויף און רעכנט יענעם אַ געוויסן פּרייז פאַר דער אַרבעט. יענער פאַרקויפט עס און נעמט אַ פּרייז אַ סך אַ העכערע, וויפיל עס קאָסט אים, — יענער מאַכט גרויסע פאַרדינסטן. פון וואַנען נעמט יענער די פאַרדינסטן? פון דעם, וואָס ער רעכנט טייערער, ווי עס קאָסט אים אַליין די סחורה און דאָס אַרבעטס־געלט.

— טאָ פאַרוואָס זאָל דאָס אַזוי זיין? מיר קאָנען דאָך אַליין קויפן די סחורה, אויפניייען און פאַרקויפן די גרייטע קליידער צו די קרעמער דירעקט. — ניט קיין געניאַלער איינפאַל? זאָגט אַליין!

בעני איז אויפגעשפּרונגען פון געלעגער און אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן חדר. בערטאַ איז געשלאָפן זייער געשמאַק, און בעני האָט זי גע־זשאַלעוועט וועקן. פונדעסטוועגן האָט ער אַזוי לאַנג אַרומגעשפּאַנט איבערן חדר, און נאָכדעם געצויגן די קאָלדרע דאָ אַראָפּ און דאָ אַרויף, ביז בערטאַ האָט זיך אויפן געלעגער אַ דריי געטאָן.

בעני האָט געפרעגט:

— בערטאַ, דו שלאָפסט?

— וואָס דו יו וואָנט? — האָט בערטאַ שלעפעריג געפרעגט.

בעני האָט איר דערציילט זיין פּלאַן. בערטאַ איז טאַקע באַגייסטערט געוואָרן: „שור, יו קען מעיק מאָני!“

אויף מאָרגן האָט בעני איבערגעגעבן זיין פּלאַן צום טאַטן און צו די ברידער. אַלע האָבן געקוקט מיט דרך־ארץ אויף אים. דער קלענסטער ברודער האָט זיך אָפּגערופן:

— דו ווייסט, בעני, דו ביסט שטענדיג געווען „אָלראַיט“, אַפילו דעמאָלט, ווען מען האָט דיך אין קייטן געפירט...

בעני האָט אויף אים אַ בייזן קוק געטאָן און זיך באַלד אָפּגעדרייט:

— אַ געניאַלער פּלאַן, אויף מיין וואָרט!

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אין שאַפּ נאָך מערער אָנגעהויבן צו הודיען. בעני האָט שוין מער קיין צייט ניט געהאַט פאַר שמועסן מיט די אַרבעטער. ער איז אַרומגעלאָפן צו פאַרשיידענע פירמעס, געשמועסט מיט קרעמער פון מענער־קליידער, און איז געקומען צוריק אַ באַגייסטערטער:

— ס׳עט גיין!...

לעבן שאַפּ האָבן זיך אַלעמאָל אַנדערע אויטאָמאָבילן אָפּגעשטעלט.

אַגוענטן האָבן די טירן אָפּגעשלאָגן: אפשר דאַרפט איר די וואַרע? אפשר יענע? נישקשה, „סידני גאַרב ענד סאַנס” זיינען גוטע בטוחים!... אַי, זיינען זיי גוטע בטוחים!...

— הערסט, טאַטע, — האָט זיך בעני איינמאָל אָפּגערופן צו שראָליען, — אפשר וואָלסטו שוין גאָר אַנידערגעלייגט די אַרבעט? ס'פּאַסט ניט! און סיי־ווי ביסטו שוין ניט קיין אינגעלע. דו קענסט זיך שוין פּאַרגינען אַרומגיין אין שאַפּ און בעסער געבן אַכטונג, אַז אַלץ זאָל צוגיין אין אָרדענונג.

— וואָס מיינסטו? — האָט שראָליע געפּרואווט ניט איינשטימען, — ניין, כ'קאָן דאָס ניט! כ'מוז אַרבעטן!

אין האַרצן האָט אָבער שראָליע זיך געפרייט: זע, ס'אַראַ קינדער איך האָב! אַהאַ, די משפּחה פון עלף!...

5. זע נאָר, זע!

אין איין פרימאָרגן, ווען שראָליע האָט אויפגעעפנט די טיר פון שאַפּ, איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער:

— האַ? ר' מנחם?!

— יאָ, ר' שראָליע, — האָט מנחם שטיל געענטפערט, — דאָס איז טאַקע מנחם. שלום־עליכם!

מנחם האָט באַקוקט דעם שאַפּ און גערעדט צו שראָליע'ן:

— אַך, גאָט האָט אייך געהאָלפן, ר' שראָליע.

שראָליע האָט באַטראַכט מנחמ'ען פון קאָפּ ביז די פיס:

— זע נאָר, זע, אַזאַ קורץ בערדעלע, אינגאַנצן אַן אַנדערער...

— און איר זייט אויך אַן אַנדערער געוואָרן, — האָט מנחם געשמייכלט, — אַ איד מיט אַ צעקאָמטער באָרד, אינגאַנצן אַן אַנדערער...

מנחם איז געקומען זוכן אַ פרעסער־דזשאָב לויט אַן אַנאָנס אין די צייטונגען. ער האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז שראָליע'ס שאַפּ, כאָטש ער האָט שוין געהערט וועגן זיין גרויסן דערפאָלג אין געשעפטן. איצט זעט ער טאַקע, ווי גרויס זיי זיינען אויסגעוואַקסן. — יאָ, וואָס מאַכן זיי אַלע?

מנחם האָט זיך אַנידערגעזעצט וואַרטן אויף בעני'ן, שראָליע'ס זון. שראָליע האָט אים געזאָגט, אַז בעני איז דער גאַנצער מאַכער. שראָליע

איז אַרומגעגאַנגען איבערן שאַפּ און געקוקט אויף די אַרבעטער, איז אַריין און אַרויס פון אָפיס, איז אַלע ווײַלע פאַרבײַגעגאַנגען לעבן מנחמ׳ען און באַמערקט:

— בעני וועט באַלד אָנקומען.

ווען בעני איז אַריין אין שאַפּ, איז ער פאַרבײַגעלאָפן מנחמ׳ען און אים ניט באַמערקט. עס זײַנען אים נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר יונגעלײַט און מיט אים עפּעס אײַנגעטענה׳ט. מנחם האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו באַגריסן אים, און ווען בעני האָט אויף דער באַגריסונג ניט געענטפערט, האָט מנחם באַלד אַ צווייטן מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, כדי קיינער זאָל ניט טראַכטן, אַז מיטן ערשטן שאָקל האָט ער זיך געגריסט...

מנחם האָט געבעטן שראָליע׳ן אַרויסרופן בעני׳ן, ווײַל ער, מנחם, קאָן דאָ אַ גאַנצן טאָג ניט וואַרטן.

— יאָ, אַוודאי, — האָט שראָליע געענטפערט, און איז אַריין אין אָפיס.

בעני האָט זיך מיט מנחמ׳ען אַרומגעכאַפּט. ער האָט צו אים גערעדט וועגן דער יוניאָן, וועגן פּרויקע׳ן, וועגן זײַנע געשעפטן... מנחם האָט זייער ווייניק געענטפערט.

בעני האָט אויך צו מנחמ׳ען גערעדט וועגן דעם „דזשאָב". עס טוט אים זייער באַנג, נאָר ער, מנחם, איז געקומען אַ ביסל צו־שפּעט. דער אַנאָנס אין די צײַטונגען איז אַריין אויף צוויי טעג, און נאָך נעכטן, אינעם ערשטן טאָג, האָט ער שוין געקראָגן אַרבעטער. פונדעסטוועגן, זאָל ער זיך אַרײַנכאַפּן קומענדיגע וואָך. ער וועט זיך אַ סטאַרע טאָן.

— אָלראַיט! — האָט מנחם געענטפערט, און גענומען אַוועקגיין.

בעני האָט אים נאָכגעקוקט. עמיצער האָט אים אָבער באַלד אַוועקגערופן. שראָליע איז נאָכגעגאַנגען מנחמ׳ען און געפרעגט:

— נו, ר׳ מנחם, ווי געפעלט אײַך עפּעס אונזער שאַפּ?...

קאַפּיטל פינף: מלחמה

1. אַרבעטער דאַרפן מאַכן אַ שיין לעבן...

— הור־האַ! הור־הו!

— מלחמה!

גרויסע קעפּ אין די ציַיטונגען. טומלען אויף די גאַסן. מענטשן קלייבן זיך אין גרופּעס. מען שלינגט די נייעס, מען דערציילט: אַ מלחמה קומט. גאַנץ אייראָפּע איז פאַרמישט. ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד. זייער שונא איז — דייטשלאַנד.

אַ מלחמה איז אַ מורא׳דיגער ענין, באַזונדערס נאָך ווען אַזויפיל מלוכות זיינען פאַרמישט. טאָ וואָס וועט דאָ זיין? מענטשן האָבן געהאָפט, אַז מסתמא וועט זיך דאָס באַלד ענדיגן...

די בירזשע האָט דערווייל געפיבערט. ביז וואָס ווען — וואָס דאַרף מען וואַרטן? אויב שוין יאָ אַ מלחמה און די וועלט ווערט אויפגעטרייסלט, און פאַבריקן שטעלן זיך אָפּ — וועט דאָך סחורה שטייגן. אגב, מען וועט זיך אין דער סחורה טאַקע זייער שטאַרק נויטיגן...

ווי אַזוי בעני האָט דאָס אַלץ ריכטיג אויסגערעכנט, איז, ווידעראַמאָל, שווער צו פאַרשטיין. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ פּשוט׳ער מענטש, זאָל זיין אַפילו אַ גוטער געשעפטסמאַן, — טאָ פון וואַנען, כ׳בעט אייך, האָט ער געוואוסט, אַז:

— עד, מיר וועלן ווערן גבירים.

געזאָגט האָט ער דאָס באַלד אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה. שוין דעמאָלט האָט ער זיך געהאַלטן אין איין עצה׳נען מיט זיין טאַטן און ברידער. די פאַבריקאַנטן האָבן דאָך דערווייל קיין סחורה ניט געזשאַלעװעט. מען האָט אים אָנגעוואָרפן אַ פולן שאַפּ מיט סחורה, און ער האָט נאָך געדאַרפט דינגען נאָך פּלאַץ פאַר דער סחורה, ווייל „סידני גאַרב ענד סאָנס" זיינען דאָך גוטע בטוחים... איצט האָט בעני געזאָגט צו זיין משפּחה, אַז ס׳לוינט זיך גאָרניט אַרבעטן, ווייל די סחורה וועט שטייגן און שטייגן...

יאָרן פון „פּראָספּעריטי" זיינען געקומען. די אויפגעגייטע סחורה ביי „סידני גאַרב ענד סאָנס" איז שטאַרק געשטיגן. צו די פאַבריקאַנטן האָט

די פירמע געצאָלט די חובות לויט די אַלטע פּרייזן. איז די פירמע טאַקע געוואַקסן, גאַר גרויס געוואַקסן...

און פאַרוואָס טאַקע ניט? זיי זיינען דאָך ניט די איינציגע, וואָס זיינען רייך געוואָרן. פרעגט בעני׳ן, וועט ער אייך אויסרעכענען לאַנגע צעטלען פון מענטשן, וואָס זיינען רייך געוואָרן. נו, איז וואָס? זאָלן זיי נעמען און אַרויסוואַרפן דאָס געלט אין דרויסן? פאַרקערט, די פירמע „סידני גאַרב ענד סאַנס״ וועט זיך נאָך מער פאַרגרעסערן, זי וועט צונעמען נאָך אַרבעטער, און נאָך אַ פּאָר צענדליג פאַמיליעס וועלן ביי זיי מאַכן אַ שיין לעבן...

אַז די אַרבעטער זיינען באַרעכטיגט צו מאַכן אַ שיין לעבן, — דאָס האָבן אַ סך איינגעזען... ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַ מאַנגל אין אַרבעטער, די יוניאָן האָט גענומען אַרויסשטעלן פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים, און די באַלעבאַטים האָבן זיך דוקא ניט שטאַרק גע׳עקשנ׳ט.

דער הויפּט טאָן־געבער אין דעם שניידער־פאַך איז געוואָרן אָט־דער בעני, דער פאַרטרעטער פון דער פירמע „סידני גאַרב ענד סאַנס״, און ער האָט דאָס טאַקע גע׳טענה׳ט וועגן דער נויטיגקייט נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון דער יוניאָן... ער האָט אָפן דערקלערט, אַז ער איז אַן אַרבעטער־פריינט.

און ווער קאָן דאָס דען אָפּלייקענען? ער האָט איצט אַ שאָפּ פון עטלעכע הונדערט מענטשן. ער האָט אַן אונטערגעשריבענעם קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן, און קריגט זיך קיינמאָל ניט מיט אירע פאַרטרעטער. פאַרקערט, אויב אַן אַרבעטער וויל נאָך אַ דאָלער — פאַרוואָס טאַקע ניט? נישקשה, אַז דער אַרבעטער זיצט אַ צופרידענער ביי דער אַרבעט — וועט ער דעם דאָלער אין אַלע צייטן אָפּמאַכן...

אין אַלגעמיין באַנעמט זיך בעני זייער גוט צו די אַרבעטער. אָט, אַפילו מנחמ׳ען האָט ער דאָך צו זיך אין שאָפּ אַריינגענומען, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס מנחם איז אַ געלינקטער, און וואָס מען האָט געדאַרפט „איינפיקסן״ אַ ספּעציעלן „סטענד״.

2. ניט אַזוי דאַרף זיך פירן די וועלט

טומלדיגע יאָרן פאַרטומלען זיך שנעל. מענטשן יאָגן זיך צו דער אַרבעט און כאַפּן אַ צייטונג אַריינצוקוקן: אַזויפיל און אַזויפיל טויזנטער

מענטשן דער׳הרג׳עט, אַזויפיל און אַזויפיל — פאַרוואונדעט... מען שלינגט דעם אָנבייסן: אַזויפיל און אַזויפיל שטעט און שטעטלעך זיינען חרוב געוואָרן, אַזויפיל און אַזויפיל היימלאָזע... מען כאַפּט די ברעקלעך נייעס. זיי צעשטיקלען זיך אין מוח, צעדריבלען זיך און פאַרבאַהאַלטן זיך אין פאַרשיידענע ווינקעלעך, — דערוויל שטופּט מען זיך און מען לויפט צו דער אַרבעט... און ביי דער אַרבעט — ווער האָט דאָס צייט? די אַרבעט מוז דאָך אַרויסגיין. באַלעבאַטים און פאָרלייט שטייען איבער דיר און וואַרטן אויף דעם...

אַפילו מנחם קאָן ביי דער אַרבעט ניט טראַכטן, כאָטש וועגן וואָס צו טראַכטן האָט ער זייער פיל: אָט, וואָס טוט זיך דאָרטן אין דער היים? יאָרן לויפן אַוועק. מען הערט ניט, מען זעט ניט. ווער ווייס וואָס מיט זיי איז געשען?! אַזויפיל מענטשן דער׳הרג׳עט, אַזויפיל צעקוילעט — ווער ווייס?!

ס׳איז נאָך אַ נס וואָס ער, מנחם, פאַרטוט זיך אין דער יוניאָן. פּרויקע האָט אים אין דער אַרבעט אַריינגעצויגן.

מנחם האָט פיינט די משפחה פון עלף מיט אַ שטאַרקער שנאה, נאָר ניט די משפחה פון עלף פון אַמאָל; ניט שראָליע׳ן דעם גאַרבער האָסט ער איצט. ניין, איצט האַסט ער „סידני גאַרב און זיינע זין״, אָט־די וואָס גייען אַרום אויסגעפּוצט אין שאָפּ, יאָגן די אַרבעטער און רעדן צו זיי מיט אַזאַ ליבלעכן שמייכל: זיי ווילן דען יאָגן די אַרבעטער? חס וחלילה! ניט מער: מ׳וואַרט דאָך אויף דער אַרבעט!...

דערפאַר וואָס פון שראָליע׳ן דעם גאַרבער מיט זיינע זין איז געוואָרן „סידני גאַרב ענד סאָנס״, און דערפאַר וואָס מנחם דאַרף שטיין לאַנגע שטונדן, פירן מיטן אייזן און זיך באַגיסן מיט שוויס — אָה, דערפאַר האָט זיך מנחם שוין „נוקם געווען״ אין גאָט: ניין, ניט אַזוי דאַרף זיך פירן די וועלט. גייט דערפאַר מנחם מערער אין דער יוניאָן ווי אין שול... האָט ער זיין בערדל נאָך קירצער אַרומגעשוירן... חבר׳ט ער זיך זייער שטאַרק מיט פּרויקע׳ן... אויפן פּנים לייגן זיך אָבער אַוועק טיף־איינגע־קאַרבטע קנייטשן, און מנחם קאָן אַפילו וועגן אָט־די אַלע זאַכן ניט טראַכטן, שטייענדיג ביי דער אַרבעט, ווייל:

— שיסט, שיסט, מ׳דאַרף די אַרבעט!...

דריטער טייל

קאַפּיטל איינס: איינמאָל אין אַ נאַכט

1. די וועסט עלטער ווערן — וועסטו וויסן

נאָך מנחמ׳ס אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, האָט נחמה׳קע אָנגעהויבן טראַכטן וועגן העלפן איר מוטער און די קלענערע קינדער. זי איז דערפאַר איינמאָל געקומען מיט אַ נייעס:

— מאַמע, איך וועל זיך אָנהויבן לערנען שניידעריי.

די מאַמע האָט געווישט די אויגן, געבעטן נחמה׳קען, אַז זי זאָל נאָך צוואַרטן: אפשר וועט דער טאַטע באַגליקט ווערן... אפשר וועט ער צושיקן געלט אויף זיך דורכלעבן...

דאָס געלט איז אָבער זייער זעלטן אָנגעקומען. אַפילו פאַר דעם לאַפּי־טוטניק׳ס דירה דאַרף מען דאָך אויך צאָלן דירה־געלט. קליינע קינדער דאַרפֿן עסן און האָבן אַ שוך אויף די פיס, און אַליין קאָן מען אויך די נשמה ניט אויסשפּייען, — האָט מרים געקוקט אויף איר טאָכטער, ווי זי גייט צו דער אַרבעט און קומט צוריק, און אין האַרצן איז זי שוין געווען צופרידן, וואָס גאָט האָט זי געבענטשט מיט אַזאַ גוט קינד...

נחמה׳קעס שכירות זיינען אָבער געווען זייער קליינע, — זי איז דאָך געווען ניט מער ווי אַ לערן־מיידל.

איז נחמה׳קע אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטע. ס׳איז אַפילו ניט געווען מיט וועמען זיך אַן עצה צו האַלטן, ווייל אַלע אירע אַמאָליגע נאָענט־באַקאַנטע זיינען זיך צעפאָרן.

נאָר איינמאָל איז נחמה׳קע געקומען אַהיים פריער ווי אַלעמאָל. איר פּנים איז געווען רויט און אירע אויגן האָבן מיט צאָרן געפינקלט. די מאַמע האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. נחמה׳קע האָט עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַנט איבערן צימער, נאָכדעם האָט זי זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ:

— מאַמע, איך וועל מער צו דער אַרבעט ניט גיין.

מרים האָט געשוויגן. איר פּנים איז געווען בלאַס און דערשראָקן. זי האָט שטום געקוקט אויף איר אויפגערעגטער נחמה׳קען.

נחמה׳קע האָט אַרומגענומען איר מוטער און מיט זיכערקייט אין טאָן געזאָגט:

— ניט געזאָרגט, מאַמע. די אַרבעט האָב איך זיך שוין אַ ביסל אויס־געלערנט. דעם שניט האָב איך שוין געכאַפּט. זיי ווילן מיך האַלטן וואָס לענגער פאַר קליינע שכירות; דערצו נאָך ווילן זיי זיך מיט מיר אַרומשאָפּן אויך...

— וואָס־זשע ווענלן מיר טאָן? — האָט מרים אַ דערשלאָגענע געפרעגט.

נחמה׳קע האָט גאָרנישט ניט געענטפערט און איז אַרויס פון הויז. שפּעטער איז זי צוריקגעקומען אַ פריילעכע: אירע אַ חבר׳טע האָט איר אויסגעליִען די ערשטע פאַר רובל און גע׳עצה׳ט צו קויפן אַ ניי־מאַשין אויף אויסצאָלן. נישקשה, זי, נחמה׳קע, וועט שוין איר שטעטל באַשטיין...

אַלע אין שטעטל האָבן זיך געוואונדערט: בלויז עטלעכע וואָכן זינט זי האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, און זע נאָר: שוין האָט זי געכאַפּט דעם שניט און ווייסט ווי אָנצוגיין. זי נייט דאָך גאָר ווי אַן אַלטע האַנט.

נחמה׳קע האָט געאַרבעט געשווינד. זי האָט געדרייט דאָס רעדל און בעת־מעשה צוגעזונגען אַ לידל. יעדעס שטיקל אַרבעט, וואָס איז פאַרטיג געוואָרן פון מאַשין, האָט איר אַ שטיק געזונט צוגעגעבן:

— זע נאָר, מאַמע, זע!

אין שטעטל האָט מען וועגן דעם אַזוי גערעדט: אַך, וואָס גאָט קאָן מאַכן! זע נאָר וואָס פון מנחם דעם קלייטניק׳ס משפחה איז געוואָרן, — ווייַ, וויי!

איז שווער צו זאָגן, צי דאָס איז געווען פון רחמנות וועגן אָדער גלאַט פון טשיקאַוועקייט וועגן, וואָס די קרעמער האָבן אָנגעהויבן געבן אַרבעט צו נחמה׳קען, און ווען די אַרבעט איז טאַקע אַרויסגעקומען גוט — טאָ פאַרוואָס ניט?

מרים האָט זיך צוגעוואוינט אַרומצוגיין צווישן די קרעמער, וואָס האָבן פאַרקויפט פאַרטיגע קליידער פאַר די דאָרפישע פויערים און פויערטעס, נעמען די סחורה און נאָכדעם ברענגען צוריק די פאַרטיגע אַרבעט. נחמה׳קע האָט זיך צוגעוואוינט צו זיצן ביז שפּעט אין די נעכט און אַרבעטן, ווייל די קרעמער דאַרפן דאָך די אַרבעט — איינמאָל איז ערב אַ חגא, אַ יאַריד, אַ צווייטן מאָל — גלאַט אַ מאַרק־טאָג.

פון דעם לאַפּיטוטניק׳ס שטיבעלע האָט זיך מרים אַרויסגעקליבן. ווי

די זאַך זאָל ניט זיין, קאָן מען דאָך זיך ניט וואַלגערן אין אַזאַ העק — דאָרטן איבער דער קאַנאַווע...

אין שטעטל האָבן מענטשן ניט געקאָנט פאַרשטיין: וואָס איז דאָס דאָרטן געשען מיט דעם מנחמ׳ען? פאַרוואָס שיקט ער קיין געלט ניט? מען האָט גערעדט און זיך געשושקעט און פאַרשיידענע השערות אַרויס־געזאָגט.

מרים האָט וועגן די קלאַנגען געוואוסט. זי וואָלט שוין אפשר גרייט געווען דאָס צו גלויבן אויף איר מאַן, ווייל אָט־די אַמעריקע, — ס׳איז דאָך אַן אַפּיקורסיש לאַנד. נחמה׳קע, אָבער, רעדט גאָר אַנדערע ווערטער וועגן איר טאַטן. זיינע בריוו לייענט זי ווי אַ גוטן בוך. אַי, וואָס ער שיקט ווייניג געלט, — נו, דעם אַרבעטער איז אין ערגעץ ניט גוט.

אָט, ווען מרים מיט די קינדער וואָלטן געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע, וואָלט מנחם זיך דאָך אַ סטאַרע געטאָן. וואָס איז ער שולדיג, אַז דאָס ווייב האָט שלעכטע אויגן?

אַזוי גייען אַוועק יאָרן. די קינדער ווערן גרעסער. אָט איז שוין דאָס קלענסטע קינד געוואָרן אַ חדר־אינגל.

נחמה׳קע איז זייער איבערגעגעבן צו איר שוועסטער און ברודער. זי האַלט, אַז זיי וועלן שוין אויסוואַקסן נייע מענטשן... זי וועט זען, אַז זיי זאָלן קריגן אַ ריכטיגע דערציאונג...

דערפאַר טאַקע האָט מרים אַוועקגעפירט איר זונעלע אין חדר צו איינעם פון די בעסטע מלמדים אין שטעטל. זי האָט געבעטן, אַז מען זאָל אויף אים גוט אַכטונג געבן, ווייל ער איז דאָך דאָס מוזיניקל, דאָס אויג אין קאָפּ...

אין די שבתים אָדער יום־טוב־טעג, ווען נחמה׳קע פלעגט אַוועקגיין פון הויז, האָט מרים גערעדט צו איר זונעלע און געגלעט אים איבערן קעפּל: וויסן זאָלסטו, מיין קינד, אַז אַ שטאַרקער גאָט איז פאַראַן, — אָט־דער גאָט האָט פיל נסים געטאָן צום פאָלק ישראל... ער באַשטראָפט די זינדיגע און באַלוינט די פרומע...

איז דאָך קיין וואונדער ניט, וואָס לייבעלע איז געוואַקסן אַ פרום קינד. ער האָט געטראָגן לאַנגע פּאות און שטאַרק געהאַלטן פון זיין יחוס.

פונדעסטוועגן האָט דאָס קינד ניט אינגאַנצן געקאָנט פאַרשטיין די מעשים פון גאָט, ווייל וועדליג די מאַמע דערציילט, איז דאָך זיין טאַטע

זייער אַ פרומער איד, — טאָ פאַרוואָס האָט ער זיך אַזויפיל אַנגעליטן? און פאַרוואָס דאַרף זיין גוטע שוועסטער נחמה׳קע האָרעווען אַזוי שווער?

מרים ענטפערט לייבעלען אויף אָט־די פראַגן:

— מ׳טאָר ביי גאָט קיין קשיות ניט פרעגן, זונעלע...

און זיין שוועסטער, נחמה׳קע, ענטפערט:

— דו וועסט עלטער ווערן — וועסטו וויסן...

2. קיינער האָט ניט געוואָלט טראַכטן

קינדער פלעגן לייבעלע׳ן מקנא זיין: ער איז שטענדיג אַ „יוצא מן הכלל". די מלמדים, וועלכע האָבן גאַנץ אָפט געקנייפּט זייערע תלמידים, האָבן דאָס צו לייבעלע׳ן ניט געטאָן. דערצו קומט נחמה׳קע, זיין שוועסטער, יעדן אָוונט אים אָפּנעמען אַהיים. קינדער קלייבן זיך צונויף, גייען מיט די לאַמטערנס אין די הענט און זינגען, — דאַכט זיך, אַז אַלץ איז ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. נאָר אָט טוט עמיצער אַ געשריי. עס ווערט אַ געלאַף. יעדער איז שוין אין אַן אַנדער ווינקל. לייבעלע אָבער שרעקט זיך ניט, ווייל זיין שוועסטער פירט אים ביי אַ הענטל...

און ניט נאָר צוליב דעם זיינען די קינדערלעך אים מקנא געווען. ס׳זיינען געווען נאָך אַ סך אַנדערע אורזאַכן אים מקנא צו זיין: ער גייט שטענדיג שענער אָנגעטאָן פון די אַנדערע קינדער; דער רבי דאַרף אים אויך ניט מאָנען קיין שכר־לימוד, ווייל די מאַמע זיינע טראָגט דעם שכר־לימוד, ווי זי זאָגט, אין די „בלייענע פענסטער" און נאָך דערצו אין „זילבערנע רובלען"...

לייבעלע וויל ניט, אַז די קינדער זאָלן אים מקנא זיין, ווייל צוליב דעם האָבן זיי אים אויך פיינט, און גאַנץ אָפט גיבן זיי אים עטלעכע בוכצעס, פון וועלכע ער פאַרגייט זיך אין אַ געוויין...

ס׳שטעטל האָט זיך גע׳חידושט, וואָס מרים פירט אַזוי שיין איר מוזיניקל. מאַמעס האָבן זיך געוואונטשן צו האָבן אַזעלכע קינדער, ווי נחמה׳קע איז: אַ קינד — אַליין מיט דער אייגענער פּראַצע האַלט זי אויס אַ משפחה!

קיינער האָט ניט אַ טראַכט געטאָן, ווי אַזוי עס פילט דאָס יונגע מיידל, נחמה׳קע, וואָס זיצט גאַנצע טעג און נעכט און שטעפּט. קיינער האָט אַפילו

ניט געוואָלט וויסן וועגן דעם, וואָס דער באַלעבאָס פון דער דירה שיקט אַלע ווײַלע אַריין זיין ווייב, און יענע שטעלט זיך אַנידער ביי דער טיר און פרעגט זייער שטיל:

— הערט, וואָס קלאַפּט דאָס אַזוי ביי אייך אַ גאַנצע נאַכט? מ׳קאָן דאָך גאָרניט שלאָפן.

נחמה׳קע פאַרבייסט מיט די ליפּן און ענטפערט ניט. מרים גייט צו הכנעה׳דיג צו דער באַלעבאָסטע, און זאָגט:

— נו, וואָס קאָן מען זיך העלפן, אַז ס׳איז ערב חגא?!...

אַז דעם באַלעבאָס׳ ווייב איז אָבער אַזוי שוואַך, אַז זי קאָן ניט פאַר־נעמען דעם געקלאַפּ פון אַ ניי־מאַשין ערגעץ איבער צוויי ווענט — איז דאָך ניט שייך. צוליב וואָס דאַרף מען טאַקע האַלטן אין דער דירה מענטשן, וואָס לאָזן ביינאַכט ניט שלאָפן? אַרויסוואַרפן אָבער קאָן מען דאָך ניט אַזוי עפּעס, ניט מיר, ניט דיר — טוט מען אָן צו־להכעיס׳ן: לאָזט מען קיין וואַסער אין הויף ניט גיסן, פאַרשליסט מען דעם שטאַל און מען לאָזט קיין האָלץ ניט אַפּוואַרפן...

וויינט מרים אין דער שטיל.

אין די פרייטאָג־צו־נאַכט׳ן פאַרגינט מען זיך לייגן שלאָפן פרי, ליגן אין די בעטן און רעדן צווישן זיך. איידער מען לייגט זיך שלאָפן, פאַרגינט מען זיך אויך צו ליסטשען אַ ביסל יאַדערן. אויף אָט־די יאַדערן גיט מרים אויס דריי קאָפּיקעס יעדן פרייטאָג.

ליגנדיג אין די בעטן, רעדט מען זיך אַדורך וועגן די אַלע יסורים, וואָס מען דאַרף אויסשטיין. ס׳איז טאַקע אמת, אַז ס׳איז זיי ניט שלעכט, ווייל ווּעדליג ווי מנחם שיקט זיך איבער מיט געלט — טאָ וואָס וואָלטן זיי געטאָן? אַי, מען מוז האַרעווען, נו — צו דעם איז מען דאָך שוין געוואוינט. אָט, ווען מען וואָלט געקאָנט אוועקשטעלן אָן אייגן שטיבעלע דאָרטן אויפן ליידיגן פּלאַץ, כאָטש אַ קיך מיט אַן אויוון, אַבי ניט ליידן פון די באַלעבאַטים, — ווי גוט ס׳וואָלט געווען!

נאָר וואו נעמט מען געלט?

איז איינמאָל, אַזוי אין די בעטן ליגנדיג, אַ געדאַנק איינגעפאַלן: ווען מען וואָלט געקאָנט אָפּשפּאָרן גראָשן צו גראָשן...

און דאָס קלענערע מיידל, עטל, האָט זיך אָפּגערופן:

— לאָמיר אויפהערן קויפן די יאָדערן יעדן פרייטאָג. מיר וואָלטן דאָך געקאָנט אויפזאַמלען אַזויפיל דרייער קאָפּיקעס.

— פאַר דריי קאָפּיקעס קאָן מען קויפן אַ קייטעלע.

— יאָ, אַ קייטעלע!

אַזוי האָט מען זיך יעדן פרייטאָג נאָכט געקליבן ניט צו קויפן קיין יאָדערן דעם קומענדיגן פרייטאָג, נאָר דעם קומענדיגן פרייטאָג האָט מען ווידער געשיילט יאָדערן און גערעדט וועגן אָפּשפּאָרן עפּעס אויף בויען אַ קליין שטיבעלע — כאָטש אַ קיך מיט אַן אויוון...

ווען עס האָט שוין זייער שטאַרק דערלאַנגט צום האַרצן די שלעכטע באַהאַנדלונג פון דעם באַלעבאָס פון דער דירה, איז מרים אַוועקגעגאַנגען צו אַ פּאָר באַקאַנטע און האָט זיך פאַר זיי גוט אויסגעוויינט. האָבן זי די באַקאַנטע געטרייסט און גע׳עצה׳ט: הויבט אָקאָרשט אָן...

מרים איז געקומען אַהיים און האָט דאָס דערציילט נחמה׳קען. יענע האָט געשוויגן און ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס קאָן געמאָלט זיין. נאָר איינמאָל, דערהאַלטנדיג אַ גאַנצן פינף־און־צוואַנציגער פון מנחמ׳ען, האָבן זיי באַשלאָסן: לאָמיר אָנהויבן...

דער מלמד האָט צוגעזאָגט וואַרטן מיטן שכר־לימוד, און האָט נאָך דערצו געליען מרימ׳ען עטלעכע רובל. מרים האָט אין נאָך עטלעכע ערטער געליען אַ ביסל געלט: נישקשה, אַ פּרוי, וואָס קאָן דערנערן אַ פאַמיליע און זיך נאָך אונטערנעמען בויען אַ הויז, — אַזאַ פרוי קאָן מען געטרויען, ובפרט נאָך, אַז דאָס הויז איז דאָך שטענדיג: הויז...

האָבן טעסליאַרעס זיך אַוועקגעשטעלט און אָנגעהויבן טעסען דאָס אָפּ־געוואָרפענע געהילץ. מענטשן האָבן געקוקט און געקנייטשט מיט די פּלייצעס. לייבעלע איז אַרומגעשפּרונגען איבערן געהילץ און האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט אַוועקצוגיין אין חדר. מרים איז אַרומגעגאַנגען און געווישט די אויגן: הלוואי וואָלט מנחם כאָטש אין דער היים געווען!...

און נחמה׳קע איז געווען צופרידן, וואָס איינמאָל אין אַ נאָכט איז אַזוי באַשלאָסן געוואָרן. וועט זי שוין, הייסט עס, קאָנען אַרבעטן און פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן, און אין די שבתים און יום־טובים וועט זי קאָנען ברענגען אירע חבר׳טעס און שטיפן, לאַכן און טאַנצן וויפיל זייער האַרץ גלוסט — קיין באַלעבאָס וועט שוין מער ניט זיין...

3. אין דער גרויסער שטאָט

מאַמע און שוועסטער וואָלטן אפשר גאָרניט באַמערקט, אַז לייבעלע איז מער ניט קיין קינד, ווען ער וואָלט אין איין טאָג צו זיי ניט אַ זאָג געטאָן:

— איך וויל פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט זיך לערנען.

די מאַמע האָט אין אָנהויב געלאַכט מיט אַן איינגעהאַלטענעם געלעכטער. נחמה׳קע האָט אָפּגעשטעלט דאָס געניי און געקוקט אויף איר ברודערל מיט אַ שמייכל:

— וואוהין וועסטו פאָרן?

— איך וועל פאָרן וואוהין אַלע פאָרן, — האָט לייבעלע געענטפערט.

דעמאָלט האָט זיך נחמה׳קע פאַרטראַכט. איצט האָט זי ערשט איינגעזען, אַז איר ברודערל איז שוין מער ניט קיין ברעקל קינד, און אַז זי, נחמה׳קע, איז שוין ניט מער קיין זיבעצן־יאָריק מיידל...

ס׳איז שווער געווען זיך רעכט צו מאַכן אים אָפּצולאָזן פון זייערע אויגן. ווען יענער האָט זיך אָבער פאַרט איינגעשפּאַרט, איז געבליבן, אַז נחמה׳קע וועט לייבעלען אַוועקפירן אין דער גרויסער שטאָט, וואו דער שוועסטער־קינד וועלוול וואוינט: — דאָרטן וועט מען כאָטש אויף אים אַכטונג געבן.

אינדערהיים איז געוואָרן פוסט און אומעטיג: ניטאָ לייבעלע! דערפאַר אָבער שרייבט ער זייער גוטע בריוו. ער איז זייער צופרידן מיטן לערנען.

אַי, וואָס ער דאַרף דאָרטן עסן ביי פרעמדע, זוכן „טעג״, — נו, מילא, וואָס קאָן מען זיך העלפן, אַז די עלטערן זיינען אָרים און קענען ניט אויסהאַלטן אַ קינד אין דער פרעמד...

פון וואַנען האָבן זיך גענומען צו לייבעלען אַזעלכע געדאַנקען? נחמה׳קע האָט זיך וועגן דעם שטאַרק געוואונדערט. אָפט האָבן זיינע בריוולעך איר דערמאָנט אָן אַמאָליגע יאָרן. דעמאָלט פלעגט זיך די מאַשין פלוצלונג אָפּשטעלן, און נחמה׳קע פלעגט זיך פאַרטראַכטן: וואו זיינען זיי אַלע? וואו איז דאָס דער וואוילער פּרויקע? איר טאַטע האָט אים אַפילו איינמאָל דערמאָנט אין אַ בריוו... און בעני? וואו איז ער, אָט־דער פּשוט׳ער בחור? — ניטאָ. אַלע צעפאָרן! און זי, נחמה׳קע, זיצט ביי דער מאַשין און נייט און נייט! און לייבעלע איז שוין אַ גרויס אינגל געוואָרן און שרייבט שיינע בריוולעך אַהיים...

די ערשטע טעג האָט לייבעלע זיך געפילט אין דער גרויסער שטאָט דערשלאָגן און איבערגעשראָקן. איבערהויפּט ווען ער האָט באַדאַרפט גיין פון הויז צו הויז זוכן „טעג", האָט ער זיך שוין בעסער געוואונטשן אין דער היים צו זיין. שפּעטער אָבער, ווען ער האָט זיך דערפילט אין תלמוד־תורה צווישן אַ חברה אינגלעך לעבעדיגע און לוסטיגע; ווען ער האָט מיט אַלעמען צוגלייך באַדאַרפט לויפן אין די לערן־צימערן אויפן קלאַנג פון אַ גלעקל, — האָט ער עפּעס דערשפּירט אַ בייקייט אין זיין לעבן...

היינט ביי זיינע שוועסטער־קינדער אין הויז, — דאָרטן איז דאָך אַזוי פריילעך! זיי זיינען טאַקע קבצנים, אָבער פריילעכע קבצנים. אָט־דער נתן איז שוין, דאַכט זיך, ניט קיין אינגעלע, ער איז ערשט ניט לאַנג צוריק געקומען פון סיביר, וואוהין ער איז געווען פאַרשיקט, — און זע נאָר, וואָס פאַר אַ גוט־ברודער ער איז מיט אַלע אינגערע. זיינע מעשיות פון סיביר זיינען זייער פאַרכאַפּנדיג.

זיינע שוועסטער־קינדער, די דריי עלטסטע בחורים, פלעגן שלאָפן אין קאָרידאָר אויף דער פּאָדלאָגע. לייבעלע האָט זיך אויך צוגעשאַרט צו זיי און איז צוזאַמען מיט זיי געשלאָפן. ער האָט זייער שטאַרק הנאה געהאָט פון דעם, וואָס ביינאַכט, ווען די שוועסטער־קינדער פלעגן ערגעץ אַוועק־גיין אויף קומען צוריק שפּעט ביינאַכט, און האָבן ניט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל הערן ווען זיי קומען אַהיים, — האָבן זיי צוגעבונדן איין עק שטריקל צו לייבעלע'ס האַנט, און דעם צווייטן עק צו דער קליאַמקע פון טיר, און ווי נאָר זיי פלעגן אַ ציי טאָן די טיר — אַזוי פלעגט ער אויפ־שפּרינגען און עפענען.

אָט־דאָס, זעט איר, איז שוין טאַקע געווען אַ העלדישקייט, ווייל וואָס טוט מען, אַ שטייגער, אַז אַ גנב טוט אַ ציי די טיר?...

נו, און וויפיל, אַ שטייגער, איז ביי לייבעלען ווערט געווען דאָס שטיפן מיט גאַנצע גרופּעס אינגלעך, שפּילן אין פאַרשיידענע שפּילערייען, קריכן אויף די דעכער אַפּצולאָזן באַלונען און קוקן ווי די באַלונען שווימען אין דער הויך, און טאַקע קאָנען, אין אַלע צייטן, אָנהויבן פאַרוויקלען דעם פאָדעם צוריק אויף דעם קלעצעלע, און, אַהאַ! — דער באַלון איז דאָ!...

אויף די ימים־טובים פלעגט לייבעלע פאָרן אַהיים. פון דער גרויסער שטאָט איז ער שוין געקומען ווי אַ גאַנצער גימנאַזיסט מיט אַ גלאַנציגן דאַשעק און אַ קוטאַס אַרום בלוזע.

נחמה׳קע האָט געהאַלטן זייער אַ סך פון איר ברודערל. עס איז איר געפעלן געוואָרן זיין אומאָפּהענגיגקייט, זיין אָוועקפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט. זי איז מיט אים אַ פּאָר מאָל געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און גערעדט וועגן אַ סך, אַ סך זאַכן. לייבעלע האָט אויסגעזען בעת־מעשה זייער ערנסט, און גערעדט האָט ער ווי אַן אמת׳ער בר־דעת. נחמה׳קע האָט דערפילט אַ גאָר טיפע נאָענטקייט צו איר ברודערל. זי האָט אין אים דערזען די רעזולטאַטן פון איר האָרעוואַניע.

לייבעלע האָט נאָך אַט־די געשפּרעכן זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין טאַטן. אין אַט־דעם בריוו האָט ער אים דערציילט, אַז ער געפינט זיך אייניקער אַליין אין אַ גרויסער שטאָט, ווייל ער וויל זיך שטאַרק לערנען; ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער האָט אויף אים, אויף זיין טאַטן, גאָר קיין פאַראיבל ניט, ווייל ער פאַרשטייט זייער גוט, וואָס עס באַדייט צו זיין אַן אַרבעטער... פונדעסטוועגן: אפשר קאָן ער, זיין טאַטע, אים מיט עפּעס באַהילפיג זיין, ווייל זיך צו וואַלגערן ביי פרעמדע טישן איז גאָר קיין תכלית ניט...

ווען מרים האָט איבערגעלייענט דאָס בריוול, האָט זי לייבעלען אַרומגעכאַפּט און אים שטאַרק געקושט. זי איז זיכער געווען, אַז נאָך אַזאַ סאָרט בריוול וועט מנחם אירער זיכער קומען אַהיים...

קאַפּיטל צוויי: מען האָט אַ הונט דערשאָסן

1. קום, מיר׳ן פאָרן אַהיים!

מרים האָט קיין טעות ניט געמאַכט. ס׳בריוול פון לייבעלע׳ן צו זיין טאַטן, מנחמ׳ען, האָט טאַקע זייער שטאַרק געווירקט. מנחם האָט באַלד געענטפערט מיט אַ בריוו, אַז זיין גרויסער זון, לייבעלע, זאָל זיך ניט זאָרגן, אַז ער, זיין טאַטע, וועט מיט דער נאָז די ערד אַקערן און זען, אַז זיין זונעלע זאָל זיך קאָנען לערנען און קיין „טעג" ניט דאַרפן עסן...

מרים איז געפאָרן געוואָר ווערן צו לייבעלע׳ן. דאָס בריוול פון איר מאַן האָט איר געגעבן אַ סך האָפענונגען. זי האָט געוואָלט זען, וואָס עס קאָן געטאָן ווערן באַלד צו פאַרגרינגערן לייבעלע׳ס לעבן אין דער גרויסער שטאָט.

צוליב דעם איז מרים געגאַנגען מיט לייבעלע׳ן צו באַזוכן זייערע אַ לערער. אָט־דער לערער איז טאַקע געווען זייערער אַ קרוב. אין שטאָט האָט זיך נאָך מיט עטלעכע וואָכן צוריק פאַרשפּרייט אַ ידיעה: מלחמה. אַ שרעק איז געווען אויסגעשפּרייט אויף אַלעמענס פּנים׳ער. מענטשן זיינען געשטאַנען אין גרופּן און גערעדט.

ביי דעם לערער אין הויז האָט מען אויך גערעדט וועגן דער אָנ־קומענדיגער מלחמה. מרים האָט חשק געהאַט אַוועקצונעמען לייבעלע׳ן אַהיים. דער לערער האָט זי אָבער אָפּגעשלאָגן:

— דערווייל קאָן ער נאָך דאָ פאַרבלייבן...

פּלוצלונג האָט אין דרויסן אַ קראַך געטאָן. עמיצער האָט אויסגעשאָסן. אַלע האָבן זיך צו די פענצטער אַ וואָרף געטאָן. אַ הונט איז געלעגן אינמיטן גאַס אַן אויסגעצויגענער, אַ דערשאָסענער.

— דאָס האָט מען אַ הונט דערשאָסן,— האָט זיך דער לערער אָפּגערופן.

דאָס האָט אָבער קיינעם ניט באַרואיגט. אַלע זיינען געזעסן דער־שראָקענע. אויף אָט־דער גאַס האָט מען קיינמאָל קיין שאָס ניט געהערט, — אַפילו הינט האָט מען דאָ אויך קיינמאָל ניט געשאָסן...

— אַ סימן פון מלחמה! — האָט דעם לערער׳ס ווייב שטיל געזאָגט.

און ווען מרים מיט לייבעלע׳ן זיינען געגאַנגען צוריק פון דעם לערער צו זייער שוועסטער־קינד אַהיים, איז שוין געווען שווער דורכצוגיין די גאַס. איינס־צוויי, איינס־צוויי. ריי נאָך ריי האָבן סאָלדאַטן געמאַרשירט. ס׳האָט געשווינדלט אין די אויגן. מרים האָט געהאַלטן שטייף איר לייבעלע׳ן ביי דער האַנט. ווי נאָר אָט־די סאָלדאַטישע רייען האָבן זיך אויפגעהערט צו ציען, אַזוי האָט זי איר זונעלע געגעבן אַ שלעפּ ביי דער האַנט:

— קום, מיר׳ן פאָרן אַהיים!...

2. מען האָט אויסגעגראָבן אַ גרוב...

לייבעלע׳ן האָט זייער שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס די מלחמה איז אָנגעקומען. חוץ דעם, וואָס ער האָט באַדאַרפט אַוועקפאָרן פון דער גרויסער שטאָט און איבערהאַקן דאָס לערנען, האָט ער דאָך שוין אויך מער קיין בריוו פון זיין טאַטן ניט דערהאַלטן. געוויס טוט דאָרטן זיין טאַטן זייער שטאַרק וויי, וואָס ער קאָן מער צו זיין זון ניט שרייבן און קאָן אים אויך קיין געלט ניט שיקן, און אפשר וואָלט ער שוין גאָר געווען קומען אַהיים, — נו, קומט אָן אַ מלחמה.

לייבעלע׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז אין אַלץ איז שולדיג אָט־דאָס, וואָס מען האָט דעמאָלט, ווען זיי זיינען ביים לערער געווען, אַ הונט דערשאָסן...

מרים איז געווען גערעכט, וואָס זי האָט לייבעלע׳ן פון דער גרויסער שטאָט צוגענומען, ווייל אָט איצט הערט מען שוין פון דאָרטן גאָרניט. די דייטשן האָבן אָט־די שטאָט פאַרנומען.

אין די בתי־מדרשים פירן אידן מיט בערד פּאָליטיקע. אויף די דלאָניעס האָבן זיי געפירט ליניעס און פראָגנטן און באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז אָט־אָט און דער דייטש וועט שוין אויך פאַרנעמען זייער שטעטל.

האָבן די אידן מיט די בערד ניט געטראָפן. מען האָט דעם דייטש געגעבן אַ שטעל־אָפּ גראָד ניט ווייט פון אָט־דעם שטעטל — און ניט ווייטער. אין שטעטל הערט מען דאָס דונערן פון האַרמאַטן. ס׳שטעטל פיבערט פון שרעק. די פאַרמעגלעכע קויפן פערד־און־וועגענער, פּאַקן־איין זייערע פּעקלעך און זיינען גרייט צו אַנטלויפן. וואָס זאָלן אָבער טאָן די

אָרימע? און וואָס זאָל טאָן מרים מיט די קינדער? זיי קאָנען דאָך קיין פערד־און־וואָגן ניט קויפן...

ווען אין שטעטל האָט מען שוין פאַרבאָטן אָנצוצינדן די לאָמפּן אין די הייזער און אָנשטאָט דעם האָט דאָס פייער פון קוילן באַלויכטן ס׳שטעטל, האָט מען אויך ביי מרים׳ען אין הויז אָנגעהויבן עפּעס צו טאָן. נחמה׳קע האָט געגנייט לאַנטוכער פון לייוונטענע ליילעכער, שנעל געדרייט דאָס רעדל און פאַרטיג געמאַכט אַ זוים נאָך אַ זוים. מרים מיט די אַנדערע קינדער האָבן געפּאַקט די פּעקלעך בעטגעוואַנט און שטוביגע זאַכן און זיי געלייגט איינע אויף די אַנדערע.

— יאָ, זיך פונדעסטוועגן פאַר דער צייט אַ שטיקל ווירטשאַפט דער־לעבט. אַזוי זעט זיך דאָס גאַרניט אָן, נאָר ווען מען דאַרף דאָס צונויפ־פּאַקן, — ערשט דעמאָלט דערזעט מען, וואָס מ׳פאַרמאָגט... — אַזוי האָט מרים אַ זאָג געטאָן, ווען אַ סך פּעקלעך זיינען שוין געלעגן אָנגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע.

פּלוצלונג האָט זיך נחמה׳קע אַ וואַלגער געטאָן אויף די פּעקלעך מיט אַ געוויין:

— . . . אונזער האַרעוואַניע פון יאָרן... געזעסן טאָג און נאַכט און געגנייט אויף דער מאַשין — און איצט?...

מרים האָט נחמה׳קען געריסן פון די פּעקלעך און מיט אַ געמאַכטער שטאַרקייט איר פאַרגעוואָרפן:

— נחמה׳קע, דו?

נחמה׳קע האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעווישט די אויגן, געקוקט אויף אַלעמען און זיך ווידער צעוויינט:

— אונזער פּראַצע!...

נחמה׳קע מיט די אַנדערע קינדער האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב אין שטאַל. (קיין פרעמדן האָט מען אַזאַ זאַך ניט געקאָנט געטרויען). אין אָט־דעם גרוב האָט מען אַריינגעפּאַקט אַלע זאַכן, פאַרשאָטן, פאַרדעקט מיט מיסט, פאַרלייגט מיט האָלץ, — ווי גאַרניט געוועזן.

אין גריבער ווערן זאַכן צעפוילט, — טאָ ווער ווייס וואָס פון נחמה׳קעס פּראַצע וואָלט זיך געוועזן אָפּשטעלן, ווען מען וואָלט געמוזט פון שטעטל אַנטלויפן.

דאָס איז אָבער ניט נויטיג געווען, ווייל דער דייטש איז טאַקע ווייטער ניט געגאַנגען. צוביסלעך האָט זיך דאָס שטעטל אָנגעהויבן באַרואיגן. מען האָט ווידער אָנגעהויבן שלאָפן אין די נעכט און זיך אַפילו אויסטאָן צום שלאָפן גיין.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען דעם גרוב צוריק אויפגעגראָבן. די זאַכן זיינען געווען צונויפגעלייגט ווי פריער. מען האָט דאָס צעפּאַקעוועט און אַנידערגעלייגט יעדעס שטיקעלע אויפן געהעריגן פּלאַץ. נחמה׳קע האָט בעת־מעשה אונטערגעברומט אַ לידל, און מרים האָט געקאָכט עסן. לייבעלע איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב און האָט געטראַכט וועגן דער מלחמה, ווייל לייבעלע האָט זיך שוין אָנגעהערט זייער אַ סך...

אין שטעטל איז געוואָרן לעבעדיג. סאָלדאַטן קומען אָן מחנות׳ווייז. אויף אָט־די סאָלדאַטן איז פאַראַן וואָס צו באַטראַכטן; היינט די פערד און וועגענער, וואָס פירן די האַרמאַטן!

די סאָלדאַטן גייען אַרום גרופּעסווייז און מען באַזעצט זיי אין די הייזער — דעם דאָ, יענעם דאָרטן. לייבעלע האָט אָבער קיין זכיה ניט געהאַט, אַז ביי זיי זאָלן איינשטיין סאָלדאַטן, ווייל ס׳שטיבעלע איז געווען צו־קליין.

אין איין נאַכט האָבן ביי זיי אין שטיבעלע יאָ גענעכטיגט עטלעכע סאָלדאַטן. עס האָט אַזוי פּאַסירט: ס׳איז געווען אָוונט־צייט. אין דרויסן האָט זיך געטומלט. אין שטוב איז דאָס פייער געווען אויסגעלאָשן. עס האָט אַ סקריפּע געטאָן די פירטקע און באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר: „אָטקראָיטיע!" ס׳זיינען אַריינגעקומען פינף סאָלדאַטן, הויכע און געזונטע. זיי האָבן געטראָגן אויף זיך גרויסע פּעקלעך און זיינען געווען אָנגעטאָן אין שינעלן און קוטשמעס אויף די קעפּ.

אַ גאַנצע נאַכט איז מרים מיט די קינדער ניט געשלאָפן. אויף מאָרגן אינדערפרי זיינען די סאָלדאַטן אַוועק — און ניט מער.

דערפאַר זיינען געווען סאָלדאַטן אין דעם שכנ׳ישן הויז. לייבעלע איז געוואָרן אַ גאַנצער גוטער ברודער מיט זיי. ס׳האָט זיך אים אָפט גע־טראַכט, אַז ס׳איז ניט שלעכט צו זיין אַ סאָלדאַט און שטענדיג האָבן אַ ביקס לעבן זיך, נאָר אָט־די מלחמה — ווער האָט זי באַדאַרפט?...

נאָך אַ זאַך האָט לייבעלע׳ן שטאַרק געאַרט: די ידיעה, וואָס איז אָנ־געקומען, אַז חיים דעם טעסלער׳ס זון איז גע׳הרג׳עט געוואָרן אין דער

מלחמה, — אַזאַ שטילער און וואוילער בחור געווען...

ער וויסט אויך, אַז מענטשן ליגן אין די קעלערס און באַהאַלטן זיך אויס. די פּאָליציי גייט אַרום און זוכט און נישטערט, — ער האָט בפירוש געהערט, אַז בערקע דעם קאַלבאַסניק׳ס זון ליגט באַהאַלטן אין אַ גרוב, אַ פאַרדעקטער, — אַ מאָדנע וועלט!...

3. פּטייטש, נחמה׳קע?

אין שטעטל איז צוביסלעך איינגעשטילט געוואָרן. צו די סאָלדאַטן האָט זיך די באַפעלקערונג צוגעוואוינט. קראָמען האָבן זיך געעפנט און מען האָט געלייזט געלט. ערשט דעמאָלט האָט מרים זיך אָפּגערופן צו נחמה׳קען:

— נו, טאַכטער, וואָס וועט איצטער זיין? דאָס געניי גייט איצט ניט אָן. איצט זיינען די סאָלדאַטסקע זאַכן אין דער מאָדע, — וואָס זאָגסטו?

מאַמע און טאָכטער האָבן אַ סך געטראַכט. זיי האָבן אויף זייער גאַנצן פאַרמעגן געהאַט פערציג רובל. ווען אָט־די פערציג רובל וועלן אויס־געליסטשעט ווערן, — וואָס וועט מען דעמאָלט טאָן? דערפאַר האָבן זיי באַשלאָסן: מיר׳ן פּרוּווען מזל.

זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען אין אַ הורטאָווּנע געשעפט און האָבן אויס־געגעבן צוואַנציג רובל אויף פּאַפּיראָסן און אַנדערע קליייניגקייטן. זיי האָבן זיך איינגעבעטן ביי אַ נאָענט־באַקאַנטן קרעמער, אַז ער זאָל זיי פאַרדינגען אַ ווינקל אין זיין קראָם צו האַלטן אַזאַ סחורה, וואָס ער פאַרקויפט ניט. אין אָט־דעם ווינקל האָט זיך נחמה׳קע אין אַנהויב אַנידערגעשטעלט אַ פאַר־שעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. נאָר אָט קומט־צו איין סאָלדאַט און אַ צווייטער — זיי קויפן און גיבן צו פאַרדינען.

זיינען אַזוי עטלעכע וואָכן אַריבער. אין מאַרק שוויבלט און גריבלט. דער קרעמער, ביי וועמען מרים האָט געגומען דאָס שטיקל פּלאַץ, האָט זיך איינמאָל אָפּגערופן צו נחמה׳קען:

— הער נאָר, קיין מלאך בין איך דאָך ניט: אויב איצט איז די צייט צו מאַכן אַ פּ?ר גראָשן ביי אָט־די זאַכן — קאָן איך דאָך דאָס אויך טאָן...

נחמה׳קע האָט דאָס דערציילט מרים׳ען. מרים׳ען איז איינגעפאַלן, אַז נעבעך די אלמנה, וועמעס קרעמל עס שטייט פאַרמאַכט שוין פון אַ שטיק צייט, וועט זיכער וויליג זיין אָט־דאָס קרעמל צו פאַרדינגען.

מרים האָט געטראָפֿן. אפשר שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן וואָלט זי אָט־דאָס קרעמל שוין אויך ניט געווען געקראָגן, ווייל אין שטעטל איז געוואָרן אַזאַ געיעג נאָך קרעמלעך, אַז יעדעס שטיקעלע פּלאַץ, סיי אויפֿן מאַרק, סיי אויף די ראָגן פֿון אַנדערע גאַסן, איז פֿאַרנומען געוואָרן. איצט אָבער האָט זיך געכע די אלמנה באַנוגנט בלויז מיט אַ פּאָר רובל מערער אויפֿן חודש. מרים האָט מסכּים געווען, און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט שוין נחמה׳קע געפּוצט די פּאָליצעס פֿון דעם נייעם קרעמל.

ס׳איז אמת, אַז מיט וואָס די פּאָליצעס אָנצופֿילן איז ניט געווען. דערווייל אָבער איז אויפֿן האַרצן גרינגער געוואָרן, ווייל סאָלדאַטן גייען אַריין און אַרויס און מען לייזט פֿון זיי געלט, און אַז מען לייזט געלט, וועלן שוין די פּאָליצעס אָנגעפֿילט ווערן.

לייבעלע איז געווען צופֿרידן, וואָס זיין שוועסטער נחמה׳קע זיצט מער ניט ביי דער מאַשין איינגעבויגן. די צווייטע שוועסטער, עטל, איז שוין אויך אַ גאַנצע סוחר׳טע געוואָרן. לייבעלע לערנט זיך אין חדר און לערנט זיך רוסיש ביי אַ ספּעציעלן לערער. דאָס לערנען אָבער קאָן אים איצט ניט קריכן אין קאָפּ אַריין, ווייל ס׳איז דאָך אַזוי טומלדיג אין שטעטל: אַלעמאָל נייע סאָלדאַטן, אויף פֿערד און אָן פֿערד, מען טרובעט און מען שפּילט, — פֿאַרוואָס זאָל מען טאַקע אָט־די אַלע זאַכן ניט אָנקוקן? איז ניט איין מאָל גליטשט מען זיך אַוועק פֿון חדר, מען שטייט אויפֿן מאַרק און מען באַטראַכט...

נו, און האַנדלען ווילט זיך אויך. ס׳גאַנצע שטעטל האַנדלט דאָך. ברענגען אויך קינדער פֿאַרשיידענע זאַכן אין חדר אַריין צו פֿאַרקויפֿן צו די אַנדערע קינדער — טאָ ווי אַזוי קאָן מען איבזינען האָבן ס׳לערנען?

און עלטערן — ווער קאָן זיך דאָס אומקוקן אויף קינדער אין אַזאַ צייט? ווער קאָן דאָס אַפּילו באַמערקן, אַז קינדער וואַקסן און ווערן גרויס? עס טומלט זיך: — הו־האַ, הו־הו!

סוחרים פֿאַרקויפֿן די סחורות — קיין סחורה ליגט ניט. אָט היינט איז אַזאַ פּרייז — מאָרגן אַ העכערע. מען דאַרף טראַכטן און זיך איבערלייגן וואָס מען דאַרף פֿאַרקויפֿן, און וואָס עס לוינט זיך צו האַלטן...

טאַטעס און מאַמעס האָבן אַפּילו קיין צייט ניט אומצוקוקן זיך אויף זייערע מיידלעך. און אויף די מיידלעך רעדט מען זייער פֿיל. מיט די סאָלדאַטן, זאָגט מען, זיינען זיי געוואָרן איינס, מיט די אָפֿיצערן — אַוודאי!

די בחורים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין שטעטל, זיינען שטאַרק ברוגז. זיי זאָגן, אַז נאָך דער מלחמה וועלן זיי אויף די מיידלעך ניט וועלן קוקן...

און מען דאַרף ניט דענקען, אַז די בחורים, וואָס זיינען פאַרבליבן אין שטעטל, זיינען, חס ושלום, קאַליקעס — גאָט באַהיט! נאָר פאַרגיסן זייער בלוט פאַרן צאַר — איז ביי זיי קיין מצוה ניט. אייניגע דאַרפן דערפאַר נאָך צוואוואַרטן אַ פּאָר יאָר ביז אין די פּאַספּאָרטן וועלן זיי אַלט ווערן געננוג... אַנדערע האָבן געהויבן שווערע משאות, האָבן זיך געדאַקטערט — און זיי טויגן ניט... זאָל נאָר די מלחמה אַריבערגיין — וועלן מיר שוין טויגן, זאָגן זיי... אָט־דאָס אַלץ פאָדערט אויך צייט און געלט — טאָ ווער, כ׳בעט אייך, קאָן אינזינען האָבן, אַז קינדער וואַקסן, אַז קינדער ווערן גרויס?!...

נאָר מיטאַמאָל האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט. די מענטשן האָבן געקוקט מיט פאַרגאַפטע אויגן. מען זאָגט, אַז ערגעץ דאָרטן, אין די גרויסע שטעט, האָט מען זיך צעבונטעוועט, — מען האָט דעם קייסער אַרונטערגעוואָרפן.

לייבעלע האָט אַנגעשטעלט מויל און אויערן: האַ? ס׳הייסט, אַז מ׳קאָן דעם קייסער אויך אַרונטערוואַרפן. נו, און ער האָט דאָך שוין פון לאַנג געטראַכט, אַז די וועלט פירט זיך ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ניט מער: אַלע האָבן געשוויגן. און איצט זאָגט מען דאָך נאָך אויך, אַז מ׳דאַרף שווייגן, ווייל ווער ווייס וואָס ס׳קאָן נאָך געשען...

ווען לייבעלע איז אָבער געקומען אויפן מאַרק, האָט ער שוין דאָרטן די גאַנצע שטאָט געטראָפן. די סאָלדאָטן זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט גלייך ווי סטרונעס און אַ גענעראַל האָט צו זיי גערעדט. ער האָט זיי גע־לאָזט וויסן די וויכטיגע נייעס, אַז דער קייסער האָט אָפּגעדאַנקט פון טראָן און האָט איבערגעגעבן די מאַכט צו זיין ברודער, מיכאַאיל׳ן. די סאָלדאָטן האָבן געשוואוירן טרייהייט צום נייעם קייסער און מען איז זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען.

אַ רעטעניש איז די גאַנצע זאַך געווען: וואָס באַדייט דאָס? די שכנים־סאָלדאָטן, מיט וועמען לייבעלע איז אַ גאַנצער גוטער ברודער געווען, רעדן עפּעס צווישן זיך אַזוי שטיל. זייערע אויגן גלאַנצן מיט דערוואַרטונג. די אָפיצערן קוקן זיך אַלע ווילע איין אין זיי, בייסן מיט די ליפּן און . . . גייען אַוועק.

נאָר אָט ווערט ווידער אַ געלויפעריי. די סאָלדאַטן לאָזן זיך צום מאַרק, די באַפעלקערונג — נאָך זיי. די סאָלדאַטן לויפן אין די שניט־קראָמען און קויפן רויטע לענטעס, זיי בינדן אויס שלייפן און טוען זיי אָן אויף די לאַצן... אין די קראָמען סטייעט ניט קיין רויטע סחורה, שניידט מען גרעסערע שלייפן אויף קלענערע און מען טיילט זיך. לייבעלע וואונ־דערט זיך, וואָס דאָס רויטע איז געוואָרן אַזאַ חשיבות. ער האָט געפונען אין קראָם אַ גאַנץ שטיק רויטע מאַטעריע, נחמה'קע האָט אים אָבער גע־זאָגט, אַז ער זאָל דאָס ניט אָנטאָן, ווייל ווער ווייס... לייבעלע האָט אָנ־געקוקט נחמה'קען און געפרעגט: וואָס הייסט? ער האָט אַוועקגעכאַפּט דאָס שטיק רויטע מאַטעריע און איז מיט דעם אַנטלאָפן. אויפן וועג האָט ער דאָס אויף זיין לאַץ אָנגעטשעפּעט און ביי זיך אין די געדאַנקען האָט ער זיך געהאַלטן אין איין חידוש'ן: סטייטש, נחמה'קע?

לייבעלע איז נאָכגעגאַנגען דעם שטראָמענדיגן המון. די מענטשן־מענגעס זיינען געקומען אויף אַ גרויסן פעלד. דאָרטן זיינען שוין געווען צונויפגעזאַמלט אַ סך סאָלדאַטן. מען איז געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ. עס האָט ווידער גערעדט אַ גענעראַל. ער האָט באַגריסט די נייע ציטווייליגע רעגירונג. די סאָלדאַטן רופן אים „גאָספּאָדין גענעראַל".

האַ? אָט שטייט דאָך דער פּריסטאַוו, דער וואָס האָט אָנגעטאָן דער באַפעלקערונג אַזויפיל צרות. ער איז אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער מיט אַ ווייסן באַנד אויפן אַרבל: „נאַטשאַלניק מיליציאי". און זע, ס'אַראַ שמייכל ס'ליגט אויסגעשפּרייט אויף זיין פּנים — גאַרניט דער זעלבער מענטש.

לייבעלע האָט אויך באַמערקט, אַז לעבן געוועזענעם פּריסטאַוו שטייען עטלעכע יונגע בחורים. לויט זייערע צונויפגעביילטע פויסטן און זייער שושקען זיך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען אויך ניט צופרידן מיטן נייעם „נאַטשאַלניק פון דער מיליציע". ער האָט זיך פּאַמעלעך צוגערוקט צום פּריסטאַוו און אים אַ זעץ געטאָן מיטן פוס. דער פּריסטאַוו האָט זיך אויסגעדרייט צו לייבעלע'ן און . . . אַ שמייכל געטאָן. די עטלעכע בחורים האָבן פונקט דעמאָלט אים, דעם פּריסטאַוו, אַ נעם געטאָן אונטער די אָרעמס, אַרונטערגעריסן דעם ווייסן באַנד פון אַרבל, און אים ערגעץ אַוועק־געפירט. ס'איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. פון איינעם צום צווייטן האָט מען

איבערגעגעבן: „כאַבאַרניק, מאַנאַרכיסט". פנים׳ער האָבן אויפגעלויכטן און מען האָט זיך באַרואיגט.

נאָך אָט־דעם אַקט האָט זיך לייבעלע שוין אָנגעהויבן האַלטן פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטשן. דערפאַר איז ער געווען זייער שטאַרק ברוגז אויף זיינעביידע שוועסטער, ווען זיי האָבן געהאַלטן, אַז ער דאַרף זיך נאָך ניט מישן אין אַזעלכע ענינים. אויף יענעם אָוונט איז פאַררופן געוואָרן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. די שוועסטער האָבן זיך געשושקעט און ווי נאָר זיי האָבן אָפּגעגעסן, זיינען זיי ערגעץ אַוועקגעגאַנגען. לייבעלע האָט שוין גע־זאָלט פאַרבלייבן אין הויז. אַ שטיקל פאַרדאַכט האָט ער אָבער יאָ געהאַט. ער איז אַרויס אין גאַס. מענטשן האָבן זיך געצויגן צום מאַרק צו. ס׳האַרץ האָט אין אים אָנגעהויבן שפּרינגען: האַ, זיי זאָלן אים אַזוי וועלן אָפּטאָן?!...

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן באַראַק. דער פּלאַץ איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. לייבעלע האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אינעווייניג. פונדערווייטנס נאָך האָט ער באַמערקט אויף דער פּלאַטפאָרמע זיינע שכנים־סאָלדאַטן. אָט־די סאָלדאַטן זיינען טאַקע געווען די הויפּט־רעדנער. אַך, ווי גוט זיי האָבן גערעדט! ער וואָלט זיי אַלעמען געוואָלט אַרומנעמען און קושן.

4. ביי לייטן אינגעלעך

ס׳איז אַוועק אַ שטיק צייט. דער פדיון איז שטאַרק געפאַלן. לייבעלע איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אין אַמפּערן זיך און דיסקוטירן וועגן וועלט־געשעענישן. עס האָט אים זייער שטאַרק ווי געטאָן, וואָס די רעוואָלוציע איז אויסגערונען און וואָס ביי זיי אין שטעטל הערשט העטמאַן סקאָראָ־פּאַדסקי. די מאַמע זיינע האָט אים געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך געמעגט אַרויס־שלאָגן פון קאָפּ אָט־די נאַרישקייטן און זיך בעסער נעמען צום לערנען. זי האָט צוגעגעבן:

— ביי לייטן אינגעלעך העלפן שוין אַרויס די עלטערן, — און ער?...

יאָ, טאַקע, און ער? ביז ווי לאַנג איז דער שיעור? נאָר צו וואָס קאָן ער זיך נעמען דאָ אין שטעטל?

לייבעלע האָט דערפאַר באַשלאָסן אַוועקצופאָרן ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט.

די מאַמע זיינע, מרים, האָט שוין דערנאָך אַפּילו חרטה געהאַט, וואָס זי האָט אים דערקוטשעט. ס'איז אָבער שוין געווען צו־שפּעט — לייבעלע איז אַוועקגעפאָרן.

אין דער גרויסער שטאָט האָט לייבעלע געקראָגן אַרבעט אַלס אַ „פּאַ־קאָווטשטשיק" אין אַ גרויסער פאַבריק. איינער פון זיינע שכנים ביי דער אַרבעט איז געווען אַ זייער צוגעלאָזענער בחור. ער האָט זיך אָנגעהויבן חבר'ן מיט לייבעלע'ן. ער האָט אים געוומען וויזן די שיינע און אינ־טערעסאַנטע פּלעצער אין שטאָט. ער האָט אים אויך דערציילט וועגן דעם לעבן אין שטאָט, און וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין צייט פון מלחמה און אָנהויב רעוואָלוציע.

— הער, איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין, — האָט זיך לייבעלע איינמאָל אָפּגערופן צו זיין נייעם פריינט, — ס'איז געקומען אַ רעוואָלוציע, מען האָט אַרונטערגעזעצט דעם צאַר — טאָ צו וואָס האָט מען נאָך געדאַרפט אָנהאַלטן די מלחמה? און נאָך: פאַרוואָס האָט מען די אָרימקייט ניט אָפּגעשאַפט?

דער פריינט האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר ברייטע אויפגעלויכטענע אויגן. ער האָט אָנגענומען לייבעלע'ן ביי די אַקסלען:

— הער, ברודער, ס'איז פאַראַן וועגן דעם זייער אַ סך צו רעדן.

נאָך אָט־דעם געשפּרעך האָט לייבעלע'ס פריינט אים איינמאָל איינ־געלאַדן אַרויפצוקומען צו אים, אויף זיין קוואַרטיר.

לייבעלע האָט זיך דערפרייט מיט דער איינלאַדונג און איז טאַקע גע־קומען אין צייט אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס. דאָרטן האָט דער פריינט זיך ל'עבן אים אַנידערגעזעצט און אָנגעהויבן רעדן. ער האָט גערעדט פּליסיג און קלאָר. לייבעלע האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. וואָס מער זיין פריינט האָט גערעדט, אַלץ ליכטיגער איז לייבעלע'ס פּנים געוואָרן.

פאַרן אַוועקגיין האָט לייבעלע געזאָגט צו זיין פריינט, אַז ערשט איצט פאַרשטייט ער, פאַרוואָס די פּריצים זיינען צוריק די גאַנצע באַלעבאַטים...

לייבעלע פלעגט פון יענעם אָוונט אָן זיך טרעפן אַלע אויפדערנאַכט מיט זיין פריינט. ער האָט זיך געפילט זייער געהויבן און האָט געשריבן פריילעכע בריוו אַהיים. אונטער די בריוו האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן אונטערשרייבן: אייער זון און ברודער לייב.

קאַפּיטל דריי: פּאָגראָמען

1. אַ משפּחה דאַרטן געלאָזן

עס איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע אין שטאָט. מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן איינעם אַ פּעטליוראַ, וואָס פירט־אָן מיט אַ באַנדע. הייסן, הייסט עס, אַז אָט־דער פּעטליוראַ איז געגן העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי׳ס הערשאַפט און איז פאַר אַן אומאָפּהענגיגער אוקראַינע. די בייעסן אָבער, וואָס קומען אין שטאָט אַריין, זיינען, אַז די פּעטליוראָוצעס מאַכן פּאָגראָמען אויף אידן.

די מענטשן פון שטאָט זיינען אַרומגעגאַנגען פאַראומערטע און פאַרזאָרגטע:

— וואָס וועט זיין?

לייב׳ס פריינט איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן געוואָרן. לייב האָט פאַרשטאַנען: מסתמא אַרבעט ער ערגעץ מיט זיין גרופּע...

אין אַ פרימאָרגן, ווען לייב איז אַרויס אין גאַס, האָט ער דערזען, ווי מענטשן לויפן און פאָרן אויף פורלעך. אַלע אין שטאָט זיינען געווען צע־טומלט. וואוהין לויפן מענטשן? אָט, פּעטליוראַ קומט! וואוהין ער קומט, הרג׳עט ער אויס די אידישע באַפעלקערונג — טאָ וואָס ווילן מיר וואַרטן?...

איז ווען אַלע לויפן — וואָס וועט זיך לייב אָפּשטעלן? איז לייב טאַקע געלאָפן באַגלייך מיט אַלעמען. אויפן וועג האָט ער געהאָלפן מאַמעס צו טראָגן זייערע פיצלעך קינדער און פּעקלעך.

זיי זיינען אָנגעקומען אין אַ דאָרף. די אָנגעלאָפענע אידן האָבן זיך צעשפּרייט איבער די הייזער, און דעם גאַנצן אומעט און מורא אַהינצו אַריינגעבראַכט. ס׳קומען אָן גרוסן פון שטאָט: די פּעטליוראָוצעס זיינען אַהין אַריין, און זיי האָבן דער׳הרג׳עט וועמען זיי האָבן געטראָפן. אייניגע אידישע בחורים זיינען דערשאָסן געוואָרן. — ווער זיינען די בחורים?

נעמען האָבן זיך איבער ליפּן געגליטשט, און אָט האָט, דאַכט זיך, לייב דערהערט אַ נאָמען, אַ זייער באַקאַנטן נאָמען: משה קולטשין. אַה? משה קולטשינ׳ען דער׳הרג׳עט?! לייב האָט פאַרביסן מיט די ליפּן. ער

האָט צונויפגעביילט די פויסטן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וואַקסט, אַז ער האַלט אין איין גרעסער ווערן... און אָט איז ער שוין אַזוי גרויס, אַז ער קאָן אַלע פּעטליוראַווצעס אין איין זשמעניע אַריינגעמען... משה קולטשיצ'ען דער'הרג'עט, — דאָס איז דאָך זיין פריינט געווען, אָט־דער וואָס האָט מיט אים אַזויפיל איינגעג'טענה'ט, און פאַר אים אַזויפיל, אַזויפיל קלאָר געמאַכט.

טרערן האָבן זיך געשפּאַרט פון זיינע אויגן. איז דאָס ניט אַ חרפּה ? — לייב וויינט ! נאָר אַז טרערן שטיקן דאָך פאַרט און קיין וואָרט קאָן מען ניט אַרויסרעדן, און אַז מענטשן קלייבן זיך אַרום אים און פרעגן : וואָס איז ? ווער איז ער ?

— ס'איז איינער פון די אָנגעלאָפענע. לייב אַבראַנסקי איז זיין נאָמען.

— לייב אַבראַנסקי איז זיין נאָמען ? — איז די באַלעבאָסטע פון הויז געבליבן שטיין פאַרוואונדערט. זי האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים אַריינ־טראָגן צו איר אין חדר, אויפן בעט.

לייב האָט זיך געשעמט : סטייטש, אַ מאַן, ווי שעמט מען זיך דאָס ניט צו חלש'ן ?

און אָט־די אידענע, וואָס זיצט לעבן אים און פרעגט זיך אַזוי נאָך אויף זיין טאַטן, מאַמען און משפּחה ? אַה ! דאָס איז דאָך זיין מומע ! ער האָט, הייסט עס, געטראָפן אינעם דאָרף וואו זיין מומע, די רייכע, וואוינט. די מומע איז אים זייער גוט באַקאַנט, ווייל די מאַמע זיינע האָט אַ סך דערציילט וועגן זייערע קרובים, וואָס האָבן אַרויסגעהאָלפן דעם טאַטן זיינעם אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע...

לייב האָט איינמאָל געטראָפן די מומע וויינען. דערזעענדיג אים, האָט זי אַוועקגעקוקט אין אַ זייט און אויסגעווישט די אויגן, — ווי גאָרניט געווען.

אויף לייב'ס נאָכפרעגן זיך האָט די מומע געענטפערט :

— מאַלע וואָס מ'וויינט, אַז צייטן אַזעלכע זיינען אָנגעקומען...

לייב'ס האַרץ האָט אַ קלאַפּ געטאָן : ווער ווייס וואָס עס טוט זיך אין דער היים !

יאָ, אַזאַ צייט שוין אָפּגעריסן פון דער היים...

— איך וועל פאָרן אַהיים, — האָט ער געלאָזט וויסן דער מומען.

— טאָ ווי אַזוי־זשע וועסטו פאָרן ? — האָט די מומע ווידער אָנגעהויבן

זיינען, — ס'איז אמת, אַז דאָרטן איז געווען אַ פּאָגראָם; מ'קאָן דאָך אָבער האָפן, אַז זיי לעבן. דו, אָבער, וועסט דאָך גלייך גיין אין פייער אַריין.

לייב האָט אָבער גאָרניט געוואָלט הערן וועגן דעם:

— אַ משפחה דאָרטן געלאָזן...

ער האָט נאָך געהאַט ביי זיך עטלעכע רובל. ער האָט ערגעץ געקראָגן אַ פויעריש פּעלצל, האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבערן שטערן, גענומען אַ טאָרבע אויף די אַקסלען און אַ שטעקן אין האַנט און האָט זיך מיט נאָך אַ פּאָר מענטשן געלאָזט צופוס גיין צו אַ באַן, אַ סך וויאָרסטן פון דאָרף.

עס איז געווען פרילינג-צייט און די וואַסערן האָבן געפלייצט. גע־דאַרפט האָבן זיי דורכגיין דורך פיל וואַסערן. אויף אַט־די וואַסערן זייַנען נאָך געשוואומען שטיקער אייז. אין אַ סך פלעצער זיינען הילצערנע קלאָדקעס געווען אויסגעלייגט. זיי זיינען געגאַנגען מיט גיכע טריט, ווי זיי וואָלטן פון עטוואָס געלאָפן. ווען זיי זיינען געקומען צו די וואַסערן, האָבן זיי מיט שטעקנס געמאָסטן די טיפקייט. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און אַזוי פּאַמעלאַכינקע זיך גערוקט אַלץ נעענטער און נעענטער צו דער באַן.

אין באַן זיינען געפאָרן פיל פּעטליוראָווצעס. לייב האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און איז כלומרשט איינגעשלאָפן. ס'איז געווען שווער צו דער־קענען, אַז דאָס פאַרט אַ אידישער בחור. ס'איז אויך קיינעם אַזאַ זאַך ניט איינגעפאַלן.

אַזוי איז לייב אָנגעקומען מיט דער באַן אין זיין געבורט־שטעטל. מענטשן האָבן אים באַגעגנט מיט טרויעריגע בליקן. ער איז אַריינגעפאַלן אין הויז אַ מידער און דערשלאָגענער.

אַלע אין הויז זיינען געבליבן זיצן ווי צוגעשמידטע צו זייערע ערטער. בלויז מרים, זיין מאַמע, איז אַרויפגעפאַלן לייב'ן אויפן האַלז און געוויינט. גערעדט האָט זי גאָרניט — וואָס וועט זי רעדן? זיינען זיי דען די איינציגע ביי גאָט? נו, האָט מען די סחורה צעראַבעוועט פון קראָם, גאָרניט געלאָזט...

— זיינען אַלע לעבן געבליבן? — האָט לייב געפרעגט.

מרים האָט געכליפּעט:

— דער אויבערשטער האָט דאָס ניט געוואָלט, מיין זון. ווי גזלנים האָבן זיי זיך אַריינגעריסן. דיין ברודער יאַנקל איז געווען ביי אונז, ווייל

מיר האָבן גערעכנט, אַז אין אַ קליין אָרים שטיבעלע וועלן זיי אפשר ניט גיין... זיי האָבן זיך אָבער אַריינגעוואָרפן אַהער, אַרויסגעשלעפּט יאַנקל׳ען און אים דערשאָסן . . . און נאָכדעם . . .

לייב האָט אַרומגענומען זיין מוטער און זי צוגעפירט צו אַ שטול. ער האָט גאָרניט געזאָגט. ער האָט בלויז געוואוסט, אַז זיין עלטערן ברודער האָט מען דערשאָסן, און אַז דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, האָט מען זיין גוטן פריינט, משה קולטשינ׳ען, דער׳הרג׳עט... ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז מיט נחמה׳קען, זיין שוועסטער, איז ניט גלאַט אָפּגעגאַנגען, ווייל נחמה׳קע איז אינגאַנצן אַן אַנדער מענטש געוואָרן: זי ליגט אין בעט פאַרבונדן דעם קאָפּ און קיין וואָרט פון אירע ליפּן ברענגט זי ניט אַרויס...

2. ערגער איז פאַראַן אַ מענטש

נחמה׳קע האָט אָנגעהויבן פילן זייער שלעכט. מען האָט גערופן אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אַלעמען באַרואיגט. נאָכדעם זיינען דורכ־געגאַנגען אַ פּאָר וואָכן און נחמה׳קע איז נאָך געלעגן אין בעט. ווען זי איז אָבער אויפגעשטאַנען, האָט זי זיך שוין מער צוריק ניט געלייגט, — זי איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן.

אין שטעטל האָט מען זיך געשושקעט וועגן דעם. נחמה׳קע האָט זיך געשעמט אַרויסגיין אין גאַס. לייב האָט זיך אַפילו געקליבן עטלעכע מאָל צו איר רעדן און פרעגן: נאַרישע נחמה׳קע, וואָס דו ביסט! וואָס שעמסטו זיך? וואָס ביזטו שולדיג, אַז מערדער זיינען דיך באַפאַלן?... לייב האָט דאָס איר אָבער ניט געזאָגט, ווייל אַלעמאָל ווען ער האָט זיך געקליבן דאָס איר צו זאָגן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זי, נחמה׳קע, איז זיין עלטסטע שוועסטער...

פונדעסטוועגן האָט ער דאָס איר איינמאָל געגעבן אָנצוהערן. נחמה׳קע האָט געקוקט אויף אים און צופרידן געשמייכלט. ס׳האָט איר הנאה געטאָן, וואָס איר ברודערל, לייבעלע, איז שוין אויסגעוואַקסן אַט־אַזאַ־אַ גרויסער בחור...

דערווייל אָבער איז ניטאָ פון וואָס צו לעבן. לייב האָט זיך ניט צו וואָס צו נעמען. מרים מיט די צוויי מיידלעך גייען אַרום איבער די דערפער

מיט פאַרשיידענע סחורות. זיי בייטן דאָס אויס אויף קאַרטאָפליעס אָדער מעל. די מעל און קאַרטאָפליעס ברענגען זיי צו טראָגן אויף די פּלייצעס אין שטעטל. מיט אַ טייל דערפון באַצאָלט מען פאַר דער געבאַרגטער סחורה, און אַ טייל שטעלט זיך אָפּ פאַר זיך.

לייב קוקט זיך צו, ווי זיין מוטער און שוועסטער מאַטערן זיך, ווי זייערע פיס ווערן געשוואָלן פון שפּאַנען, און ערשט ווען מען קומט אַהיים איז ניטאָ גענוג אויף אָפּצועסן. די פּנים׳ער זיינען אָפּגעצויגן און מרה־שחורה׳דיג. אַוודאי וואָלט קיין עולה ניט געווען, ווען לייב וואָלט אַליין געגאַנגען אין די דערפער, נאָר אַ מאַנסביל טאָר זיך דאָך אויף די שליאַכן ניט באַווייזן, — זיין לעבן איז שטענדיג אין געפאַר...

און אָט רייסט זיך אָפּ אַ מלבוש, אַ שוך. ס׳איז ניטאָ פאַרוואָס אַ נייעם צו מאַכן. לייב קאָן שוין אַפילו אין גאַס ניט אַרויסגיין. ער זיצט אין הויז און טראַכט: וואָס וועט זיין דער סוף? אפשר זאָל ער זיך גאָר אַוועקלאָזן ערגעץ צופוס, פּונקט אַזוי ווי ער איז אַהער געקומען, פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט, ביז ער וועט זיך דערקלייבן צו די באָלשעוויקעס?...

דערווייל אָבער איז דאָס אוממעגלעך, ווייל די האַרמאַטן האָבן ווידער אָנגעהויבן דונערן. פאַרשיידענע מאַכטן האָבן זיך אין שטעטל געביטן. איצט האָט זיך דאָ באַפעסטיגט די פּוילישע מאַכט. די פּוילישע סאָלדאַטן זיינען אָנגעגעסן צו זאַט און גייען גוט אָנגעטאָן. ווער ווייס, ווי ווייט זיי וועלן פאַרגיין?...

אין איין פאַרנאַכט, ווען די מאַמע און שוועסטער זיינען ווי אַלעמאָל געקומען פון דאָרף, איז לייב געווען זייער שטאַרק צעדרודערט. ער איז נאָר־וואָס געקומען פון צוואַנג־אַרבעט, וואָס די פּוילישע סאָלדאַטן האָבן אים גענומען צו טאָן. ער האָט פאַר זיך קיין וועג ניט געזען, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון אָט־דער גרויסער טורמע.

זיין שוועסטער עטל האָט אים עפּעס געזאָגט, וואָס איז אים ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך געבייזערט. ס׳איז געוואָרן אַ קריגעריי.

— האָ, וואָס זיצסטו, אַזאַ געזונטער בחור׳עץ, אין הויז, און מיר דאַרפן דיך קאָרמענען?

אַזוי האָט עטל אַרויסגעשריען. זי האָט באַלד פאַרביסן די ליפּן און איר פּנים איז פול געוואָרן מיט חרטה־אויסדרוק.

לייב האָט שוין אָבער אָט־די ווערטער דערהערט זייער שאַרף. ער

האָט פון כעס געכאַפּט אַ קאַרטאָפליע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין עסן, און זי מיט אימפּעט געוואָרפן אויף עטל׳ען.

לייב האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און איז אַרויס פון הויז. אינ־דרויסן איז געווען טונקל. ער האָט זיך דורכגעשלייכט די גאַס און ניט געוואוסט וואוהין צו גיין. אין האַרצן האָט ווי געטאָן: האַ, וואָס האָט ער געטאָן?... ער האָט געפילט, ווי צוריקצוגיין און איבערבעטן זיין שוועס־טער, נאָר ניין!... זי האָט דאָס אים ניט געטאָרט אויפוואַרפן...

פלוצלונג איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער: עטל לויפט אים נאָך און רופט:

— לייב, לייב, מיר האָבן דערהאַלטן אַ בריוו פונעם טאַטן, אַ בריוו מיט געלט!...

עטל האָט אַרומגעכאַפּט לייב׳ן און ער האָט גלייך אָן אַלץ פאַרגעסן: אַ בריוו פון זיין טאַטן און געלט?!

אינדערהיים איז געוואָרן פריילעך. יאָ, אַ דעלעגאַט איז געקומען פון אַמעריקע און האָט פאַר זיי געבראַכט אַ בריוו מיט פופציק דאָלער. מנחם, דער טאַטע, שרייבט אין בריוו, אַז דאָס שיקט ער בלויז דערווייל, ווייל ער איז ניט זיכער צי דער דעלעגאַט וועט זיך דערלאַנגען, און צי ער וועט זיי טרעפן אין שטעטל. אויב אָבער יאָ, — וועט ער זיי באַלד שיקן נאָך געלט און זיי אַריבערנעמען קיין אַמעריקע.

עס איז געווען דאָנערשטאָג ביינאַכט, צו־שפּעט אויף צו קויפן מעל און באַקן ברויט אָדער חלה, אַ זאַך וואָס איז שוין אַ לאַנגע צייט אין הויז ניט געווען. האָט מרים געקראָגן אַ ביסל מעל און באַלד אַריינגעזעצט אין אויוון עטלעכע בלעכלעך קאַרזשעס צו באַקן. דאָס ווערט באַלד פאַרטיק. נישקשה, אַז געלט איז דאָ — וועט שוין אויך זיין ברויט און חלה...

די קאַרזשעס זיינען געווען זייער געשמאַק, צי דערפאַר ווייל מען האָט שוין אַזוי לאַנג קיין ביסן אין מויל צו זאַט ניט געהאַט, אָדער דערפאַר ווייל זיי זיינען טאַקע געווען גוט געבאַקט, — באַ׳טעמ׳ט אָבער זיינען זיי געווען.

איז געווען אַ שמחה׳דיגער שבת. מאַמע און קינדער האָבן זיך גע־ישוב׳ט וואָס צו טאָן מיטן געלט: צי זאָלן זיי קויפן סחורה און עפּעס אָנהויבן פאַרדינען, אָדער זיך טאַקע באַלד אָנהויבן קלייבן אין וועג.

— קיין אַמעריקע! — האָבן די מיידלעך געזאָגט.

— קיין אַמעריקע! — האָט אויך לייב צוגעשטימט.

מרים האָט געוויינט: יאָ, קיין אַמעריקע, און יאַנקל וועט דאָ בלייבן איינער אַליין...

אויפן האַרצן איז געווען זייער פריילעך: מ׳ווייסט, אַז דאָרטן ערגעץ, אויף יענער זייט ים, איז פאַראַן אַ מענטש מיטן נאָמען מנחם, וואָס זאָרגט פאַר זיין משפחה.

3. ווי וואָגט איר?

מרים מיט די קינדער האָבן געוואַרט. זיי זיינען געזעסן אין שטעטל און געגעסן פון דאָס גרייטע. מענטשן האָבן אַפילו ניט געקאָנט פאַרשטיין: וואָס וואַרט מען? ווען אַנדערע וואָלטן געהאַט אַזאַ געלעגנהייט אויף אַוועקצולויפן פונעם גיהנום, וואָלט מען דאָך אויף פליגלען געפלויגן...

נחמה׳קע האָט אָפּגעגעבן גערעכט אָט־די מענטשן. זי האָט זיך גע־וואָלט אַרויסרייסן פונעם פּלאַץ, וואו זי שעמט זיך דעם קאָפּ אויפהויבן. דאָרטן, אין אַמעריקע, איז אַ וועלט אַ נייע, קיינער ווייסט זי ניט און קיינער ווייסט ניט וואָס ס׳איז געשען.

מרים וואָלט מיט איר אויך איינגעשטימט. די שלעכטע אויגן אירע זיינען איצט אויך ניט קיין גרויסער אָפּהאַלט, מען איז איצט ניט אַזוי מקפּיד. ס׳איז אָבער שווער, זאָגט מרים, איבערצולאָזן אַ היים, וואו דו ביסט שוין איינגעוואָרצלט, וואו דו האָסט אַזויפיל פּראַצע און מי אַוועק־געלייגט.

איבערהויפּט איז פאַר מרים׳ען שווער געווען ס׳שטיבעלע צו פאַרקויפן. מיט וויפיל מי האָט זי דאָס אויסגעהאָרעוועט, וויפיל איז דאָס איר דער קאָפּ אויסגעדאַרט געוואָרן, און דאָ פּלוצלונג — גיב עס אַוועק צו יענעם.

וואָלטן כאָטש יענע, די קויפערס, וועלן באַצאָלן אַ גוטן פּרייז! זיי קומען אָבער צו גיין, באַטראַכטן ס׳שטיבעלע און רעדן צווישן זיך:

— ווייסיך וואָס, וואָס איז דאָס ווערט? ס׳איז דאָך אַ קוטשקע, אַ קליינינקס.

מרים הערט דאָס און דאָס האַרץ ווערט פון וויטאָג צעריסן: וואָס וועלן זיי פאַר דעם געבן? און אַז זיי וועלן שוין געבן די פּוילישע מאַרקן — וואָס פאַר אַ ווערדע האָבן זיי? אַך, אַזויפיל פּראַצע!

פון מנחמ׳ען איז אָנגעקומען זייער אַ שטרענגער בריוו:

— . . . וואַרט ניט קיין מינוט, פאָרט שוין אַרויס! אויפן וועג וועט איר קריגן ס׳גאַנצע געלט.

און צו דעם האָט נאָך געדאַרפט טרעפן:

צוויי פּוילישע סאָלדאַטן זיינען אַריין צו מרימ׳ען אין שטיבעלע און האָבן אָנגעהויבן אָפּרייניגן אַ סך זאַכן פון הויז אין זייערע פּעקלעך אַריין. מרימ׳ס געבעט האָט ניט געהאָלפן. די סאָלדאַטן האָבן איר געגעבן אַ שטויס און זי איז אומגעפאַלן.

לייב איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פונדערוויטנס און האָט געקריצט מיט די ציין. ווען ער האָט אָבער דערזען די מאַמע זיינע אויף דער פּאָד־לאָגע, איז ער צוגעלאָפן צו די סאָלדאַטן:

— ווי וואַגט איר?!

די סאָלדאַטן האָבן אים דערלאַנגט אַ זעץ מיט די קאָלבעס פון זייערע ביקסן:

— גיי אַוועק, פאַרשאָלטענער איד!

לייב האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט גרויס צאָרן. ער האָט דערלאַנגט איינעם פון די סאָלדאַטן אַ שטאַרקן קלאַפּ. יענער איז אומגעפאַלן. עס איז פאַר זיי געוועז אינגאַנצן אַן אומגעריכטע זאַך.

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. ס׳שטיבעלע איז מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט מענטשן. געשרייען פון אַלע זייטן. די סאָלדאַטן זיינען גרייט געווען לייב׳ן צו צערייסן אויף שטיקער. די אָנגעלאָפענע מענטשן האָבן לייב׳ן געשטופּט פון איינעם צום צווייטן, און אָט איז ער שוין צווישן עולם ניטאָ — ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט.

דעמאָלט האָט מרים געלאָזט וויסן, אַז זי איז גרייט דאָס שטיבעלע צו פאַרקויפן. מענטשן זיינען געקומען און זיך געדונגען: הונדערט מאַרק אַרויף, הונדערט מאַרק אַראָפּ. מען האָט זיך אויסגעגליכן און אָפּגעשריבן. מרים האָט געזאָגט צום קונה:

— איך פאַרגין דאָס אייך מיטן גאַנצן האַרצן.

און אַלע האָבן געוואוסט: מען פאָרט!

פערטער טייל

קאַפּיטל איינס: די נייע וועלט

1. ס׳וועלן קומען וואָכעדיקע וואָכן

עס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב ביי מנחמ׳ען. אין דעם טאָג וואָס ער האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע, אַז זיין ווייב און קינדער זיינען אָנ־געקומען, און אַז ער וועט זיי מאָרגן קאָנען אַראָפּנעמען, האָט ער רוען ניט געקאָנט. ער איז געלאָפן צו פרויקע׳ן אין אָפיס, זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט און אויסגעזונגען:

— פרויקע, מיין משפחה איז דאָ. זיי זיינען שוין אָט־אָ־דאָ אין קעסל־גאַרדן.

פרויקע האָט אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט אויף מנחמ׳ען. אַוודאי פרייט ער זיך, נאָר וואָס האַמערט דאָס אַזוי אין קאָפּ? וואָס שווינדלט דאָס אַזוי פאַר די אויגן? יאָרן זיינען פאַרגאַנגען. ס׳אַראַ איבערקערעניש פון דעמאָלט ביז היינט. דעמאָלט איז מנחם געווען זיין גרעסטער שונא, — איצט קומט ער זיך טיילן מיט זיין פרייד; דעמאָלט זיינען זיי אַלע געווען יונג און מוטיג און צוזאַמען, און איצט — צעטיילט, צעריסן...

נאָר איצט איז דאָך פאָרט ניט די צייט צו טראַכטן וועגן דעם. מנחמ׳ס משפחה איז אָנגעקומען. נו, דאַרף מען דאָך עפּעס איינאָרדענען אַ שמחה׳לע, אַ יום־טוב, — טאָ זאָל מנחם גיין אַהיים, צוגרייטן אַלץ אין הויז, און ער, פרויקע, וועט שוין טאָן דאָס איבעריגע.

מנחם איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, — סטייטש, אָט־דאָ אין ניו־יאָרק, ניט ווייט טאָקע, זיינען דאָך זיין ווייב און קינדער פאַראַן! שוין אַזויפיל יאָרן אַריבער — ברעקלעך האָט ער זיי איבערגעלאָזן. איצט קערן זיי שוין זיין גאַנצע מענטשן, דערוואַקסענע.

מנחם האָט זיך עפּעס געשראָקן, אַז ס׳זאָל נאָך חלילה עפּעס ניט פּאַסירן און מען זאָל זיין משפחה ניט אַרונטערלאָזן — ווער ווייס? שוין גענוג וואָס זיין עלטסטער זון וויל קיין אַמעריקע ניט פאָרן, ווי מרים האָט גע־שריבן... ער איז געגאַנגען מיט אַ קלאַפּנדיג האַרץ צום קעסל־גאַרדן און ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרויסלאָזן די אָנגעקומענע עמיגראַנטן, האָט ער

זיך געהויבן פון אָרט און געקוקט אויף יעדן איינעם — אפשר דער־אָ יונגערמאַן, אפשר יענע מיידל...

— אַבראַנסקי! אַבראַנסקי!

מנחם האָט אַ שפּרונג געטאָן. מען האָט דאָך זיין נאָמען אויסגערופן. ער איז צוגעגאַנגען צום מאַן, וועלכער האָט שוין מיט שטרענגע אויגן גע־קוקט ווער עס וועט צוקומען. יענער האָט מנחמ׳ען איבערגעפרעגט אַלע איינצלהייטן. מנחם האָט אויף אַלץ פּינקטלעך געענטפערט. עס איז אַלץ צוגעגאַנגען גוט, כאָטש דער קאָפּ זיינער איז געווען אָט אויף יענער זייט ווענטל...

— אָלראַיט! — האָט דער מאַן אויסגערופן.

מען האָט געעפנט אַ טירל. עס זיינען אַרויסגעקומען עטלעכע מענטשן. אָט גייט אַן עלטערע פרוי, מיט אַ גרויען קאָפּ האָר און אַ געקנייטשטן פּנים, און אָט גייען צוויי מיידלעך און אַ בחור. אַלע קוקן מיט אָנגעשטרענגטע אויגן אויף די מענטשנס פּנימ׳ער.

— מנחם!

די פרוי האָט עס אַרויסגעשטאַמלט. מנחם איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער: איז דאָס מרים, זיין ווייב? מיין גאָט!... נאָר ווער קאָן דאָס דען טראַכטן, אַז אָט שטייען אַרום אים דריי יונגע מענטשן — ווער זיינען זיי? זיי נעמען אים אַרום און קושן אים — דאָס זיינען דאָך זיינע דריי קינדער: נחמה׳קע, עטל און לייבעלע...

טאַ זאָלן זיי אויף אים קיין פאַראיבל ניט האָבן: מנחם איז אַ ביסל איבערראַשט געוואָרן. ער האָט געדריקט זיינע קינדער צו זיך און האָט אַ קוש געטאָן מרימ׳ען, — אַ זאַך, וואָס האָט זי אַ ביסל פאַרשעמט. ער האָט זיי אַרויסגעפירט אינדרויסן, צוגערופן אַ „טעקסי" און געהייסן זיי פירן אַהיים.

אין „טעקסי" האָבן זיי אַלע געשוויגן. מרים מיט די קינדער האָבן געקוקט אויף מנחמ׳ען, און ער, מנחם, האָט געקוקט אויף זיי. עטל האָט זיך געשפּילט מיט מנחמ׳ס פינגער, און ער האָט זי געגלעט איבער די האָר.

מיטאַמאָל איז מנחם לעבעדיגער געוואָרן, ווי אויסגעטשוכעט זיך פון שלאָף:

— נו, קינדער מיינע, וואָס זיצט איר אַזוי שווייגנדיג? טאַקע אמת, אַז איך האָב אייך ברעקלעך איבערגעלאָזט, נאָר איך בין דאָך פאָרט אייער

טאַטע און מיין האַרץ האָט שטענדיק געוויטאָגט אויף אייך.

די „טעקסי״ האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אַראָפּגעשטייגט און אָנ־געהויבן קריכן אויף שטיגן, פּינצטערע און הויכע. מרים האָט זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט, און מנחם האָט זיך געבויגן איבער איר ווי עפּעס אַ פאַרשולדיקטער:

— אָט, אָט, נאָך עטלעכע שטיגן און מיר וועלן שוין זיין אין די חדרים...

פיר צימערן. עטלעכע בענקלעך און אַ טיש, אַ פּאָר בעטן און אַ לאַנגער שפּיגל, אַ פּאָר סאָפקעס ביי די ווענט, — דאָס איז געווען ס׳גאַנצע מעבל. מנחם איז אַרומגעלאָפן אַרום דעם ווייב מיט די קינדער ווי אַ יונגער־מאַנטשיק, האָט אַלעמען געהאָלפן זיך אויסטאָן און געהייסן זיך אָפּרוען. אין עטלעכע מינוטן אַרום איז שוין אויפן טיש געווען אָנגעשטעלט עסן און טרינקען.

ס׳האָט זיך געשפּירט אַ נאָענטקייט און היימישקייט אין די חדרים.

ערשט ווען מען האָט שוין געהאַלטן אינמיטן עסן, האָט מען זיך פאַנאַנדערגערעדט. מרים האָט דערציילט מנחמ׳ען, וואָס עס האָט זיך אָפּ־געטאָן ביי זיי אין שטעטל. די קינדער האָבן אַרויסגעהאָלפן. עפּעס איז אָבער אויסגעמיטן געוואָרן. מען האָט וועגן דעם ניט געוואָלט דערמאָנען...

לייב איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט. ער האָט זיך אָנגעהויבן נאָכ־פרעגן:

— נו, און ווי אַזוי איז דאָ אין אַמעריקע?

— דאָ לעקט מען אויך קיין האָניג ניט, — האָט מנחם געענטפערט, — זעסט דאָך.

און ער האָט אָנגעוויזן אויף די חדרים.

לייב האָט ניט פאַרשטאַנען. וואָס זעט ער דאָ? בפרט נאָך אַז שפּעטער איז מנחם אַוועק מיט ווייב און קינדער און האָט זיי אַלעמען באַקליידט, — נו, טאָ וואָס־זשע פעלט דאָ טאָקע אויס?

אין אָוונט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען געסט, יונגע מענטשן. די עלטערע, האָט מנחם געזאָגט, וועלן ערשט קומען שבת אויף קידוש, און די יונגע — זיי זיינען פון דער יוניאָן.

— פון דער יוניאָן? — האָט זיך לייב גע׳חידוש׳ט.

לייב האָט גאָרניט גערעדט. ער האָט זיך מיט יעדן איינעם פריינטלעך

געגריסט, האָט הנאה געהאַט פון דער נייער סביבה. ווען נחמה׳קע איז פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר פרויקע׳ן, איז זי געבליבן שטיין ווי צעפּוזשעט:

— פרויקע? אַט־דער מיט די גרוילעכע האָר? — דאָס איז אומ־מעגלעך! און דאָס איז דוד׳ל? דוד׳ל? און וואו איז בעני?

פרויקע האָט נחמה׳קעס האַנט אַ שטאַרקן דריק געטאָן:

— אויך איר, נחמה׳קע, זייט ניט ווי געווען — פון אַ קינד זייט איר אַ גאַנצער מענטש געוואָרן.

מנחם האָט זיך אַריינגעמישט:

— צו וואָס זיך וואונדערן? יאָרן זיינען אַוועק. קיין צרות האָבן ניט אויסגעפעלט. מיר וועלן זיך נאָך באַקענען מיט אייגצלהייטן שפּעטער, דער־ווייל אָבער איז ביי אונז אַ יום־טוב — טאָ לאָמיר פאַרברענגען.

און פריילעך איז געווען יענעם אָוונט. בלויז מרים האָט זיך אַלע ווײַלע אָפּגעקערט אין אַ זייט און געווישט די אויגן. די אַנדערע האָבן געקנאַקט ניס און געטרונקען וויין. מען האָט דערמאָנט די אַמאָליגע צייטן און גוט־מוטיג געלאַכט.

נחמה׳קע האָט געקוקט אויף איר טאַטן, אויף מנחמ׳ען, און האָט זיך ניט געקאָנט אָפּ׳חידוש׳ן: איר טאַטע? — מיט פרויקע דעם שוסטער! און זע נאָר, וואָס פאַר אַ בויך דוד׳ל האָט געקראָגן, — אַ מאָדנע אַמעריקע!

אין דער צייט איז שוין פרויקע געזעסן מיט לייב׳ן אין אַ זייט, פאַר־טיפט אין אַ שמועס. זיי האָבן ניט באַמערקט די בליקן פון די אַנדערע אויף זיי. לייב האָט גערעדט מיט היץ. פרויקע האָט אים געקוקט אין די אויגן און געהאַלטן אין איין אַריינוואַרפן באַמערקונגען און שטעלן פראַגן.

מנחם האָט זיי דעם שמועס איבערגעשלאָגן:

— גענוג, מיינע טייערע, ניט איצט איז די צייט.

— יאָ, יאָ, — האָבן זיי זיך דערמאָנט.

ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, האָבן זיי זיך ביידע געהאַלטן ביי די הענט ווי אַלטע גוטע פריינט. פרויקע האָט זיך איבערגעבויגן צו לייב׳ן:

— יאָ, לייב, מיר׳ן נאָך רעדן.

— אַוודאי! אַוודאי!

און ווען אַלע זיינען זיך צעגאַנגען, איז לייב אַרומגעגאַנגען איבער די חדרים און מיט דאַנקבאַרקייט געקוקט צו זיין טאַטן:

— יאָ, טאַטע, ס׳איז גוט וואָס דו האָסט אונז אַריבערגעבראַכט אַהער.

און מנחם האָט געענטפערט:

— מיין זון! היינט איז געווען אונזער יום־טוב. ס׳וועלן אָבער קומען וואָכעדיגע וואָכן און חדשים — מען דאַרף צו אַלץ זיין גרייט...

2. מענטשן שאַצן ניט אָפּ

מנחמ׳ס קינדער זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די ניו־יאָרקער גאַסן, האָבן אָנגעקוקט אַלע שיינע עוועניוס און הייזער, און האָבן געגאַפט איבער די אויסגעפוצטע קראָמען. זיי זיינען געגאַנגען צו־גאַסט צו פריינט און לאַנדסלייט און האָבן געזען זייערע שיינע צימערן און מעבל. דעמאָלט ערשט האָבן זיי פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מנחם האָט זיך ווי געשעמט מיט זיינע חדרים. זיי האָבן אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זייער טאַטע איז אַזוי אָרעם. וועדליג ער אַליין דערציילט, איז אין אַמעריקע געווען גענוג אַרבעט אין די מלחמה־יאָרן און מען האָט אויך געצאָלט גוטע שכירות, — טאָ פאַרוואָס טאַקע האָט מנחם ניט אָפּגעשפּאָרט קיין געלט?

מנחם האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז קיין צו־שנעלער באַלמעלאָכע איז ער ניט, ווייל ער איז אַ געלינקטער; אַז אין די שבתים און ימים־טובים אַרבעט ער נאָך עד היום ניט; דערצו איז ער אַ פּאָר מאָל קראַנק געווען און דאָס האָט אים געקאָסט אַ ביסל געלט. איצט האָט ער זיי אַלעמען אַריבערגעבראַכט, — נו, אַפילו אין די בעסטע צייטן, וויפיל קאָן אַן אַרבעטער אָפּשפּאָרן?

די קינדער האָבן דאָס באַלד באַגריפן. מרים אָבער האָט נאָך אַלץ גע׳טענה׳ט:

— וואָס הייסט? נאָך אַזויפיל יאָרן אָפּזיין אין אַמעריקע, — ווי שפּאָרט מען דאָס ניט אָפּ כאָטשבי אַ פּאָר טויזנטער?

די לאַגע אין לאַנד איז איצט געווען אַ שווערע. מיטן סוף פון דער מלחמה איז אויך אָוועק די „פּראָספּעריטי״. אין די שעפּער פאָדערן זיך שוין מער ניט קיין „העגט״. אַרבעטער גייען אַרום ליידיג. די באַלעבאַטים זאָגן, אַז ס׳איז אוממעגלעך צו צאָלן די זעלבע שכירות, וואָס אין די מלחמה־יאָרן.

דערפאַר איז לייב׳ן מיט די שוועסטער אָנגעקומען שווער צו קריגן

אַרבעט. נחמה׳קע איז כאָטש אַ שניידערקע פון דער היים — זי וועט שוין ניט פאַרלוירן גיין. וואָס וועלן אָבער טאָן די אַנדערע קינדער?

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט, און זיי האָבן אַלע געקראָגן אַרבעט. לייב מיט די שוועסטער זיינען געגאַנגען אין אָוונט־שול לערנען די ענגלישע שפּראַך. לייב׳ן איבערהויפּט האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט גיך אויס־לערנען ענגליש, ווייל אַמעריקע איז דאָך אַזאַ פּרעכטיג לאַנד, און אַז מען קען די שפּראַך איז מעגלעך זיך דורכצושלאָגן אַ וועג...

דערפאַר פילט ער ניט די שווערקייט פון אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג און פון איילן זיך אין אָוונט אין שול.

לייב איז אויך זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס עס קומט פאָר אין מנחמ׳ס יוניאָן. ער זיצט אָפט מיט טאַטן ביז שפּעט ביינאַכט, און יענער דערציילט אים וועגן אַלץ. מנחם איז ניט צופרידן. ער זאָגט, אַז ס׳פירט זיך ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. צייטן קומען אָן זייער שלעכטע. די יוניאָן דאַרף האָבן כוח אַכטונג צו געבן אויף די באַדינגונגען פון די אַרבעטער — אַ זאַך, וואָס ווערט ניט געטאָן.

פּרויקע איז דער איינציגער, וואָס שטייט שטאָל־און־אייזן פאַר אַן אמת׳ער יוניאָן. ער איז אָבער אַליין; אַפילו דעיוו איז ניט דער זעלבער וואָס אַמאָל...

אין איין אָוונט איז נחמה׳קע געקומען אַהיים און געזאָגט, אַז לייב קאָן אַרויפגיין אין דעם שאַפּ, וואו זי איז באַשעפטיגט, צו אַרבעטן אַלס לערנער ביים צושניידער פון פרויען־קליידער, ווייל דאָס לערן־אינגל איז אַוועק פון שאַפּ.

לייב איז געווען צופרידן. קיין געניג געלט ביי די אַנדערע אַרבעטן האָט ער ניט פאַרדינט, — נו, איז דאָך דאָס ווי געוואונטשן.

איז ווען שוועסטער און ברודער פלעגן האָבן אַ פרייע שעה, האָבן זיי גערעדט וועגן שאַפּ. ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן פריילעך אין הויז. אויך מנחם פלעגט זיין אין דער מיט און דערציילן וואָס עס טוט זיך אין דער שניידער־יוניאָן.

איצט האָט שוין נחמה׳קע געוואוסט, אַז בעני איז ניט מער בעני, נאָר די פירמע „סידני גאַרב ענד סאַנס”; די הויפּט־זאַך אָבער וואָס ער אַרט זי איז דאָס, וואָס דעיוו איז נאָך אַלץ אַ „גוטער ברודער” מיט בעני׳ן און פאַרברענגט מיט אים גאַנצע טעג אין אָפיס.

אַזוי האָט מנחם בפירוש דערציילט, און ער וועט דאָך קיין ליגן ניט זאָגן.

דעיווו לייקנט, אַז ער איז באַפריינדעט מיט בעני׳ן. — וואָס האָט ער דען צו טאָן מיט אַ באַלעבאָס, אויב ניט פון די אַרבעטער׳ס וועגן? און וויבאַלד דער באַלעבאָס איז ניט קיין שלעכטער מענטש, קאָן מען זיך דאָך ניט דראַפּען אויף די גלייכע ווענט. אַי, וואָס פּרויקע איז ניט צופרידן, און וואָס אַרבעטער מורמלען־אונטער מיט חשד — נו, מאַלע וואָס מענטשן שאַצן ניט אָפּ, וואָס מען טוט פאַר זיי...

3. עס רעש׳ט זיך אין שניידער־פאַך

עס האָט זיך אַ ביסל געָ׳רעש׳ט אין שניידער־פאַך. די יוניאָן גרייט זיך צו אַ צוזאַמענפאָר. פּרויקע איז געווען זייער שטאַרק פאַרנומען. ער האָט געפילט, אַז ער קאָן מער קיין אָטעם ניט אָנהאַלטן אין דער יוניאָן, סיידן זאַכן וועלן זיך ענדערן צום בעסערן.

מנחם האָט אויך געוואַרט מיט אומגעדולד אויף אָט־דעם צוזאַמענפאָר:

— זאָל מען זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל צוזאַמענקומען און זען וואָס מ׳קאָן טאָן.

אין דער מלחמה־צייט זיינען אויך פאַרגעקומען צוזאַמענפאָרן פון דער יוניאָן. די אַרבעטער האָבן זיך מיט זיי אָבער קנאַפּ פאַראינטערעסירט. צו די מיטינגען פלעגט מען ניט קומען, — צוליב וואָס זאָל מען גיין צו מיטינגען? אַרבעט איז דאָך דאָ איבערגענוג און מ׳שלעפּט די אַרבעטער פון איין שאָפּ אין צווייטן, און ווען די יוניאָן באַשליסט עפּעס צו פאָדערן פון די באַלעבאַטים — גיבן זיי דאָך דאָס נאָך; בפרט נאָך אַז מ׳דאַרף אַרבעטן אַזויפיל שטונדן „אָווערטאַים", קאָן מען אַוודאי קיין צייט ניט האָבן פאַר מיטינגען...

אַזוי האָט מען זיך אָפּגעוואוינט פון צו זאָגן אַ דעה אין דער יוניאָן. די יוניאָן איז פונדעסטוועגן געוואַקסן, ווייל אין אַרבעטער האָט מען זיך דאָך געניטיגט. אייניגע פון די פירער האָבן אויסגענוצט אָט־די לאַגע, די פּאַסיווקייט פון די מיטגלידער, דאָס נויטיגן זיך פון די באַלעבאַטים אין אַלץ מער „הענט", — אָט־דאָס האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו „מאַכן

אַ פּאָר דאָלער". זיי האָבן דאָס, חלילה, ניט גע׳גנב׳עט פון די אַרבעטער. פּאַרקערט: דורך דעם האָבן זיי די אַרבעטער גרויס נוצן געבראַכט... צום ביישפּיל: ווען איין באַלעבאָס האָט זיך געניטיגט אין עטלעכע גוטע באַל־מעלאָכעס, איז דער געשעפטס־אַגענט אַוועק אין אַ צווייטן שאָפּ, האָט אַוועק־גענומען עטלעכע גוטע באַלמעלאָכעס און זיי געשיקט אַהינצו. די אַרבעטער האָבן אין נייעם שאָפּ געקראָגן העכערע שכירות און דער געשעפטס־אַגענט פון דער יוניאָן האָט אויך ניט דערלייגט...

די פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס", וואו מנחם האָט געאַרבעט אין די מלחמה־יאָרן, איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער. שראַליע איז גע־וואָרן אַ זייער בכבוד׳יגער איד און גייט אַלע טאָג אין שול דאַוונען. בעני מיט די ברידער גייען אין שול בלויז אין די ימים־נוראים. אין שול האַלט מען פון זיי אָבער זייער אַ סך. דער רב אַליין קומט זייער אָפט אין שאָפּ אַריין זיי צו ווינטשן ברכה און הצלחה.

בעני האָט זיך גוט באַצויגן צו די אַרבעטער. אויך די אַנדערע ברידער זיינען זייער סטאַטעטשנע מענטשן געוואָרן. יעדער איינער פון זיי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ געוויסן דעפּאַרטמענט אין דער פירמע, און יעדער איינער פון זיי רעדט וועגן זיין אַרבעטער־פריינטלעכקייט.

מנחם האָט אין האַרצן געטראָגן אַ טיפע שנאה צו זיינע באַלעבאַטים. פון צייט צו צייט האָט ער אַפילו געטראַכט, אַז עס איז אַך־און־ווי צו די שולן, וואָס צאַצקען זיך אַזוי מיט אַט־דער משפחה...

בעני האָט ווי אַרויסגעלייענט פון מנחמ׳ס פּנים, וואָס עס טוט זיך ביי אים אין האַרצן. ווי פאַרנומען בעני איז ניט געווען, פלעגט ער מנחמ׳ען אָפט פאַרהאַלטן: וואָס זייט איר אַזוי ברוגז אויף אונז, ר׳ מנחם? די אַר־בעטער האָבן דאָס אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין: וואָס, אַ שטייגער, דרייט ער מיט דער נאָז?...

דעיוו איז אויך געווען איינער פון יענע געשעפטס־אַגענטן, וואָס האָבן אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט. קיין עולה אין דעם האָט ער ניט געזען: וואָסי? אַ יאָלד וועט ער זיין?! אויב אַ באַלעבאָס גיט געלט און דעם אַרבעטער קומט פון דעם קיין רעה ניט אַרויס, — טאָ פאַרוואָס ניט?

מנחם האָט אָבער גע׳טענה׳ט, אַז וויבאַלד מען נעמט ביי אַ באַלעבאָס געלט, איז מען שוין צו אים פאַרפליכטעט... פרויקע האָט אויך אַזוי גע־טענה׳ט, און דעמאָלט פלעגט דעיוו אויך מוזן איינשטימען. נאָר וואָס דען?

ער רעדט דאָס בלויז אין אַלגעמיין. ער אַליין איז דאָך ניט פון די יעניגע, וואָס נעמען געלט, — חס וחלילה!

אינדערהיים האָט מנחם גערעדט וועגן דעיוו׳ן ווי וועגן אַן אומערלעכן מענטשן. אָט, אַ שטייגער, האָט די פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס״ אָוועק־געשיקט אים, מנחמ׳ען, פון שאָפּ. אין די מלחמה־יאָרן איז ער פאַר זיי געווען גוט, — איצט האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַ געלינקטער און גיט ניט אַרויס גענוג אַרבעט. נו, איז דעיוו געקומען אין שאָפּ, אַריין אין אָפיס און איז דאָרט געזעסן אַ שטיק צייט. ווען ער איז אַרויסגעקומען פון אָפיס, איז אים בעני נאָכגעגאַנגען און גע׳טענה׳ט, אַז אין אַזעלכע שלעכטע צייטן קאָן מען קיין פּאַמעלעכע אַרבעטער ניט אָנהאַלטן. דעיוו האָט צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ און איז אַוועק, און מנחם איז געבליבן אויסערן שאָפּ.

מנחם האָט אין אָנהויב ניט פאַרשטאַנען: אויב, פונדעסטוועגן, בעני וויל זיך מיט דעיוו׳ן ניט איינרייסן, — טאָ פאַרוואָס האָט ער זיך גענומען צו זיין פעטער? שפּעטער אָבער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס״ האָט געשניטן די שכירות פון די אַרבעטער, — עס האָט זיך ניט געלוינט מנחמ׳ען האַלטן אין שאָפּ...

דערפאַר האָט מנחם זיך געפילט זייער גוט, ווען ער איז אין זיין לאָקאַל דערוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צום צוזאַמענפאָר...

4. קום, מיין חבר!

אויפן צוזאַמענפאָר האָט דער פּרעזידענט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן די אויפטואונגען פון דער יוניאָן: די יוניאָן איז אין די לעצטע עטלעכע יאָר געוואַקסן און שטאַרק געוואָרן.

די דעלעגאַטן האָבן אַפּלאָדירט דעם פּרעזידענט.

ווען פּרויקע האָט געבעטן דאָס וואָרט, האָבן אַלע דעלעגאַטן די אויגן אָנגעשטעלט. דער פּרעזידענט האָט אַ ווײַלע געשוויגן. ער האָט אָבער באַלד אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: ס׳הייסט, יאָ, דו קריגסט דאָס וואָרט!

פּרויקע איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שיטערע פּליעסקעריי. ער האָט אויסגעזען זייער ערנסט און אָנגעשטרענגט. אויף זיין קאָפּ האָבן פיל האָר געגרויט. ער האָט אָנגעהויבן:

— ווען די שניידער־יוניאָן איז געגריגדעט געוואָרן, האָט זי זיך גע־

שטעלט פֿאַר איר אויפֿגאַבע צו פֿאַרבעסערן און פֿאַרשענערן דעם שנײַדער׳ס לעבן. ביים היינטיגן צוזאַמענפֿאַר וואָלט געווען נויטיג צו רעווידירן די אַרבעט און זען, צי מיר האָבן די אויפֿגאַבן ריכטיג דורכגעפֿירט...

— ווער וועט דאָס רעווידירן אונזער אַרבעט? דו? — האָט אַ דעלע־גאַט זיך אויפֿגעשטעלט און געוואָרפֿן די פֿראַגע צו פּרויקע׳ן.

אין זאַל איז געוואָרן אַ טומל. אייניגע האָבן געשריען און געליאַרעמט: אַרונטער! אַנדערע האָבן געפּאַטשט מיט די הענט. דער פּרעזידענט האָט געקלאַפּט מיטן האַמער און איינגעשטילט.

פּרויקע איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפֿאָרמע און האָט מיט אַ צע־וויטאַגטן אויסדרוק אויף זיין פּנים צוגעקוקט די סצענע. ער האָט פֿאַר־געזעצט:

— איך ווייס, אַז אַ סך פֿון אייך האַלטן־אַן גוטע אַמטן און זיינען געגן אַ רעווידירונג. אַלס מיטגליד פֿון דער יוניאָן און אַלס איר גרינדער, האָב איך דאָס רעכט צו פֿאַרלאַנגען אַן ענדערונג אין די ביז־איצטיגע פּאַליסיס...

מער האָט פּרויקע ניט גערעדט. דער פּרעזידענט האָט צו אים אַ זאָג געטאָן:

— מיסטער־לעבן, איר זייט געקומען אַהער אונז ניט צו לאָזן אָנגיין מיט דער אַרבעט... אַזעלכע מענטשן זיינען ניט ווילקאָמען אין אונזער יוניאָן...

און באַלד זיינען צוגעקומען צוויי „דעלעגאַטן", האָבן פּרויקע׳ן גענומען אונטער די אָרעמס און אים מיט גוואַלד אַרויסגעפֿירט פֿון זאַל.

דעלעגאַטן האָבן זיך געטומלט. דער פּרעזידענט האָט ווידער געקלאַפּט מיטן האַמער. מנחם איז צו דער פּלאַטפֿאָרמע צוגעלאָפֿן און געוואָלט איבערשרייען דעם טומל:

— ברידער, איך בין אַן אַלטער יוניאָן־מאַן... איך קאָן באַשיינפּערלעך באַווייזן, אַז . . .

נאָר אויך צו אים זיינען צוגעקומען צוויי „דעלעגאַטן" און האָבן אויך אים אַרויסגעפֿירט פֿון זאַל.

ביי אָט־דעם צוזאַמענפֿאַר זיינען אין דער פֿירערשאַפֿט דערוויילט גע־וואָרן די זעלבע מענטשן, וואָס זיינען ביז איצט געווען אין דער אַדמיני־סטראַציע. דעיוו איז דערהויבן געוואָרן צו אַ העכערן אַמט: ער איז געוואָרן דער פֿאַרוואַלטער פֿון אַ גאַנצן דיסטריקט.

פרויקע איז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געקומען צו מנחמ׳ען אין הויז. זיי האָבן זיך געִישוב׳ט וואָס ווייטער צו טאָן. לייב און זיינע שוועסטער זיינען געווען זייער אַנטוישט אין דעם אויסגאַנג פון דעם צוזאַמענפּאָר.

— ביי אונז, — האָט זיך לייב אָפּגערופן, — איז שוין ניט אַזוי! מיר זיינען אויך ניט צופרידן מיט דער נאַציאָנאַלער פירערשאַפט, אין די לאָקאַלן אָבער רעדט מען וואָס מען וויל; מען דערווײלט אַפילו אמת־פּראָגרעסיווע מענטשן אין די עקזעקוטיוועס... זיי וואָלטן דאָס ביי אונז ניט געקאָנט טאָן...

לייב האָט גערעדט און פּרויקע האָט געקוקט אויף אים: זע נאָר מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג ער רעדט דאָס! אַך, ווי לאַנג איז עס, אַז ער, פּרויקע, איז אַזוי באַגייסטערט געווען?! און איצט? — ניטאָ ווער ס׳זאָל עפּעס טאָן, — ניטאָ!

לייב האָט ווייטער גערעדט:

— הערסט, ביי אונז זיינען פאַראַן זייער אַ סך פּראָגרעסיווע מענטשן, זיי זיינען זייער איבערגעגעבן דער יוניאָן... איך באַזוך אָפט זייערע מיטינגען...

מנחם איז געשטאַנען אין אַ זייט און געקוקט אויף זיין זון ווי ער רעדט. אויך נחמה׳קע האָט אויף אים געקוקט מיט ליבלעכקייט אין די אויגן. עטל האָט זיך געפּאָרעט אין הויז און אַלע ווײלע זיך אָפּגעשטעלט צו הערן דעם שמועס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט לייב פאַרבעטן פּרויקע׳ן צו באַזוכן זייערן אַ מיטינג. פּרויקע האָט די איינלאַדונג גערן אָנגענומען. ביי אָט־דעם מיטינג האָט ער געטראָפן אַ סך באַקאַנטע מענטשן. אַ פרישקייט האָט זיך געפילט אין זייערע רייד.

לייב האָט אויך גערעדט ביי אָט־דעם מיטינג. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס לייב איז אויפגעטראָטן ביי אָט־די מיטינגען. ווען ער איז פאַרטיג געוואָרן, האָט אים דער עולם זייער שטאַרק אַפּלאָדירט. ער אַליין געדענקט ניט, וואָס ער האָט געזאָגט. ער ווייס בלויז, אַז זיינע רייד האָבן אויסגענומען, אַז פּרויקע איז אים געלאָפן אַנטקעגן און אונטערן אָרעם געכאַפּט:

— קום, מיין חבר!

פון דעמאָלט אָן האָט אויך פּרויקע געקראָגן נייעם קוראַזש: נייִן, ער וועט עס אַזוי ניט לאָזן גיין.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן האָט פאַנאַנדערגעשיקט אַ ספּעציעלן בריוו, אַז מ׳זאָל פּרויקע׳ן ניט צולאָזן רעדן אין די לאָקאַלן, האָט ער דאָך געקראָגן דאָס וואָרט אין אַסך לאָקאַלן. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די אַרבעטער, וואָס האָבן געדענקט פּרויקע׳ן פון די פריערדיגע יאָרן, האָבן געפאָדערט, אַז מ׳זאָל אים לאָזן רעדן.

אינעם זשורנאַל, וואָס די באַלעבאַטים גיבן אַרויס, איז דערשינען אַן אַרטיקל, אין וועלכן פּרויקע איז אויסגעלאַכט געוואָרן: סטייטש, ווער איז ער, אָט־דער שוסטער פון דער היים, דער טורמעניק?! ער איז דאָך נאָך פון דער היים אַנטלאָפן אַלס פאַרברעכער און גנבֿ!

ווער האָט דאָס אַזוינס אָנגעשריבן? קיינער האָט ניט געוואוסט. אין האַרצן ביי זיך האָט אָבער פּרויקע געפילט, אַז דאָס האָט בעני געטאָן... אַי, וואָס ער איז שטומפּיק אויפן געשריבענעם וואָרט, נו, האָט עמיצער געשריבן וואָס ער האָט דערציילט...

און אין דעם יוניאָן־זשורנאַל איז דערשינען אַ גרויסער אַרטיקל פון דעיוו אַבראַנסקי׳ן. אין אָט־דעם אַרטיקל האָט זיך דערציילט, אַז פּרויקע איז קיינמאָל קיין ערלעכער מענטש ניט געווען... אַז ער האָט אַלעמאָל געזוכט אויסצונוצן די יוניאָן פאַר זיינע אייגענע צוועקן...

פּרויקע האָט אָט־די אַרטיקלען געלייענט, און דער קאָפּ האָט זיך גע־דרייט: פונדעסטוועגן, ווי איז דאָס מעגלעך? בעני?! דעיוו?! — אַזוי וויַיט אַוועקגיין!...

קאַפּיטל צוויי: דער לעצטער אַקט

1. אין שווערע מינוטן

אין שווערע מינוטן האָט פּרויקע געטראַכט וועגן נחמה׳קען. זי איז דאָך די איינציקע, וואָס איז פאַרבליבן פון יענע טעג. ער פלעגט דערפאַר אָפט צו איר גיין און פאַרברענגען מיט איר. זי אָבער פלעגט אים אַלעמאָל אויפנעמען ווי אַ גאַסט פון איר משפחה. זי האָט ניט געוואָלט טראַכטן וועגן די צייטן, ווען זי איז פּרויקע׳ס ליב קינד געווען. וואָס וועט זי וועגן דעם טראַכטן? פּרויקע האָט דאָך בלויז איבזינען די באַוועגונג. און זי? זי איז ניט ווי אַמאָל. לייב פאַרנעמט שוין איר פּלאַץ...

דאָס מאָל אָבער, ווען פּרויקע איז געקומען, האָט ער מאָדנע געקוקט אויף נחמה׳קען און לאַנג געהאַלטן איר האַנט. נאָכדעם האָט ער זיך אַנידער־געזעצט לעבן איר און געזאָגט:

— נו, נחמה׳קע, צו דיר קאָן איך דאָך רעדן; דו ווייסט דאָך בעסער, ווי וואָר־עס־איז אַנדערש, ווער פּרויקע איז געווען, — טאָ נאַ, כ׳בעט דיך, לייען איבער אָט־די אַרטיקלען...

נחמה׳קע האָט געלייענט די אַרטיקלען, און פּרויקע האָט איר בעת־מעשה אַריינגעקוקט אין פּנים צו זען איר מינע, וואָס וועט זי זאָגן?

און ס׳איז שווער צו דערקלערן: צי האָט פּרויקע פאַרגעסן, אַז נחמה׳קע לייענט אַרטיקלען וועגן אים, אָדער ער האָט זיך ניט פאַרגעסן, — זיין פּנים איז מיטאַמאָל בלאַס געוואָרן. ער האָט זיך פאַרטראַכט.

ווען נחמה׳קע האָט שוין געענדיגט לייענען די אַרטיקלען און אויפ־געהויבן דעם קאָפּ, איז נאָך פּרויקע אַלץ געזעסן אַ פאַרטראַכטער. נחמה׳קע האָט אויף אים געקוקט און געשוויגן. זי וואָלט זייער געוואָלט וויסן, וואָס פּרויקע טראַכט איצט.

און פּרויקע אַליין האָט דען געוואוסט וועגן וואָס ער טראַכט? אַ מיש־מאַש פון געדאַנקען: אָט, ווי לאַנג איז דאָס דען, אַז נחמה׳קע איז נאָך גאָר אַ קינד געווען, און ער, פּרויקע, האָט זי איבער די האָר געגלעט. און איצט? ווידער נאָענט זיינען זיי. נחמה׳קע איז, דאַכט זיך, ווידער אַ קליין מיידעלע, און פּרויקע גלעט זי איבער די האָר.

ער האָט זי ביי אַ האַנט אַ נעם געטאָן.

נחמה׳קע האָט געפרעגט:

— וואָס אַזוי פאַרטראַכט, פרויקע?

— אַה, יאָ, — האָט זיך פרויקע אַ כאַפּ געטאָן, — וואָס זאָגט איר עפּעס וועגן דעם?

— געזונקענע מענטשן, — האָט נחמה׳קע קורץ געענטפערט.

אין יענעם אָוונט זיינען זיי ביידע געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר אין אַ פּאַרק.

אַ לאַנגע צייט זיינען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. פּלוצלונג האָט פרויקע לאַכנדיק אַ פרעג געטאָן:

— נו, נחמה׳קע, דו האָסט דאָך שוין מער קיין מורא ניט פאַר דיין שטאָם?

נחמה׳קע האָט זיך אָפּגעשטעלט. עפּעס איז איר טונקל געוואָרן אין די אויגן.

— וואָסי, נחמה׳קע?

— גאָרניט, לאָמיר גיין!

זיי האָבן געשפּאַצירט אין אַ זאַמדיגער אַלייע פון פּאַרק. פון ביידע זייטן זיינען געשטאַנען בענק באַזעצט מיט מענטשן. יונגע פּאָרלעך זיינען געשטאַנען ביי די זייטן און געלעגן אויף די גראָזן.

פרויקע און נחמה׳קע האָבן ניט באַמערקט, ווי די פינגער זייערע האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן. זיי זיינען אויך אַרויף אויף די גראָזן. דאָס געזאַנג און מורמלעריי פון יונגע פּאָרלעך האָט זיי ווי פון שלאָף אויפגעוועקט. זיי האָבן זיך שטום איבערגעקוקט.

אַ ביסל שפּעטער זיינען זיי שווייגנדיגע געזעסן אונטער אַ בוים. זיי האָבן ביידע געקוקט אין דער ווייט.

מיטאַמאָל האָט פרויקע איבערגעריסן די שטילקייט:

— נו, זאָג, נחמה׳קע, וועגן וואָס טראַכסטו איצט?

נחמה׳קע האָט געקוקט פרויקע׳ן גלייך אין די אויגן אַריין:

— פרויקע, ס׳איז אַ מאָדנע וועלט!...

— נחמה׳קע, טייערע, — האָט פרויקע אָנגעהויבן גלעטן נחמה׳קען איבער די האָר, — ס׳זיינען אַזויפיל יאָרן אַריבער, זינט אונזער פריינט־

שאַפֿט. איך האָב שטענדיק באַוואונדערט דיין אָפּנהאַרציקייט; איך האָב דיך אַלעמאָל ליב געהאַט, נאָר האָב דאָס מורא געהאַט אויף מיינע ליפּן ברענגען. איך האָב מיין ליבע צו דיר אויסגעדריקט, ווי אַ פֿאָטער דריקט אויס זיין ליבע צו אַ קינד.

— ס׳איז געווען אַזוי גוט, פּרויקע! — האָט נחמה׳קע אַרויסגעמורמלט.

— וואָס איז געווען גוט, נחמה׳קע?

— דיין ליבע!

פּרויקע האָט אָנגענומען נחמה׳קען ביים קאָפּ מיט זיינע ביידע לאַדאָניעס; ער האָט איר געקוקט גלייך אין די אויגן:

— מיינסטו דאָס, נחמה׳קע?

נחמה׳קע האָט געשוויגן.

— פֿאַרוואָס שווייגסטו?

— איך שווייג צוליב דער זעלבער אורזאַך, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט געשוויגן. איך האָב מיט זיך אַ בושה אַרומגעטראָגן טיף אין מיין האַרצן, פּרויקע. איך האָב געטראַכט, אַז דו ווייסט פֿון דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיר, און אַז דערפֿאַר ביזטו אַזוי פֿרעמד פֿון מיר... נו, זאָג, האָסטו געוואוסט?

פּרויקע האָט זי אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט.

— נו, פֿאַרשטייסט, פּרויקע, — האָט נחמה׳קע ווייטער גערעדט, — אין צייט פֿון די פּאָגראָמען בין איך פֿאַרגוואַלדיקט געוואָרן. דאָס איז די גאַנצע צייט ווי אַ שטיין אויף מיין האַרצן געלעגן... אפשר האָט דאָס נאָך אויך צו טאָן מיט מיין שטאָם...

פּרויקע האָט נחמה׳קען ווייטער ניט געלאָזט רעדן. ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און אָנגעהויבן קושן. זיי זיינען נאָך לאַנג אַזוי געזעסן. גערעדט האָבן זיי ווייניק. וועגן וואָס איז דען דאָ צו רעדן, אַז די אַלע פֿאַרגאַנגענע יאָרן זיינען, דוכט זיך, ניט מער ווי חדשים, ווי טעג?...

אין עטלעכע טעג אַרום איז פּרויקע געקומען צו מנחמ׳ען און געפֿירט נחמה׳קען ביי אַ האַנט.

— נו, ווי געפֿעלט איך אייך עפּעס פֿאַר אַן איידעם, ברודער אַבראַנסקי?

מנחם האָט זיי ביידן שטום אָנגעקוקט. אַ ווײַלע האָט ער עפּעס גאָר־ניט געקאָנט אַרויסרעדן. באַלד אָבער האָט ער זיי ביידע אַרומגענומען:

— מיינע קינדער!

2. דאָס שטיקל פּאַפּיר

ווער זאָגט עס, אַז דעיוו און די אַנדערע פירער פון דער שניידער־יוניאָן ווילן ניט טאָן קיין גוטע אַרבעט פאַר דער יוניאָן? אויב אַזעלכע, ווי פּרויקע, זאָגן עס יאָ, וועלן אָט־די פירער טאַקע באַווייזן, אַז זיי זיינען אומגערעכט. וואָס איז דען די הויפּט־זאַך אין אַ יוניאָן? אָרגאַניזירן די אומאָרגאַניזירטע! — נו, אַוודאי וועלן מיר דאָס טאָן!

אַזוי האָט מען אָנגעהויבן רעדן צו די יוניאָן־מיטגלידער ביי די פאַר־זאַמלונגען.

עס האָט פּרויקע'ן זייער שטאַרק געוואונדערט די פּלוצימדיגע ענדע־רונג. נאָר מאַלע וואָס?! אפשר ווילן זיי צוריקגעווינען דעם צוטרוי פון די מיטגלידער; אפשר האָבן זיינע רעדעס ביי די מיטינגען געהאַט די נויטיגע ווירקונג; און אפשר ווילן זיי טאַקע עפּעס אויפטאָן — נו, אויב אַזוי, דאַרף מען זיי אַרויסהעלפן.

און פּרויקע האָט זיך צוריק גענומען צו דער אַרבעט. ס'איז אמת, אַז איצט האָט שוין פּרויקע קיין אָמט ניט אָנגעהאַלטן. ער האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ, פונדעסטוועגן, אַפילו נאָכן טאָג אַרבעט האָט ער אויך געקאָנט פיל אַרויסהעלפן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן רודערן אויף אַן אמת אין דער יוניאָן: אין דעם שניידער־פאַך איז פאַראַן אַ געוויסע פירמע, כמעט אַזוי גרויס און אַזוי רייך ווי די פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס". יענע פירמע האָט אָנ־געהאַלטן אַ ניט־יוניאָן־שאַפּ. יעדעס מאָל, ווען מען קומט פאָדערן פאַר־בעסערונגען פון די באַלעבאַטים, וואַרפן זיי באַלד אויף: „סטייטש, ווי קאָנען מיר נאָכגעבן די פאָדערונגען אין דער צייט, וואָס די אַנדערע פירמע דאַרף אינגאַנצן ניט נאָכקומען די יוניאָן־באַדינגונגען?"

איצט איז געקומען די צייט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון אָט־דער גרויסער פירמע.

דעיוו איז געווען דער אָנפירער פון אָט־דער קאָמפּאַניע. ער האָט גע־האַלטן אַזעלכע הייסע רעדעס, אַז אָפּט האָט זיך אַפילו פּרויקע'ן אויסגע־דאַכט, אַז ער מיינט דאָס מיטן גאַנצן האַרצן.

נאָך אַ סך וואָכן אַרבעט האָט מען אַרויסגערופן די אַרבעטער פון יענער פירמע אין סטרייק. אין די שניידער־שעפּער איז געוואָרן לעבעדיג: סטייטש, אַזאַ שאַפּ! דער באַלעבאָס האָט געטאָן אַלץ, כדי דעם סטרייק צו צעברעכן: ער האָט געדונגען סקעבס און זיי געצאָלט זייער הויכע שכירות; ער איז אַרומגעפאָרן צו די היימען פון די סטרייקערס און זיי צוגעזאָגט די בעסטע באַדינגונגען. אייניגע האָט ער איבערגערעדט און געבראַכט צוריק צו דער אַרבעט. דער שאַפּ איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פּאָליציי־וואַך — עס איז געווען מלחמה.

אַזוי זיינען אַוועקגעגאַנגען פיל וואָכן. דער סטרייק האָט דער יוניאָן אָפּגעקאָסט אַ סך געלט. מען האָט צוזאַמענגערופן פאַרזאַמלונגען פון די מיטגלידער און זיי האָבן זיך בייגעשטייערט און אויך געגעבן הלוואות צו דער יוניאָן אויף אָנצוגיין מיטן סטרייק.

איינמאָל, ביי אַזאַ פאַרזאַמלונג, איז אַן אַרבעטער צוגעקומען צו פּרויקע׳ן און אים געבעטן מיט אים אַרויסצוגיין אין דרויסן. דער אַרבעטער האָט פאַרלאַנגט, אַז פּרויקע זאָל מיט אים גיין ערגעץ אין אַ פּלאַץ, וואו קיינער וועט זיי ניט זען, ווייל ער האָט עפּעס וויכטיגעס מיט אים צו רעדן.

זיי זיינען אַוועק צו פּרויקע׳ן אַהיים. דאָרטן האָט דער אַרבעטער אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ ביכעלע. אינעם ביכעלע איז געלעגן אַ בלאַנק פון אַן אָפּגעריסענער קוויטאַנציע. אויף אָט־דעם בלאַנק איז געווען אָנגעשריבן, אַז מיסטער דעיוו אַבראַנסקי האָט געקראָגן דריי טויזנט דאָלער פון דער פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס״.

פּרויקע איז געבליבן שטיין אַ בלאַסער. ס׳האָט אים געקלאַפּט אין קאָפּ, ווי מיט אַ האַמער. ער האָט געדרייט דאָס שטיקל פּאַפּיר אויף אַלע זייטן. אין אַ זייט, אויפן בלאַנק, איז געווען אָנגעשריבן מיט זייער קליינינקע אותיות: „אַלס אויסגאַבן אויף דער־און־דער פירמע״...

דער אַרבעטער האָט דאָס אַריינגעקראָגן דורך אַ צופאַל. ער איז אַריין אין אָפיס צו פאַרבאַנדאַזשירן אַן אָפּגעברענטן פינגער. דער בוך איז געלעגן אַן אָפענער. עס האָט פּאַר זיינע אויגן אַ שווינדל געטאָן דער נאָמען „דעיוו אַבראַנסקי״. ער האָט געשווינד אַרויסגעריסן דאָס בלעטל פון בוך און איז אַרויס פון אָפיס.

פּרויקע האָט איצט די זאַך אַזוי פאַרשטאַנען: דעיוו האָט גענומען

געלט אויף אויסגאַבן פון ביידע צדדים: סיי פון דער יוניאָן, סיי פון די באַלעבאַטים. די באַלעבאַטים, און איבערהויפּט די פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס״, האָבן געוואָלט פּאַראַליזירן די אַרבעט אינעם גרויסן שאַפּ — דעיוו האָט זייער פּאַרלאַנג אויסגעפּילט בשלימות...

פּרויקע האָט אַרומגעשפּאַנט איבער זיינע חדרים אין אַ גרויסער פּאַר־לעגנהייט: וואָס טוט מען? זאָל ער אַרויסקומען אָפן צו די יוניאָן־מיט־גלידער — וועט ער דאָך שטערן דער אָרגאַניזיר־אַרבעט; זאָל ער דאָס פּאַרשווייגן — וועט ער דאָך באַגיין אַ גרויסן אומרעכט.

פּרויקע האָט צוזאַמענגערופן עטלעכע פון זיינע אַמאָליגע גוטע פריינט אין דער יוניאָן. ער האָט זיי אַלץ דערציילט. די אַרבעטער האָבן זיך גע־קאָכט: ניין, מ׳טאָר דאָס ניט פּאַרשווייגן... דער שאַפּ וועט אַלצאיינס אַזוי ניט אָרגאַניזירט ווערן...

עס איז באַשלאָסן געוואָרן דאָס פּאַרצוברענגען פאַר די מיטגלידער, אַריינברענגען קלאָגן געגן דעיוו׳ן ביים קומענדיגן מיטינג. נאָר ס׳איז שווער צו זאָגן ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט: נאָך אין דער זעלבער וואָך איז דעיוו געקומען אין דעם שאַפּ, וואו פּרויקע האָט געאַרבעט. אויף מאָרגן האָט דער באַלעבאָס אַוועקגעשיקט פּרויקע׳ן פון פּלאַץ — ניטאָ מער קיין אַר־בעט!... און ווען פּרויקע איז געקומען צום יוניאָן־מיטינג, האָט מען אים מודיע געווען, אַז ער איז דאָרטן מער קיין מיטגליד ניט, ווייל ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער שניידער־יוניאָן צוליב דעם, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ געהיימען מיטינג און קאָנספּירירט זי צו צעברעכן...

אין די שעפּער האָט זיך באַלד פּאַרשפּרייט אַ וואָרנונג, אַז ווער עס וועט וואַגן צו זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר פּרויקע׳ן, וועט אַרונטערגענומען ווערן פון דזשאָב... די שניידער האָבן געקוקט איינע די אַנדערע אין די אויגן — און מ׳האָט געשוויגן.

ווען פּרויקע האָט געפּרואווט רעדן צו דעיוו׳ן, האָט אים יענער גע־ענטפערט, אַז וויבאַלד ער, פּרויקע, זוכט צו פּאַרקאָכן אַ קאַשע, איז ער ווערט דעם שטעקן...

נו, וואָס קאָן פּרויקע ענטפערן? אין דער מינוט האָבן זיך בלויז אַ פּאָר בילדער אין די געדאַנקען אַ ווייז געטאָן: אָט שפּאַנט פּרויקע אַרום איבערן קליינעם חדר׳ל דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט, און דוד׳ל זאָגט,

אַז ער וועט פּרואוון גיין זיין אייגענעם וועג... אָט לייענט נחמה׳קע אַ בריוול פון דוד׳לען און שטאַמלט אַרויס: איך האָב מורא פאַר מיין שטאַם...

פרויקע האָט געזוכט מיטלען, ווי אַזוי צוריקצוקומען אין דער יוניאָן. ער האָט אַפּעלירט צו די העכערע באַאַמטע. עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. פאַר אים האָבן זיך אַלע טירן פאַרמאַכט. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער אַקט — וואָס קאָן נאָך ערגער זיין?...

קאַפּיטל דריי: לייב

1. ניין, מ׳טאָר ניט שווייגן!

לייב איז געווען זייער שטאַרק פּאָרנומען אין דער יוניאָן פון די פּרויען־קליידער אַרבעטער. ער האָט אַפילו קיין צייט ניט געהאַט צו רעדן מיט פּרויקע׳ן וועגן די לעצטע געשעענישן אין דער שניידער־יוניאָן. נאָר איינמאָל, ווען לייב האָט זיך מיט פּרויקע׳ן דורכגעשמועסט און דערשפּירט זיינע האָפענונגסלאָזע שטימונגען, איז ער אויפגעשפּרונגען ווי אַן אָפּ־געבריטער:

— פּרויקע, דו רעדסט אַזוי?! ניין, אונזער וועג איז ניט אויסגעשפּרייט מיט בלומען. אָבער פאַלן מיר איינמאָל דורך — מוז מען פּרואוון אַ צווייט מאָל.

און לייב האָט ניט בלויז גערעדט אַזוי צו פּרויקע׳ן. ער האָט אַזוי אויך גערעדט צו די מיטגלידער אין זיין יוניאָן. אין דער פּרויען־קליידער־אינדוסטריע האָט מען אויך אָנגעהויבן שניידן שכירות און ניט נאָכקומען די יוניאָן־באַדינגונגען פון דעם קאָנטראַקט. לייב און זיינע נאָכ־פאָלגער האָבן אויף די מיטינגען געפאָדערט, אַז אַזוי טאָר מען דאָס ווייטער ניט לאָזן גיין, מען דאַרף אַרויסשטעלן צו די באַלעבאַטים אַן אולטימאַטום: קערט־אום די פריערדיגע שכירות און קומט־נאָך די באַדינגונגען פון דעם יוניאָן־קאָנטראַקט, אַז ניט וועלן מיר אַרויסגיין אין סטרייק.

די אַרבעטער האָבן זייער שטאַרק ליב געהאַט לייב׳ן. ווען ער פלעגט רעדן, האָט אַלעמאָל געהערשט אַ טויט־שטילקייט. ס׳האָבן זיך אַרום אים שטענדיג געקליבן גרופּעס אַרבעטער, וועלכע האָבן אים ממש „פאַר־געטערט״.

דער סעזאָן קומט נעענטער. די אַרבעטער ווערן אומרואיג. לייב רעדט אין די לאָקאַלן פאַר זיין פּראָגראַם. די באַאַמטע אָבער פון דער נאַציאָ־נאַלער יוניאָן טענה׳ן, אַז אַ סטרייק טויג ניט, ווייל דער קאָנטראַקט איז נאָך גוט אויף גאַנצע צוויי יאָר.

— טאָ פֿאַרוואָס־זשע שניידן זיי שכירות? פֿאַרוואָס נעמט איר ניט די באַלעבאַטים אין געריכט? — האָט לייב געפֿרעגט.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז דער קאָנטראַקט אַנטהאַלט ניט די נויטיגע שטאַרקע פּונקטן, וואָס זאָלן אויסהאַלטן די געריכטלעכע פּראָצעדור. די פֿירער האָבן זיך פֿונדעסטוועגן אייגעקלאַמערט אין דעם קאָנטראַקט. לייב האָט דאָס דערקלערט ביי די פֿאַרזאַמלונגען. ער האָט געוואונען אויף זיין זייט ניט נאָר די מיטגלידערשאַפֿט, נאָר אויך די פֿאַרשיידענע עקזעקוטיוו־באָארד מיטגלידער און די באַאַמטע פֿון די גרעסטע לאָקאַלן.

מיטאַמאָל האָבן די נאַציאָנאַלע באַאַמטע געלאָזט וויסן: גוט, אויב איר ווילט, וועלן מיר דאָס לאָזן ביזן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער יוניאָן.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט געזאָלט פֿאָרקומען אין אַ קורצער צייט אַרום. אַלע זיינען געווען צופֿרידן מיטן אויסוועג — זאָל דער צוזאַמענפֿאָר באַשליסן...

נאָר אַ פּאָר וואָכן, איידער דער צוזאַמענפֿאָר איז פֿאָרגעקומען, האָט עפּעס פּאַסירט: אין איין נאַכט איז מען באַפֿאַלן די אָפֿיסעס פֿון די גרעסטע לאָקאַלן, וואו לייב׳ס איינפֿלוס האָט דערגרייכט, מ׳האָט אַוועקגענומען די ביכער און אַלע אַנדערע וויכטיגע פּאַפּירן און רעקאָרדס. אין דעם יוניאָן־זשורנאַל, וואָס איז אַרויסגעקומען מיט אַ ספּעציעלער אויסגאַבע, איז דערשינען אַ נייעס, אַז די נאַציאָנאַלע באַאַמטע האָבן איבערגענומען די לאָקאַלן, ווייל די פֿירער האָבן זיך ניט אויפֿגעפֿירט ווי געהעריג. נייע באַאַמטע וועלן אינגיכן דערוויילט ווערן און די יוניאָן וועט אָנגיין מיט דער אַרבעט ווי געווינלעך.

ווען לייב האָט זיך דאָס דערוואוסט, איז ער געבליבן ווי געפּלעפֿט: אָה, ווי איז דאָס מעגלעך? ער איז געקומען צו לויפֿן אין אָפֿיס און האָט דאָרטן אַרומגעוואַנדערט, ווי אין וואַנזין, פֿון חדר צו חדר. ער האָט באַטראַכט דעם גרויסן חורבן און צו זיך אַליין גערעדט: נו, וואָס וועט איצטער זיין?

מיטאַמאָל איז לייב אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט:

— ניין, מ׳טאָר ניט שווייגן! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די אַרומיגע יוניאָן־באַאַמטע פֿון די לאָקאַלן. ער איז געלאָפֿן אין די אָפֿיסעס און היימען פֿון די אַרויסגעוואָרפֿענע באַאַמטע. מ׳האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג וועגן וויטערדיגע פּלענער. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פֿאַררופֿן אַ גרויסע

פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון אַלע לאָקאַלן אין שטאָט — זאָלן זיי באַשליסן וואָס צו טאָן.

אין עטלעכע שעה אַרום זײַנען שוין טויזנטער צירקולאַרן פאַרשפּרייט געוואָרן אין מאַרקעט און אין די שעפּער. אין אָט־די צירקולאַרן האָט זיך אין קורצן דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט. די אַרויסגעוואָרפענע באַאַמטע, מיט לייב׳ן בראש, האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף אָט־דעם צירקולאַר און גערופן די יוניאָן־מיטגלידער צו אַ גרויסער מאַסן־פאַרזאַמלונג.

הערצער האָבן אימפּעטיק געקלאַפּט: וואָס וועט דער ענטפער זיין?...

2. נייע צייטן קומען

וער־זשע האָט זיך אויף דעם געריכט? נאָך איידער די שעה פון דער פאַרזאַמלונג איז געקומען, האָבן שוין די פרויען־קליידער־אַרבעטער גע־שטראָמט צום פּלאַץ. גאַנצע מחנות זיינען זיי געקומען. מען האָט גערעדט און זיך געהיצט. אויגן האָבן זיך מיט פינקלדיגע בליקן באַגעגנט: זע נאָר, זע, ווי מ׳קומט!

און באַלד האָט מען מיט פאַר׳חידוש׳טע און פריידיגע אויגן דערציילט איינע די אַנדערע: מענטשן שטייען אינדרויסן... מען האָט געמוזט נעמען אַ צווייטן פּלאַץ...

מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ פליעסקעריי. אַ גרופּע יוניאָן־טוער איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע. דער ערשטער גייט לייב. ער טרעט מיט אַ גע־שווינדן יוגנטלעכן טראָט און וואַרפט פריידיגע בליקן אַרום.

ס׳האָבן גערעדט אַ פּאָר רעדנער וועגן דער לאַגע אין דער יוניאָן פון די פרויען־קליידער אַרבעטער. די פאַרזאַמלטע האָבן די רעדנער אַפּלאָ־דירט.

נאָר אָט האָט זיך ווי עפּעס אַ וואַרים ווינטל אַ יאָג געטאָן, און אַלעמען אין די אויערן אַריינגעשושקעט: „לייב וועט באַלד רעדן, — לייב!"

נאָך איידער דער פאַרזיצער האָט אָנגעזאָגט דעם נאָמען, זיינען שוין אַלע פאַרזאַמלטע געשטאַנען אויף די פיס, געוואָרפן אויסרופן און גע־פּאַטשט מיט די הענט. לייב איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע און ווי אַ פאַרשעמט אינגל געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.

לייב האָט אָנגעהויבן רעדן:

— די איצטיגע גרויסע פאַרזאַמלונג באַווייזט, אַז איר זייט איינ־שטימיג מיט אונז און ניט מיט די הויכע באַאַמטע פון אונזער יוניאַן. אויב זיי האָבן אונז אויסגעשלאָסן, האָבן זיי, הייסט עס, זיך געשטעלט געגן דעם ווילן פון די צענדליגער טויזנטער פרויען־קליידער־אַרבעטער...

די פאַרזאַמלטע האָבן אויסגעדריקט זייער איינשטימיגקייט מיט אַ נאָכאַנאַנדיגער פּליעסקעריי. לייב האָט געקוקט אויף דער מאַסע אַרבעטער און זיי געפּרוּוואוט איינשטילן. ער האָט מיט פּאַטאָס אין זיין קול אויס־געשריען:

— איז אויף דעם וועלן מיר ענטפערן: די יוניאַן איז אונזערע און מיר וועלן זי פאַרוואַלטן. קיינער וועט זי פון אונז מיט גוואַלד ניט אַוועק־נעמען!...

ווי אַ שטורעם, האָט דער ים מיט מענטשן זיך אַ הויב געטאָן. ווער עס האָט געפּאַטשט מיט די הענט און ווער עס האָט געשריען; ווער עס האָט געפייפט און ווער עס האָט מיט די פיס געטופעט, — אַלע האָבן מיט פרייד אויפגענומען לייב׳ס ווערטער. עמיצער האָט אַריינגעבראַכט אַ פאָר־שלאַג, אַז מען זאָל איבערגעבן לייב׳ן מיט זיין אַקטיוו די פולמאַכט אויס־צואַרבעטן אַ פּלאַן ווי אַזוי וויטער אָנצופירן די אַרבעט. אָט־דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג.

דער עולם איז זיך נאָכדעם צעגאַנגען אין אַ פריילעכער שטימונג. צווישן דעם עולם האָט מען געהערט רעדן: „לייב, לייב...“

קאַפּיטל פיר: שוועסטער

1. ווען זיי וואָלטן נאָר געווען מענטשן מיט פאַרשטאַנד

עס איז טאַקע אמת, אַז די משפחה פון עלף איז באַזאָרגט מיט פרנסה און מיט אַלדאָס גוטס. די זין האָבן זיך אַלע אָפּגעזוכט מיידלעך און חתונה געהאַט. די משפחה האַלט זיך אין איין מערן. נאָר עפּעס צו די צוויי מיידלעך האָט שראַליע, סידני גאַרב, קיין מזל ניט. דאַכט זיך, וואָס? קיין נדן וואָלט זיי דאָך ניט אויסגעפעלט, און די צוקונפטיגע איידעמס וואָלט קיין פרנסה אויך ניט געפעלט; נישקשה, מ׳וואָלט שוין פון זיי געמאַכט מענטשן צו לייטן גלייך, — נו, איז ווי אויף צו־להכעיס: ניטאָ קיין בעלנים.

דערפאַר איז די פרייד געווען זייער גרויס, ווען איינמאָל איז די עלטערע טאָכטער געקומען מיט אַ בחור און האָט אים פאָרגעשטעלט אַלס איר „באַי־פרענד". גיי ריכט זיך היינטיגע צייטן: דאַכט זיך, געווען שווער צו קריגן איינעם, און דאָ מיטאַמאָל — האָסטו דיר אַ חתן.

אַזוי האָט שראַליע באַמערקט צו בעני׳ן. מ׳האָט אַריינגענומען דעם בחור אין די הענט אַריין. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער אַרבעט ביי פּרויען־קליידער, און אַז ער איז שטאַרק באַהאַוונט אין אַט־דעם פאַך. בעני האָט שוין געטראַכט וועגן אַריינבעמען אים צו זיך אין שאַפּ, און זאָל ער ווערן איינער פון דער משפחה.

נו, וואָלט אפשר טאַקע אַזוי געווען, נאָר עס האָט פּאַסירט, אַז ביי אַ שמחה׳לע, וואָס מען האָט געפּראַוועט טאַקע לכבוד דעם פּאָרל, האָט מען זיך וועגן דעם צערעדט. דעיוו אַבראַנסקי, וועלכער איז דאָרטן אויך געווען, האָט זיך פלוצלונג אַ דריי־אויס געטאָן צו בעני׳ן און זיך אָפּגערופן:

— הער, איך זע ניט איין, צוליב וואָס איר דאַרפט זיך אַלע איינ־קרעמפּעווען אין איין שאַפּ און אין איין פאַך. דער יונגערמאַן איז באַהאַוונט אין דער אַרבעט פון פרויען־קליידער, — נו, עפנט מען פאַר אים אַ שאַפּ פון פרויען־קליידער, מען שיקט אַריבער אַ פּאָר ברידער אַהין און „סידני גאַרב ענד סאַנס" האָט נאָך אַ שאַפּ אין אַנדער פאַך, — וואָסי?

דעיוו האָט דאָס אַרויסגערעדט און די ברידער האָבן זיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן: טאַקע, פאַרוואָס ניט?

בעני האָט געקלאַפּט דעיוו׳ן איבער דער פּלייצע און ס׳האָט אים בשעת־מעשה שטאַרק פאַרדראָסן פאַרוואָס דער געדאַנק איז אים, בעני׳ן, ניט איינגעפאַלן: סטייטש, אַזאַ געניאַלער געדאַנק! ס׳איז מיטאַמאָל פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז אַזוי וועט דאָס טאַקע זיין. נאָכדעם האָט שוין בעני גערעדט וועגן דעם אָפן: פאַרוואָס זאָל טאַקע די פירמע „סידני גאָרב ענד סאָנס" ניט האָבן נאָך אַ מאַרקעט? נישקשה, די משפחה פון עלף קאָן דאָס באַווייזן!

עס האָט לאַנג ניט גענומען און אַזאַ שאַפּ איז געעפנט געוואָרן. די גאַנצע משפחה איז געגאַנגען באַטראַכטן אָט־דעם שאַפּ און האָט געקליבן נחת. מ׳האָט אויך אַראָפּגעבראַכט דעם רב פון שול און ער האָט זיי אַלעמען געוואונטשן הצלחה. דעיוו האָט געשמייכלט צו זיך, ווען ער האָט דעם רב דערזען. בעני האָט דאָס באַמערקט און אים געגעבן צו פאַרשטיין: דאָ אין אַמעריקע דאַרף מען זיך אויסטויגן; וואָס אַרט דאָס אים, אַז אַ רב מאַכט ביי אים אַ פּאָר דאָלער? אגב, קיינער ווייסט ניט, וואו דער אמת׳ער זין פון לעבן ליגט...

אַזוי האָט בעני געזאָגט צו דעיוו׳ן און האָט טאַקע דערביי געהאַלטן אַ קורצע רעדע. ער האָט גערעדט וועגן דער נויטיגקייט פון איניציאַטיווע און אונטערנעמונגס־קראַפט...

דעיוו האָט זיך געוואונדערט פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען צו בעני׳ן אַזעלכע רייד, נאָר וואָס איז דען דער חידוש? ער איז דאָך פאַרט דער הויפּט פון אַזאַ גרויסער פירמע: „סידני גאָרב ענד סאָנס".

די משפחה האָט פרייער אָפּגעאָטעמט: הייסט עס, שוין אַ שוועסטער אויך חתונה געמאַכט. איצט שטעלט זיך נאָך בלויז אָפּ די אינגערע שוועס־טער. נו, מיט יענער איז שוין קיין דאגה ניט. ערשטנס, איז זי נאָך יונג; צווייטנס, איז זי טאַקע אַ שיינע. קיין געלט וועט איר דאָך אויך ניט אויס־פעלן, — נו, טאָ וואָס, כ׳בעט אייך, קאָן זיין די מניעה?

די איינציגע זאַך, וואָס פאַרשאַפט זיי יאָ אַ ביסל עגמת־נפש, איז וואָס אָט־די שוועסטער איז פון עפּעס זייער באַאומרואיגט. זי גייט אַזוי אַרום שוין פון אַ שטיקל צייט און וויפיל מען פּרוווט צו דערגייך, וואָס ס׳איז מיט איר געשען — שוויגט זי.

קאָנען די עלטערן און קינדער ניט באַגרייפן: וואָס איז געשען מיט צירל'ען? זיי וויסן, אַז ביז ניט לאַנג צוריק איז זי געווען צופרידן און פריילעך. וואָס־זשע האָט עס מיטאַמאָל אין איר אַזאַ ענדערונג אַרײַנגעבראַכט?

בעני דערמאָנט זיך: איינמאָל, שוין נאָך דער עלטערער שוועסטער'ס התונה, ווען ער איז שוין געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן וואָס עס גייט־אָן אין דער יוניאָן פון די פרויען־קליידער־אַרבעטער, האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין שוועסטערל:

— הער, צירעלע, טו זיך אָן און כאַפּ זיך אַריבער צו זייערער אַ פאַרזאַמלונג. לאָמיר אָקאָרשט הערן, וואָס דאָרטן קומט פאָר.

האָט זיך צירל אָנגעטאָן און איז אַוועק. קומענדיג צוריק, האָט זי דערציילט בעני'ן, אַז עס האָט זיך דאָרטן זייער פיל געטאָן, אַז אייבער פון די פירער האָט געהאַלטן אַזאַ שטאַרקע רעדע, אַז די אַרבעטער האָבן דעם זאַל שיעור ניט צעגומען מיט זייערע אַפּלאָדיסמענטן.

בעני האָט דאָס אויסגעהערט און זיך פאַרטראַכט: ניין, זיין נייער שאַפּ טאָר ניט ווערן קיין יוניאָן־שאַפּ. עס איז ערשט אַ נייע פירמע, און זי מוז אַריינקריגן דעם מאַרקעט. דערפאַר דאַרף זי פאַרקויפן ביליגער ווי אַנדערע, — טאָ ווער קאָן דאָס אָנהאַלטן אַ יוניאָן־שאַפּ? אגב, ווער דאַרף דאָס וויסן פון זייערע קריגערייען אין דער יוניאָן? — מיר דאַרפן האָבן אַזעלכע אַרבעטער, וואָס זאָלן אינזינען האָבן די אַרבעט און ניט די יוניאָן־קריגערייען.

צו זיין שוועסטער צירל'ען האָט זיך דאַן בעני ניט צוגעקוקט. ערשט איצט דערמאָנט ער זיך, אַז אָט פון דעמאָלט אָן גייט זי דאָס אַרום אַזוי פאַרטראַכט, — טאָ וואָס קאָן דאָס זיין?

צירל האָט גאָרניט גערעדט. יעדן אָוונט פלעגט זי אַוועקגיין פון הויז און קומען אַהיים זייער שפּעט. איינמאָל האָט בעני אָפּגענומען אַ גרוס, אַז מ'האָט צירל'ען געזען ביי אַ מיטינג פון די פרויען־קליידער־אַרבעטער. בעני'ן האָט דאָס שטאַרק הנאה געטאָן: ס'הייסט, אַז זי גייט אויסגעפינען, וואָס דאָרטן קומט פאָר.

אַ סימן: ווען בעני האָט צירל'ען וועגן דעם איבערגעפרעגט, האָט זי ניט געלייקנט. פאַרקערט, זי האָט אים דערציילט אַלץ וואָס דאָרטן קומט־פאָר. אָט־דאָס וואָס זי, צירל, האָט אים דערציילט, האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק

אויף אים, און ער האָט ביי זייך באַשלאָסן זיך מער ניט נאָכצופרעגן: ביש־קשה, בעני׳ן וועט מען ביי דער נאָז ניט פירן!...

פונדעסטוועגן, ווען זיי וואָלטן געווען מענטשן מיט פאַרשטאַנד, ווי דעיוו, אַ שטייגער, איז — וואָלט אַנדערש געווען. וואָס אַרט דאָס אים, אַז זיין ערשטער שאָפּ איז אַ יוניאָן־שאָפּ? פאַרקערט, ווען ער בויטיגט זיך אין אַרבעטער, טוט ער אַ רוף־אָפּ אין דער יוניאָן און אַרבעטער זיינען פאַראַן. וועגן די אַלע אַנדערע זאַכן זיינען זיי זייער יושר׳דיג — זיי זיינען מענטשן מיט פאַרשטאַנד... אָבער אָט־די „פּראָגרעסיווע" אין דער פּרויען־קליידער־יוניאָן, — זיי ווילן גאָר דעם משיח ברענגען אויף איין מאָל, און די אַרבעטער זאָלן האָבן די גאַנצע דעה אין שאָפּ — ניין, ניט ביי בעני׳ן!

בעני הויבט ווידער אָן טראַכטן וועגן צירל׳ען: אָה, אפשר דערפאַר טאָקע גייט זי אַרום אַזאַ אומעטיגע? זי האָט אַוודאי מורא פאַר אָט־יענער חברה! אָט־דאָס קער דאָס טאָקע זיין!...

בעני האָט געפּרואווט רעדן צו צירל׳ען און זי באַרואיגן: זאָל זיך צירל ניט שרעקן, — מיט „סידני גאַרב ענד סאָנס" וועלן זיי גאָרנישט ניט קאָנען טאָן, ווייל ער, בעני, איז אויך אַמאָל אַ יוניאָן־מאַן געווען און ווייסט מיט וואָס אַ יוניאָן צו סטראַשען — ס׳עט זיין אָלראַיט!

צירל האָט געשוויגן און געקוקט מיט זייער אומעטיגע אויגן אויף בעני׳ן. בעני האָט זיך פאַר איר קוק דערשראָקן. ער האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן איבערן חדר און רעדן צו זיך אַליין:

— זיי האָבן דאָס קינד איבערגעשראָקן...

2. צ י ר ל

ווען די גאַנצע משפחה פון עלף איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, זיינען די צוויי מיידלעך באַלד אַוועק אין שול זיך לערנען. די צוויי שוועסטער זיינען געווען אַנדערש איינע פון דער אַנדערער. די עלטערע האָט ווייניג־וואָס ליב געהאַט דאָס לערנען. ווען זי האָט געהאַט אַ געלעגנהייט ניט צו גיין אין שול, האָט זי דאָס געטאָן.

צירל, די קלענערע שוועסטער, האָט זייער ליב געהאַט דאָס לערנען. זי איז געווען אַן ערנסט מיידל. זי האָט באַזונדערס ליב געהאַט צו שרייבן וועגן ליטעראַטור און פאַרפאַסן אַליין סקיצעס.

אַ סך פון די שול־מיידלעך האָבן פון צירל׳ען חוזק געמאַכט. זיי האָבן זי גערופן „אַלד־פעשאַנד״. זי האָט אָבער פון דעם קיין וועזן ניט געמאַכט.

אין זומערדיגע טעג, ווען אַלע אירע שול־חבר׳טעס האָבן אַרומגעטאַנצט איבער פּאַרקן און זיך געשפּילט אויף שיפלעך, אָדער אַנדערשוואו פאַרבראַכט, איז צירל געזעסן אין אַ ביבליאָטעק אָדער אין אַ פּאַרק און געשטודירט.

בעני און די ברידער האָבן דאָס איר אַפילו פירגעהאַלטן: וואָס, אַ שטייגער, וויל זי ווערן? אַ דאָקטאָרשע? צו וואָס דאַרף אַ מיידל האָבן אַט־די אַלע זאַכן? דער מאַן אירער וועט שוין מאַכן פאַר איר אַ לעבן אָן איר דאָקטאָריי...

צירל האָט געלאַכט און זיי געענטפערט, אַז זי וועט נאָך אפשר טאַקע אַמאָל זיין אַ דאָקטאָר...

ווען צירל איז אַריין אין אוניווערסיטעט, האָט די משפּחה געפּראַוועט אַ גרויסע שמחה. מען האָט אַנגעהויבן האָבן גרויס אָפּשיי פאַר זייער געלערנטער טאָכטער און שוועסטער. צירל האָט זיך אָבער געהאַלטן זייער פּראָסט. ביי דער שמחה האָט זי געזאָגט עטלעכע ווערטער צו די אַנוועזנדע, אַז ניט בילדונג און ניט געלט איז דער עיקר אין מענטשנ׳ס לעבן; דער עיקר איז: דער כאַראַקטער און אויפפירונג פונעם מענטשן אַליין.

אַלע האָבן זיך געוואונדערט: פונוואַנען נעמען זיך אַזעלכע ווערטער צו אַ טאָכטער פון סידני גאָרב?

אין אוניווערסיטעט האָט צירל געטראָפן אַן אַנדער סביבה, ווי אין די נידעריגערע שולן. דאָרטן האָט זיך געפילט אַ מער ערנסטע באַציאונג צום לערנען.

צירל האָט אויך אַנגעהויבן באַמערקן אַ גרופּע סטודענטן, וואָס האַלטן זיך שטענדיג אינאיינעם און פרעגן ביי די פּראָפעסאָרן פאַרשיידענע פראַגן וועגן דעם געבוי פון דער געזעלשאַפט. די פראַגן זיינען צירל׳ען זייער געפעלן געוואָרן, כאָטש די פּראָפעסאָרן זיינען געווען ברוגז אויף אַט־די פראַגע־שטעלער.

צירל האָט זיך אַנגעשלאָסן אָן אַט־דער גרופּע. אויך זי האָט איינגיכן אַנגעהויבן שטעלן פראַגן ביי די פּראָפעסאָרן, און אויך אויף איר האָבן זיי אַנגעהויבן קוקן קרום.

נאָר ווער עמען אַרט דאָס? זי איז דאָך דווקא מיט אַט־דער גרופּע זייער

צופרידן. מיט זיי פילט זי זיך אַזוי היימיש און גוט, — טאָ זאָלן די פראָפעסאָרן זיין ברוגז...

די גרופּע האָט אויך אָפּט גערעדט וועגן דעם, וואָס עס קומט־פאָר אין די אַרבעטער־קרייזן. זיי האָבן גערעדט וועגן די שוועסטער און ברידער זייערע, וואָס אַרבעטן אַליין אין די שעפּער און באַטייליגן זיך אין בויען די יוניאָנס. דאָס אַלץ איז פאַר צירל׳ען געווען ניי. מענטשן ליידן צוליב זייערע פּרינציפּן, — ווי איידל דאָס איז! נאָר ווי קומט זי צו דעם? אַז זי איז דאָך אַליין אַ פאַבריקאַנט׳ס אַ טאָכטער... אַז זי איז דאָך אַליין אַ ווייטע, אַ פרעמדע פון די אַרבעטער?!...

3. ווער ווייס וואָס אַ געבילדעט מיידל קאָן טראַכטן?

ווען בעני האָט געבעטן צירל׳ען צו גיין צו דער יוניאָן־פאַרזאַמלונג, איז זי געווען זייער צופרידן. דאָס האָט איר געגעבן די געלעגנהייט צו זען מיט אירע אייגענע אויגן וואָס דאָרטן קומט־פאָר — אַ זאַך, וואָס איז איר ביז איצט גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן.

און נאָך אַ זאַך איז צירל׳ען ביז דעמאָלט ניט איינגעפאַלן: זי האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט צו זען אַזאַ גרויסן באַגייסטערטן עולם, אַזוי פיל לעבן... עס איז דאָך אַ מחיה צו זיין מיט זיי און דאָס אַליין דורכלעבן... זי האָט זיך אויך ניט געריכט צו הערן אַזעלכע פיינע רעדעס.

איבערהויפּט האָט צירל׳ען איבערראַשט די רעדע פונעם הויפּט־פירער, לייב אַבראַנסקי. אַך, וואָס פאַר אַ זעלטענער מענטש דאָס איז! ווי גוט דאַרף זיך דאָס איינער פילן, ווען זיין וואָרט צינדט טויזנטער הערצער!...

צירל איז ביי אָט־יענעם מיטינג געזעסן ווי אין אַ קאָשמאַר. זי האָט מער קיינעם ניט געזען אויסער אָט־יענעם יונגן רעדנער. וואָס טויג איר די בילדונג, און וואָס טויג איר די רייכקייט? אָט, ווען זי וואָלט געקאָנט זיין לעבן אָט־יענעם בחור!... נאָר ווי קומט זי צו דעם, אַז זי איז גאָר אַ טאָכטער פון סידני גאָרב!...

צירל האָט אָנגעהויבן אָפּט באַזוכן די מיטינגען, וואו לייב האָט גערעדט. זי איז אים אויך אַ סך מאָל נאָכגעגאַנגען, אָפּמאַכנדיק ביי זיך, אַז זי וועט צו אים צוגיין און בעטן זיין באַקאַנטשאַפט. טאָ ווער ווייס, ווי

זי האָט געפילט יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט מיט גאָרניט, ווייל לייב איז קיינמאָל ניט געווען אַליין. ער איז שטענדיג געווען אַרומ־געריגגלט מיט אַרבעטער, וועלכע האָבן מיט אים געשמועסט און פראַגן געשטעלט, — טאָ וואו קומט זי אין דער מיט ?

דערפאַר אָבער אין איר סטודענטן־קרייז האָט צירל אָנגעהויבן רעדן גאָר מיט אַן אַנדער טאָן. די פראָפעסאָרן האָבן אויף איר געקוקט מיט בייזע בליקן און זי זייער אָפט גערופן: „די אומצופרידענע רייכע״...

אין דער היים האָט קיינער וועגן דעם ניט געוואוסט. די משפחה האָט אָבער יאָ געוואוסט, אַז עפּעס איז געשען מיט צירל׳ען. יעדער איינער האָט אַרויסגעזאָגט וועגן דעם אַן אַנדער השערה. צירל האָט גאָרנישט ניט גע־ענטפערט אויף זייערע פראַגן, נאָר פון צייט צו צייט אַ שמייכל געטאָן און באַמערקט:

— לאָזט צורו אייער צירל׳ען. זי איז דאָך עפּעס אַ טאָכטער פון סידני גאָרב... זי וועט איר שטעטל אַליין באַשטיין...

האָבן עלטערן און ברידער געשוויגן: ווער ווייס, נאָך אַלעמען, וואָס אַ געבילדעטע מיידל קאָן טראַכטן ?!...

קאַפּיטל פינף: די נייע יוניאָן

1. לייב׳ס אַרויסהעלפער

פּרויקע איז אַ שטיק צייט אַרומגעגאַנגען ליידיג, און זיך ניט געהאַט צו וואָס צו נעמען. אין קיין יוניאָן־שאַפּ האָט ער קיין דזשאָב ניט געקאָנט קריגן. אין די אָפּען־שעפּער וואָלט מען דאָך אים אַוודאי ניט אַריינגעלאָזן.

פּרויקע האָט איינמאָל גראָד יאָ געקראָגן אַרבעט אין אַ ניט־יוניאָן־שאַפּ. ער האָט דאָרטן אָפּגעאַרבעט עטלעכע טעג ביי דער ניי־מאַשין. דער באַלעבאָס איז געווען זייער צופרידן מיט זיין אַרבעט. נאָר אין איין נאָכ־מיטאָג איז דער באַלעבאָס צו אים צוגעקומען:

— מיסטער, פּאַק־איין דיינע זאַכן.

— פאַרוואָס? — האָט פּרויקע געפרעגט, — איר זייט דאָך צופרידן פון מיין אַרבעט.

— יאָ, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, — איך האָב אָבער נאָר־וואָס געהערט פון עמיצן דורכן טעלעפאָן, אַז דו ביסט אַ יוניאָן־מאַן...

אַ צווייטן מאָל האָט פּרויקע געקראָגן אַ דזשאָב גראָד אין אַ יוניאָן־שאַפּ, ווייל די אַרבעטער פונעם שאַפּ האָבן אַלע געפאָדערט פונעם באַלע־באָס, אַז ער זאָל אים אַרויפנעמען.

דעם זעלבן טאָג נאָך איז דער געשעפטס־אַגענט פון דער יוניאָן גע־קומען אין שאַפּ. ער האָט געקוקט אויף פּרויקע׳ן און גאָרנישט ניט געזאָגט. אויף מאָרגן אָבער האָט שוין פּרויקע דאָרטן מער ניט געאַרבעט.

פּרויקע האָט זיך דעמאָלט דורכגעשמועסט מיט לייב׳ן. זיי זיינען גע־קומען צום באַשלוס, אַז אין דער שניידער־יוניאָן קאָן פּרויקע איצט גאָרניט אויפטאָן.

דערוויל אָבער: וואָס טוט מען? איז געבליבן: זאָל פּרויקע אָנהויבן אַרבעטן ביי פרויען־קליידער.

פּרויקע האָט געקראָגן אַרבעט. ווען ער איז געקומען אין דער יוניאָן פון די פרויען־קליידער־אַרבעטער, איז ער אינגאַנצן אַ נייער מענטש

געוואָרן. פּרויקע׳ס נאָמען איז די אַרבעטער פון דעם פּאַך שוין פון לאַנג געווען באַוואוסט. זיין טעטיגקייט אין דער שניידער־יוניאָן האָט זיך געלאָזט הערן אין אַלע אַרבעטער־קרייזן.

ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דאָס וואָרט געבעטן, האָבן אים די אַרבעטער האַרציג אויפגענומען. פון זיין רעדע האָבן זיי שטאַרק הנאה געהאַט. גאָר אינגיכן איז פּרויקע געוואָרן לייב׳ס נאָענטסטער אַרויס־העלפער.

אין דער יוניאָן האָט זיך פאַרצויגן אַ פאַרביסענער קריג. ניט געקוקט אויף דעם וואָס די מיטגלידערשאַפט איז געשטאַנען אויף לייב׳ס זייט, האָבן די העכערע באַאַמטע געטאָן אַלץ איבערצונעמען די שעפּער אונטער זייער קאָנטראָל. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין גרינגע זאַך, ווייל די מיטגלידער האָבן געצאָלט זייער מיטגליד־אָפּצאָל צו די פריערדיגע באַאַמטע, און ווען איינער פון די ביי־באַשטימטע געשעפטס־אַגענטן איז אַרויף אין אַ שאַפּ, האָט מען אים באַלד פון דאָרטן משלח געווען.

טאָ וואָס־זשע טוט מען פאַרט? האָבן די נאַציאָנאַלע באַאַמטע פאַר־רופן אַ קאָנפערענץ פון יוניאָן־באַאַמטע פון אַ סך יוניאָנס. דאָרטן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַזאַ זאַך טאָר ניט דערלאָזט ווערן, ווייל עס שטעלט אין געפאַר די אָנערקענטע פירערשאַפטן פון אַ סך יוניאָנס. מען טאָר דער מאַסע ניט דערלויבן צו קריגן דעם קאָנטראָל אין די אייגענע הענט!... אַ דעלעגאַציע פון אָט־דער קאָנפערענץ איז אַוועק צום פאַרבאַנד פון די באַלע־באַטים, און יענע האָבן געזאָגט: מיר׳ן טאָן אַלץ וואָס מעגלעך! אַ צווייטע דעלעגאַציע האָט אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ מיט די פּאָליצײ־באַאַמטע, און זיי האָבן געענטפערט דער רעספּקטאַבעלער דעלעגאַציע, אַז די פּאָליצײ וועט האַלטן אָרדענונג...

און באַלד טאַקע האָבן זיך באַוויזן קאָמיטעס אין די שעפּער. ווער עס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן מיטגליד־אָפּצאָל, איז פון דער אַרבעט אַוועקגעשיקט געוואָרן...

דעמאָלט איז פאַררופן געוואָרן נאָך אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון די פרויען־קליידער־אַרבעטער. ביי אָט־דער פאַרזאַמלונג האָט שוין אויך פּרויקע גערעדט. די פאַרזאַמלטע האָבן געוואוסט, אַז איצט איז שוין קיין אויסוועג ניטאָ. די נאַציאָנאַלע באַאַמטע וועלן איבערנעמען אַלע שעפּער מיט גוואַלד און צווינגען די אַרבעטער צו צאָלן מיטגליד־אָפּצאָל צו זיי.

די אַלע פירער, אַריינגערעכנט לייב׳ן, וועלן פאַרשטויסן ווערן, — וואָס וועט זיין?

— לאָמיר גרינדן אַ נייע יוניאָן! — האָט איינער פונעם עולם אַ געשריי געטאָן.

— יאָ, אַ נייע יוניאָן! — האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן מיטינג־פּלאַץ.

די פראַגע איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די פירער צו באַשליסן. די אַרבעטער זיינען גרייט אָנצונעמען זייערע רעקאָמענדאַציעס.

איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ זיצונג וועגן דעם ענין. מ׳האָט זיך גע־ישוב׳ט און געטראַכט. ס׳איז דאָך שווער אַזאַ זאַך צו טאָן. ס׳איז דאָך ניט ראַטזאַם צו האָבן צוויי יוניאָנס.

פרויקע האָט גענומען דאָס וואָרט. ער האָט איינגעשטימט מיט דעם, אַז ס׳איז אַ שווערער ענין צו באַשליסן. וואו איז אָבער דער אויסוועג? ווילט איר האָבן דעם זעלבן סוף, וואָס איך האָב געהאַט אין מיין יוניאָן? איז דאָס דען בעסער?

אַלע זיינען געווען באַקאַנט מיט פרויקע׳ס דערפאַרונגען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן מאָלן בילדער, ווי אַט־די צענדליגער טויזנטער אַרבעטער, וועלכע זיינען געקומען צו די מיטינגען, וועלן בלייבן אַנטוישט, געטריבן געגן זייער ווילן אין צאַם... ניין, דאָס טאָר מען ניט דערלאָזן!... ס׳איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ!...

— לאָמיר גרינדן אַ נייע יוניאָן!

2. מיט אונז וועט איר קאָנען דורכקומען

— זשו־זשו! זשו־זשו! — אַ נייע יוניאָן!

מ׳האָט גערעדט און זיך געטומלט. גרופּקעס אַרבעטער אומעטום. מיטינגען ווערן פאַררופן, און די זאַלן זיינען געפּאַקט. יעדערער וויל זאָגן זיין מיינונג, זיין וואָרט, — אַ נייע יוניאָן!

איז וועדליג ס׳איז דערציילט געוואָרן צווישן די אַרבעטער, זיינען די נאַציאָנאַלע באַאַמטע פון דער יוניאָן ווידער אַוועק צו די באַלעבאַטים און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— הערט, נאָך אַלעמען ווייסט איר דאָך, ווער די פירער פון דער נייער

יוניאָן זיינען. זיי וועלן אייך שטענדיג אָנטאָן צרות. מיט אונז אָבער וועט איר קאָנען דורכקומען. דערפאַר טאַקע זייט איר מחויב אונז אַרויסצוהעלפן, זען אַז די אַרבעטער זאָלן געהערן צו אונזער יוניאָן, און אויב די נייע יוניאָן וועט ביי אייך דערקלערן אַ סטרייק, — וועלן מיר אייך צושטעלן נייע אַרבעטער.

האָבן די באַלעבאַטים אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג און האָבן באַשלאָסן: טאַקע, פאַרוואָס ניט? מיר צאָלן די אַרבעטער סיי־ווי צו־הויכע שכירות. איצט איז די פּאַסיגסטע צייט אַ שנייד צו טאָן די שכירות...

און די אַרבעטער, וואָס האָבן צווישן זיך אַזוי גערעדט, האָבן, ווייזט אויס, געוואוסט וואָס זיי רעדן, ווייל אין די שעפּער איז געוואָרן אַ מהומה: מען האָט אָנגעהויבן שניידן שכירות און חוזק־מאַכן פון די באַלמעלאָכעס. אין מאַרקעט האָט זיך געטומלט. אין די אָפּיסעס פון דער נייער יוניאָן איז געוואָרן ראַשיג. אַרבעטער זיינען געקומען מיט זייערע באַריכטן פון די שעפּער. ביי די מיטינגען האָט זיך געהערט אַ גרויסע אומצופרידנקייט פון די מיטגלידער: סטייטש, וואָס שווייגט מען?

טאַקע, פאַרוואָס שווייגט מען? מ'האָט פאַררופן זיצונגען און קאָנ־פערענצן פון די עקזעקוטיוועס, פון אַקטיווע טוער און פון שאָפּ־פאַר־טרעטער. מ'האָט גערעדט און זיך גע'ישוב'ט. נאָך פיל איבערטראַכטן דעם ענין, איז באַשלאָסן געוואָרן:

— מען מוז סטרייקן!

האָט זיך דאָס וואָרט אַ טראָג געטאָן פון שאָפּ צו שאָפּ און פון אַרבעטער צו אַרבעטער. מ'האָט דאָס וואָרט אויפגעכאַפּט און וויטער געשפּרייט. אויגן האָבן פריידיג געפינקלט און הערצער האָבן אימפּעטיג געקלאַפּט — אוודאי מוז מען סטרייקן!...

און אין איין פרימאָרגן: אַרבעטער גייען צו דער אַרבעט, מ'לויפט און מ'איילט זיך. נאָר — האַ? וואָס שטעלט מען זיך אָפּ? אָט לויפן אַרבעטער; מען פאַרטיילט צירקולאַרן מיט גרויסע בוכשטאַבן: סטרייק!

— סטרייק! סטרייק! — שרייען די צירקולאַרן־פאַרטיילער.

דער עולם באַגעגנט זיי מיט פרייד אויף די פּנים'ער. מען שטעלט זיך אָפּ — וויטער גייט מען ניט! ס'פאַרמירן זיך גרופּעס אין רייען: סטרייק!

אינדערהויך, דורך די פענצטער פון די פיל־שטאָקיגע געביידעס בויגן זיך קעפּ אַרויס, — דאָס קוקן די באַלעבאַטים אַרונטער...

3. מיט בעני׳ן שפּילט מען זיך ניט...

אין יענעם פרימאָרגן, ווען דער סטרייק איז געוואָרן גערופן, איז בעני געפאָרן אין זיין נייעם שאַפּ, וועלכער האָט זיך לעצטנס שטאַרק פאַרגרעסערט. ס׳האָט אים זייער פאַרדראָסן, וואָס דער אויטאָמאָביל זאָל זיך אַלע ווײַלע אָפּשטעלן צוליב די גרויסע מענגעס מענטשן.

— וואָס טוט זיך דאָ היינט?

— אַ סטרייק!

בעני האָט אַרויסגעקוקט דורך זיין אויטאָמאָביל־פענצטערל און דערזען דעם גרויסן עולם. ער האָט ביי זיך געטראַכט: אַוודאי די נייע יוניאָן!

אין שאַפּ האָבן זיך קיין אַרבעטער ניט געפונען. אָט־דאָס האָט שוין בעני ניט געקאָנט פאַרשטיין: דאַכט זיך, געווען אַ ניט־יוניאָן־שאַפּ און די אַרבעטער האָבן קיינמאָל קיין פּיפּס ניט אַרויסגעלאָזט וועגן אַ יוניאָן. — טאָ ווי קומען זיי צו סטרייקן?

און אַרבעט האָט ער געהאַט זייער אַ סך. ער האָט אַלעמען צוגעזאָגט דאָס פאַרטיק צו מאַכן וואָס אַמשנעלסטן. — וואָס טוט מען?

בעני׳ן איז באַלד דעיוו געקומען אויפן געדאַנק. און באַלד טאַקע האָט ער אים אויפן טעלעפאָן געקלונגען:

— העלאָ, דעיוו? בעני גאַרב! יאָ, קום אַריבער!

אין דער האַלבער שעה, וואָס בעני האָט געוואַרט אויף דעיוו׳ן, זיינען פאַרשיידענע מחשבות אים געקראָכן אין קאָפּ. בעני האָט געוואוסט, אַז לייב און פרויקע זיינען די פירער פון דער נייער יוניאָן. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז מיט זיי קאָן מען קיין „דילס" ניט מאַכן.

ווען דעיוו איז אָבער אַריינגעקומען, איז בעני געוואָרן פריילעכער.

— נו, ס׳הערט זיך עפּעס? — האָט דעיוו געפרעגט.

בעני האָט אים דערציילט, אַז אויך די אַרבעטער פון זיין שאַפּ זיינען אַרונטער אין סטרייק. ער האָט זייער אַ סך אַרבעט און מוז אָנגיין מיטן שאַפּ.

— עך, עך, — האָט דעיוו געלאַכט, — דו ביסט דאָך נאָך גאָר אַ גרינער אין דעם פאַך! רוף אָפּ די „רעגעלע" יוניאָן, — זיי וועלן דיר שוין צושיקן אַרבעטער.

בעני האָט געקוקט אויף דעיוו׳ן מיט דאַנקבאַרקייט און האָט אים געבעטן זיצן.

דעיוו האָט זיך געזעצט לעבן בעני׳ן.

— אָט־דער פרויקע! — האָט דעיוו אָנגעהויבן רעדן מיט פּאַרדרוס אין זיין קול. — פריער האָט ער מיר געפּרואווט פאַרשוואַרצן דאָס פּנים אין דער שניידער־יוניאָן; מיר זיינען נאָך פון אים גרינג פּטור געוואָרן. איצט איז ער מיט לייב׳ן ביי די פּרויען־קליידער־אַרבעטער. אַפילו דעם אַלטן מנחמ׳ען האָבן זיי אַהינצו אַריינגענומען... די לאַגע דאָ איז זייער ערנסט...

— וואָס־זשע טוט מען? — האָט בעני געפרעגט.

דעיוו האָט זיך געגעבן אַ רוק־צו צו בעני׳ן זייער נאָענט:

— בעני! ס׳איז פאַראַן אַן עצה!

— וואָס אַזוינס?

— זאָג, פאַרוואָס זאָלסטו אויך ביי אָט־די באַלעבאַטים ניט ווערן דער פירער? דו ביסט דאָך ניט געגן אַ יוניאָן, וואָס ווערט פאַרוואַלטעט פון אָנשטענדיגע מענטשן, ווי די שניידער־יוניאָן, צום ביישפּיל. טאָ פאַר־וואָס זאָלסטו ניט צוזאַמענגעמען די באַלעבאַטים פון דעם פאַך און זיי אויך געבן פירערשאַפט — האָ, פאַרוואָס ניט?...

בעני האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן אַפּיס פאַרטראַכט. דעיוו האָט נאָכ־געקוקט בעני׳ן און האָט פאַרשטאַנען, אַז זיינע ווערטער האָבן געטראָפן אין פּינטל. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן וויידגעבעטן שטול און פאַר־רויכערט אַ ציגאַר.

בעני האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— הער, דעיוו, דו ביסט גערעכט! מ׳דאַרף אָט־די חברה גוט אָנ־לערנען!...

זיי האָבן נאָכדעם נאָך אַ סך גערעדט וועגן דעם. ס׳האָט זייביידן הנאה געטאָן פון דעיוו׳ס קלוגן איינפאַל. בעני האָט אַפילו צוגעגעבן:

— נישקשה, מיט בעני׳ן שפּילט מען זיך ניט!...

אויף מאָרגן איז פאָרגעקומען אַ וויכטיגע קאָנפערענץ ערגעץ אין אַ רייכן האָטעל. ביי אָט־דער קאָנפערענץ זיינען געווען פאַרשטייער פון די באַלעבאַטים פון דער פרויען־קליידער־אינדוסטריע. עס זיינען אויך געווען דעיוו און אַ פּאָר פירער פון דער אַלטער יוניאָן פון די פרויען־קליידער־אַרבעטער.

די דיסקוסיע איז געווען זייער אַ היציגע. אַלע זיינען געווען איינ־שטימיג, אַז מען טאָר מיט דער נייער יוניאָן ניט פאַרהאַנדלען. ווי אַזוי אָבער צו קריגן די אַרבעטער צוריק אין די שעפּער — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט.

— דזשענטללייט! — איז אויפגעשטאַנען איינער אַ מיטליאָריגער מאַן מיט אַ הויכן בויך, — לאָמיר זיך דאָ פאַרשטיין. מיר ווילן דאָך אַלע העלפן דעם פּרויען־קליידער־פאַך פּטור צו ווערן פון דער נייער יוניאָן. דערפאַר דאַרפן מיר אַרבעטן האַנט־אין־האַנט מיט די „רעגעלע" יוניאָן־פירער. אָט זיצט דאָ אַ דזשענטלמאַן, מיסטער גאַרב, וועלכער האָט פיל דערפאַרונג אין דעם שניידער־פאַך. לאָמיר אים ביי אונז אויך איבערגעבן די לאַגע אין זיינע הענט. כ'בין זיכער, אַז ער וועט זיך מיט דעם גיך ספּראַווען.

— פיין, פיין! — האָבן פיל צוגעשטימט.

— וואָס טוט מען אָבער מיט דער נייער יוניאָן? — האָט איין באַלע־באָס געוואָלט וויסן.

— ווי אַזוי וועלן מיר קריגן אַרבעטער? — האָט אַ צווייטער געפרעגט.

— זיי פיקעטן די שעפּער און לאָזן דאָך קיינעם ניט צו.

דעמאָלט האָט זיך איינער פון דעיוו'ס צד, אַ מאַן מיט אַ פולן פּנים און רויטן שטערן, אויפגעהויבן און געזאָגט:

— דאָס לאָזט צו אונז. מיר וועלן אייך שוין צושטעלן אַרבעטער!...

אַ סודות'פולקייט האָט געהערשט אין צימער. מ'האָט אַ ווייל געשוויגן. באַלד האָט זיך בעני געגעבן אַ הויב אויף:

— וואָס הייסט, זיי וועלן ניט צולאָזן? וואָס איז דאָס, אַ קינדער־שפּיל?

— אַוודאי! אַוודאי!

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז בעני גאַרב מיט נאָך אַ פּאָר באַלעבאַטים זאָלן אויסאַרבעטן איינצלהייטן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פונעם סטרייק. מ'איז זיך צעגאַנגען פריילעכע און אויפגעלייגטע, גרייט צו עפענען די שעפּער.

4. ווער איז אָט־דאָס מיידל?

וויבאַלד בעני גאַרב האָט זיך עפּעס אונטערגענומען, וועט ער עס געוויס דורכפירן — אויף אים קאָן מען זיך פאַרלאָזן. איבערהויפּט נאָך

ווען דעיוו און אַנדערע יוניאַן־פירער העלפן אים אַרויס, — קאָן ער דאָך געוויס אַ סך אויפטאָן.

איז טאַקע דעמזעלבן אָוונט ביי בעני׳ן אין הויז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון אַ קלײנער צאָל מענטשן. ביי אָט־דער קאָנפערענץ איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז כדי צו קענען עפענען די שעפער מוז מען קודם־כל פטור ווערן פון די פירער פון דער נייער יוניאָן.

איז געוואָרן נאָך פריילעכער אויף די הערצער. בעני׳ס אינגסטע שוועסטער, צירל, האָט זייער פיין אויפגענומען די געסט. זי האָט זיי דער־לאַנגט טרינקען און צובייסן. בעני׳ן האָט הנאה געטאָן, וואָס זיין געלערנטע שוועסטער וויל צופרידנשטעלן זיינע געסט. ער האָט אַפילו דערציילט די געסט, אַז זי, זיין שוועסטער, האָט שטאַרק מורא פאַר די פירער פון דער נייער יוניאָן.

אויף מאָרגן זיינען פאָרגעקומען פיל צוזאַמענשטויסן צווישן די סטרייקערס און סקעבס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן פאַרדעכטיגטע פאַרשוינען אַרום די שעפער. אַלע ווייל דערוויסט מען זיך, אַז מען האָט צעשלאָגן איין סטרייקער, אַ צווייטן, אַ דריטן. ווער טוט דאָס?

נאָך אַ פּאָר וואָכן זיינען אַריבער. דער סטרייק ווערט פאַרגעזעצט. די שעפער קאָנען ניט אָנגיין מיט דער אַרבעט.

דעמאָלט האָט בעני פאַררופן נאָך אַן ענגע קאָנפערענץ ביי זיך אין הויז. דאָרטן זיינען געווען די זעלבע מענטשן, וואָס ביי דער ערשטער קאָנפערענץ. עס האָט אָבער ניט געהערשט די זעלבע פריילעכקייט וואָס דעמאָלט. מען האָט גאָרניט געקאָנט אויפטאָן. אָט אויף יענער ענגער זיצונג איז ביי דער זייט געזעסן אַ יונגערמאַן, אַ הויכער, מיט שוואַרצינקע וואָנצעלעך. ער האָט זיך פּלוצלונג געגעבן אַ הויב אויף און זיך אָפּגערופן זייער שטיל:

— אַך, עפּעס זייט איר גאָרניט קיין באַלעבאַטים, און איר זייט ניט קיין אמת׳ע יוניאָן־פירער. איר ווייסט, אַז פאַר געלט קאָן אַלץ געטאָן ווערן...

— וויפיל? — האָט בעני געפרעגט.

— אויב איר וועט אונז געבן אַ צענערל — וועט עס גיין!

— צען טויזנט!

— אַ תירוץ?

מ׳האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן. בעני האָט געקוקט דעם יונגג־מאַן גלייך אין די אויגן אַריין. צירל איז דאָס מאָל אויך געווען אין צימער. ביי אָט־די ווערטער איז זי געבליבן שטיין, האָט באַלד אָבער אָנגעהויבן אַרונטערנעמען די כלים פונעם טיש.

דער הויכער יונגערמאַן האָט ווייטער געזאָגט:

— אין פאַל עמיצער פון אונז וועט אַריינפאַלן, וועט איר דאַרפן נעמען אַ האַנט דרינען...

— אַוודאי, אַוודאי!...

בעת־מעשה האָט דער יונגערמאַן אַ קוק געטאָן אויף צירל׳ען, און געפרעגט:

— ווער איז דאָס מיידל?

— מיינס אַ שוועסטער. ס׳איז אַלראַיט! — האָט אים בעני באַרואיגט.

— וואָס האָט אַ מיידל צו הערן וואָס געשעפטסלייט רעדן?...

צירל האָט זיך גע׳ברוגז׳ט און פאַרלאָזן דעם צימער. בעני האָט צו איר געשמייכלט:

— וואָס אַרט דאָס דיך? ווייסט דאָך? ס׳איז ביזנעס!

די קאָנפערענץ איז נאָך אָנגעגאַנגען אַ ביסל. מ׳האָט שוין אָבער קיין הויכן וואָרט ניט געהערט; שאַ, שטיל — טאַקע ווי ביי אמת׳ע געשעפטס־לייט!...

קאַפּיטל זעקס: וויכטיגע באַראַטונגען

1. בעני רעדט און בעני זאָגט

די וואָס מיינען, אַז סידני גאַרב האָט נאָך איצט אויך אַנטיילגענומען אין די געשעפטן, — אָט־די מאַכן אַ ביטערן טעות. די פירמע איז טאַקע געגאַנגען אויף זיין נאָמען, נאָר ער אַליין איז שוין געווען אַן עלטערער מאַן און פלעגט בלויז קומען אַ צוויי מאָל אין וואָך אין שאַפּ אַ קוק צו טאָן ווי עס גייט.

פונדעסטוועגן האָט נאָך זיין וואָרט געהאַט אַ סך צו זאָגן, און ווען ער פלעגט זיך דורכדרייען איבערן שאַפּ, האָבן אַלע מיט דרך־ארץ געקוקט: איין קליינינקייט — מיסטער סידני גאַרב! און קיין חידוש איז דאָס ניט געווען: אַלע קינדער זיינע האָבן פאַרן טאַטן גרויס אָפּשיי געהאַט און זיינען פאַר אים געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער. לייטן האָבן גערעדט, אַז וואָס: זיי טוען דאָס, כדי אָנצוהאַלטן זייער רעפּוטאַציע. ס'איז דאָך עפּעס: „סידני גאַרב ענד סאָנס".

ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז בעני דאָס מאָל אויך געקומען צום טאַטן און אים דערציילט, וואָס עס קומט־פאָר. שראַליע האָט אַ טראַכט געטאָן. זיינע קאָסאָקע אויגן האָבן זיך אָנגעשטעלט און בייז געקוקט אין פאַרקערטע ריכטונגען:

— אַה? זיי מיינען, ס'איז זיי דאָרטן־אַ, אין יוראָפּ? — דאָ גייען אַזעלכע געשעפטן ניט אָן! — דאָ איז אַמעריקע!

שפּעטער זיינען זיך אַלע ברידער צוזאַמענגעקומען מיטן טאַטן. מ'האָט איינער דעם צווייטן געוויזן ציטונגען. אין אָט־די ציטונגען איז געווען געדרוקט בעני'ס בילד. עס איז אויך דערציילט געוואָרן, ווי אַזוי אָט־די משפּחה פון עלף איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אַן אָרימע, און דאָ האָבן זיי זיך אַזוי אַרויפגעאַרבעט צוליב די גרויסע געשעפטס־פיאיגקייטן פון דעם עלטסטן זון, בעני. איז ער דער הויפּט פון דער פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס", און איז דער פירער פון דער גאַנצער נאָדל־אינדוסטריע.

אַלעמענס פּנים׳ער האָבן צופרידן געשמייכלט. בעני האָט געקוקט אויפן טאַטן און אויף די ברידער: וואָס וועלן זיי זאָגן?

דער אַלטער האָט אַפילו אַ רוף געטאָן הינדע׳ן, זיין ווייב, און איר גוט־ברודעריש אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע:

— נו, וואָס זאָגסטו אויף דער משפחה פון עלף? כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט...

אָט אין יענעם טאָג זיינען אַלע געווען עפּעס אַזוי גוט צו בעני׳ן. ווייזט אויס, אַז אַלע האָבן אָנגעהויבן אָפּשאַצן זיינע פייאיגקייטן. ס׳איז אמת, אַז ער האָט אין יענעם טאָג אַ שיינע אַפּותיקא אויסגעצאָלט: אַלעמאָל קומען אַנדערע מענטשן און שטעלן אים צו אַ חשבון פאַר עפּעס צו באַצאָלן — נאָר וועמען אַרט דאָס? די אַנדערע באַלעבאַטים וועלן שוין אַלץ דעקן. דערפאַר וועט זיין נאָמען ווערן נאָך פּאָפּולערער. ער וועט ווערן דער גרעסטער איןביידע מאַרקעטס — זיי וועלן קאָנען עפּענען נאָך עטלעכע שעפּער...

אַפילו צירל, בעני׳ס שוועסטער, איז אויך אַזוי גוט צו אים. זי האָלט אים אין איין אויספרעגן, וואָס עס טוט זיך. ווי ס׳ווייזט אויס, וואָלט זי שוין אויך געוואָלט פּטור ווערן פונעם גאַנצן געטומל.

בעני האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ וויג־שטול און האָט זיך אָנגעהויבן וויגן. געדאַנקען לויפן: עך, עך, עך, ווי גוט ס׳איז צו האָבן אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס! אַ שטייגער: ער און פרויקע זיינען געקומען אינעם זעלבן טאָג קיין אַמעריקע — נו, מאַכט אַ פאַרגלייך!

אָט־דעם פרויקע׳ן וועט ער נאָך באַווייזן, וואָס עס הייסט חוזק צו מאַכן פון אים, בעני׳ן. אָט־דער ממזר ווייסט צופיל וועגן אים. נעווער מאַינד! ער איז בעני גאַרב, דער הויפּט פון די „סידני גאַרב ענד סאָנס״ פירמעס, — טאָ ווי קומט אָט־דער פרויקע פירן אַ סטרייק ביי אים? אַזאַ העזה!

און צוריק געראַדט: וואָס האָט ער צו פרויקע׳ן? זינט ער, בעני, איז אַוועק פון דער יוניאָן, האָט דאָך פרויקע מיט אים אַפילו קיין צוויי ווערטער ניט אויסגערעדט. די לעצטע יאָרן זעען זיי זיך אינגאַנצן ניט — טאָ וואָס ווייסט ער? אלא וואָס מענטשן דערציילן — מאַלע וואָס מען דער־ציילט... נאָר, ניין! מסתמא אַז מענטשן רעדן, ווייסן זיי וואָס זיי רעדן — אַוודאי וויל פרויקע אים רואינירן!

און אפשר איז גאָר נחמה׳קע שולדיג אין דעם אַלעמען. יאָ, נחמה׳קע

האָט דאָך חתונה געהאַט מיט פּרויקע׳ן, און זי געדענקט דאָך נאָך, אַז אַמאָל, אַמאָל איז ער, בעני, געשטאַרבן פאַר אירע טריט — אַזאַ חרפּה!

און וואָס מיינט איר? אַפילו זיין טאַטע, סידני גאַרב, האָט אויך וועגן דעם עפּעס צו זאָגן. ער זאָגט, אַז דאָס טראָגט נאָך מנחם דער קלייטניק אַ האַס אויף אים, שראַליע דעם גאַרבער, און זיין, מנחמ׳ס, משפּחה זוכט דאָס זיי . . . — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעטער האָט בעני פאַרגעסן וועגן אָט־די אַלע געדאַנקען; עס זיינען צו אים געקומען די באַלעבאַטים פון דער גאַנצער נאָדל־אינדוסטריע. זיי האָבן גערעדט וועגן אַ געמיינזאַמען קריג געגן דער נייער יוניאָן. דעמאָלט ערשט האָט זיך בעני דערפילט אין זאָטל. אָט זיינען דאָך צו אים אין הויז געקומען אַזויפיל פאַבריקאַנטן!...

און בעני׳ן האָט זייער שטאַרק הנאה געטאָן, ווען אין די רעדעס האָט מען אָפּט דערמאָנט זיין נאָמען: מיסטער גאַרב זאָגט אַזוי, און מיסטער גאַרב זאָגט אַנדערש, — ווי גוט עס איז אים אויפן האַרצן! נו, ווען אַ שטייגער ניט זיינע גרויסע געשעפטן, וואָלט דאָך דאָס אַלץ ניט מעגלעך געווען, — דעריבער טאַקע דאַרף מען איינהיטן די געשעפטן, און כדי איינצוהיטן די געשעפטן, דאַרף מען אַליין זיין דער באַלעבאָס, און ניט די יוניאָן.

אַזוי האָט טאַקע בעני גערעדט צו די פאַבריקאַנטן און זיי האָבן אים אַפּלאָדירט. צווישן זיך האָבן איניגע אַפילו באַמערקט, אַז ער רעדט אַ זייער שלעכטן ענגליש, און איניגע האָבן זיך אַפילו געוואונדערט, וואָס די ברידער זיינע זיצן ווי שטומע און רעדן קיין וואָרט ניט אַרויס, — נאָר וואָס האָט דאָס צו טאָן?

אָט אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען די באַלעבאַטים זיינען געזעסן ביי בעני גאַרב אין הויז, האָט מען אינדרויסן אָנגעהויבן שרייען: „עקסטראַ! עקסטראַ!"

אַלע האָבן אָנגעשטעלט די אויערן. איינער איז אַרויסגעלאָפן נאָך אַ ציַיטונג.

— וואָס איז געשען?

— וואָרט! וואָרט!

איינער האָט פאַרגעלייענט:

„אַן אַרבעטער איז דער׳הרג׳עט געוואָרן אין דעם פרויען־קליידער־

סטרייק. דער פירער פון סטרייק, לייב אַבראַנסקי, איז אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ מאָרד־קלאַגע. דער צווייטער פירער, פרויקע, געפינט זיך אין אַ קריטישן צושטאַנד אין שפּיטאָל.״

ס׳איז שטיל געוואָרן. אייניגע האָבן זיך איבערגעקוקט. אַנדערע האָבן פאַרביסן מיט די ליפּן. בעני איז געזעסן אין שטול, און זיך פון אָרט ניט גערירט.

אַ פּאָר באַלעבאַטים האָבן שוין גענומען די מאַנטלען אויף אַוועקצוגיין. — מיר׳ן גיין הערן וואָס־ווען, — האָב זיי געזאָגט.

בעני האָט נאָך אַלץ געשוויגן. ווען אָבער די באַלעבאַטים האָבן שוין געהאַלטן ביים עפענען די טיר, האָט בעני זיך געגעבן אַ הויב אויף:

— וואַרט!

— וואַרט! — האָבן בעני׳ס ברידער אַ זאָג געטאָן.

די ברידער האָבן אַרונטערגעלאָזט די אויגן. ס׳איז שווער צו זאָגן, וואָס זיי האָבן דעמאָלט געטראַכט. אפשר איז זיי איינגעפאַלן אַ פאַרגלייך פון זייער איצטיגן נאָכזאָגן בעני׳ס „וואַרט״ צו זייער אַמאָליגן נאָכזאָגן זיינע ווערטער, אַט־דעמאָלט, אַ שטייגער, ביי פרויקע׳ן אין שטיבעלע... און אפשר האָט זיי גלאַט געוואונדערט, וואָס זיי האָבן אַ וואָרט אַרויסגערעדט אין דער אַנוועזנהייט פון אַזויפיל פאַבריקאַנטן. ווער ווייס?!

די באַלעבאַטים האָבן זיך צוריקגעקערט. בעני האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן רעדן:

— דזשענטללייט! ס׳האָט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס פּאַסירט אין אונזער אינדוסטריע. אַן אַרבעטער, וועלכער האָט זיך וואַרשיינלעך ניט געוואָלט צוהערן צו די סטרייקערס, איז דער׳הרג׳עט געוואָרן. ס׳קאָנען אַמאָל פאָרקומען פאַרשיידענע מיספאַרשטענדענישן בנוגע אַזאַ ענין. געדענקט, אַז ערשט איצט דאַרפן מיר אַרבעטן צוזאַמען און אַרבעטן טיכטיג...

בעני האָט זיך אַנידערגעזעצט. די ברידער האָבן אונטערגעמורמלט:

— אַרבעטן צוזאַמען!

די באַלעבאַטים זיינען זיך צעגאַנגען. פאַרן אַוועקגיין האָבן פיל פון זיי געדריקט בעני׳ס האַנט:

— נישקשה, מיסטער גאַרב, מיר׳ן שוין פון זיי פּטור ווערן...

און ערשט ווען אַלע זיינען זיך צעגאַנגען, האָט בעני אַרונטערגעשיקט נאָך אַ צווייטער צייטונג. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און געבעטן איינעם

פון זיינע איינגערע ברידער, אַז ער זאָל אַזוי גוט זיין און איבערלייענען אויפן קול, זייער לאַנגזאַם, די גאַנצע געשיכטע פון אָנהויב ביזן סוף.

2. וואָס וועט זי אים זאָגן?

אַוודאי איז דער משפחה פון עלף, קיין עין־הרע, געגאַנגען. צו וואָס מ׳האָט זיך נאָר גענומען, איז דאָס מזל געגאַנגען פאָראויס. אַפילו זייער איינגסטע טאָכטער, פון וועלכער זיי האָבן לעצטנס אַ ביסל צרות געהאַט, איז אויך איינגאַנצן איבערגעאַנדערשט געוואָרן. זי איז איצט פריילעך און צופרידן און שטאַרק צוגעלאָזט צו איר משפחה.

דערפאַר דאַרף מען זען טאַקע לאָזן צירל׳ען צורו. אויב זי קומט יעדן אָוונט אַהיים זייער שפּעט — טאָ וועמען אַרט דאָס? און אויב זי זיצט דאָרט פאַרשלאָסן ביי זיך אין חדר, — איז מסתמא לייענט זי ביכער. אַ מיידל, וואָס שטודירט אין אוניווערסיטעט, דאַרף שוין ניט האָבן די עצה און די אַפּיטרופּסות פון אירע עלטערן.

וועמען, אַ שטייגער, זאָל דאָס איינפאַלן, אַז אויך איצט באַזוכט צירל די מיטינגען פון דער נייער יוניאָן, און זיצט דאָרטן אָפּ גאַנצע אָוונטן, בייסנדיג די נעגל? און וועמען זאָל עס איינפאַלן, אַז ווען זי פאַרמאַכט זיך אין איר חדר, ליגט זי דאָרטן אויפן בעט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און טראַכט וועגן . . . לייב׳ן?

אַוודאי האָט זי זייער אַ סך צו טראַכטן וועגן אים. אַ שטיק צייט האָט זיך איר אַפילו ניט איינגעגעבן צוצוקומען נאָענט צו לייב׳ן. נאָר איין־מאָל, אומדערוואַרטערהייט, ווען זי איז אַריינגעקומען אין מיטינג־זאַל, האָט זי דערזען לייב׳ן שטיין איינער אַליין. זי האָט אַפילו קיין טראַכט ניט געטאָן און איז באַלד צוגעגאַנגען צו אים:

— ברודער אַבראַנסקי!

לייב האָט זיך אומגעקוקט.

— איר האָט מיך גערופן, שוועסטער? — האָט לייב זייער איידל געפרעגט.

— יאָ, — האָט צירל געענטפערט און דערביי אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

דעמאָלט האָט זי חשק געהאַט צו שטיין אַזוי לאַנג־לאַנג און קיין וואָרט ניט אַרויסרעדן. נאָר ווי אַזוי קאָן מען דאָס טאָן, ווען מען פילט לייב׳ס

בליק איינגעגראָבן אין דיר, און ווען דאָס אייגן האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק ? דערפאַר האָט צירל אָנגעהויבן אַרויסשטאַמלען :

— איך וואָלט אייך געוואָלט זען אין אַ פרייערער צייט. זייער וויכטיג.

און לייב האָט באַלד אַ פרעג געטאָן :

— ביי וואָס אַרבעט איר, שוועסטער ?

צירל האָט זיך אָנגעהויבן דרייען, און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט אָבער ניט געדאַרפט ענטפערן, ווייל באַלד איז צוגעקומען אַ גרופּע אַרבעטער און אָנגעהויבן ציען לייב׳ן צו דער פּלאַטפאָרמע.

— אַנטשולדיגט, שוועסטער, — האָט לייב אָנגענומען צירל׳ען בייביידע הענט, — מיר וועלן זיך זען אַ צווייט מאָל.

צירל איז געבליבן שטיין אַ ווייל. נאָכדעם האָט זי זיך אַנידערגעזעצט און זי האָט קיין זאַך מער ניט געזען און מער ניט געהערט. זי האָט געגלעט אירע אייגענע הענט, אַט דאָרטן וואו לייב האָט אַ דריק געטאָן...

נאָכדעם איז אַוועקגעגאַנגען אַ צייט, און זי האָט לייב׳ן מער ניט געזען, נאָר זי איז אַרומגעגאַנגען מיט עפּעס אַזאַ פרייד אין האַרצן — אַ פרייד אַזאַ, וואָס זי האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען.

וואָס, אַ שטייגער, פרייט זי זיך אַזוי ? זי האָט אים, אַט־דעם לייב׳ן, טאַקע ליב צו הערן רעדן. זי וואָלט אויך גערן געוואָלט מיט אים זיין נאָענט באַקאַנט און צוזאַמען פאַרברענגען — נאָר ווי אַזוי קאָן זי קומען צו דעם ? ער האָט דאָך בלויז מיט איר אַ פּאָר ווערטער אויסגערעדט און אַפילו דעמאָלט איז ער געווען אונטערן איינדרוק, אַז זי איז אַן אַרבעטערין. — טאָ וואָס־זשע פאַרט פרייט זי זיך אַזוי ? און אַפילו ווען זי וועט זיך שוין מיט אים יאָ טרעפן — וואָס וועט זי אים זאָגן ? ביי וואָס, אַ שטייגער, אַרבעט זי ?....

3. „אַרויס, אַגענטקע!“

צירל׳ס האַרץ האָט זייער שטאַרק געקלאַפּט, ווען זי האָט געהערט, וואָס די באַלעבאַטים רעדן וועגן דעם סטרייק. ווען דער הויכער יונגערמאַן מיט די שוואַרצינקע וואָנצעלעך האָט געזאָגט, אַז זי, צירל, זאָל פאַרלאָזן דאָס צימער, האָט זי זיך דעמאָלט פאַררוקט אין אַ זייט לעבן אַ צווייטער טיר און האָט זיך איינגעהערט, וואָס זיי האָבן גערעדט. ס׳האַרץ האָט זיך

געהויבן זייער הויך. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. זאָל זי וואָרענען איר ברודער? נו, אַ שטייגער, וואָס וועט זי אויפטאָן? ער וועט זיך דאָך בלויז אויסלאַכן פון איר. ניין, זי וועט בעסער גיין צו לייב׳ן. אַט־איצט האָט זי געוויס אַ גרונט־אורזאַך אויף צו גיין צו אים און אים וואָרענען, אַז ער זאָל זיך היטן, ווייל עפּעס קלייבט זיך אויף אים, אויף דער יוניאָן.

צירל האָט זיך אַלעמאָל נאָכגעפרעגט ביי בעני׳ן, וואָס עס הערט זיך וועגן סטרייק. עפּעס האָט זיך איר געוואָלט אָפּשטופּן דאָס גיין צו לייב׳ן. עפּעס האָט זיך איר געוואָלט איינהאַלטן די פרייד און די שרעק צוזאַמען. אגב, וואָס אַ שטייגער וועלן זיי אים טאָן? ס׳איז ניט מער ווי גערעדט. נאָר גאָרניט: ס׳איז נויטיג צו דערציילן לייב׳ן.

ערשט אין די לעצטע אָנגעשטרענגטע טעג, אָט דעמאָלט ווען בעני איז אַזוי צופרידן געווען מיט זיין שוועסטער׳ס צוגעלאָזנקייט, האָט צירל באַשלאָסן צו גיין זען לייב׳ן. זי איז געקומען אין דער יוניאָן און געבעטן צו לאָזן וויסן לייב׳ן, אַז אַ מיידל וויל אים זען פּריוואַט.

— ווער זייט איר? — האָט ביי איר איינער פון די אַרבעטער אַ פרעג געטאָן.

צירל איז געבליבן שטיין צעטומלט. וואָס זאָל זי זאָגן? צו וואָס דאַרף ער דאָס וויסן?

— אַן אַרבעטערין, — האָט זי קורץ אַן ענטפער געטאָן.

לייב האָט געהייסן זי אַריינלאָזן.

ווען צירל איז דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, וואָס פירט צו לייב׳ס אָפיס, האָבן זיך אַ פּאָר אויגן פון אַן אַרבעטער אין איר טיף איינגעגראָבן.

צירל איז אָבער געשווינד אַדורכגעגאַנגען און איז אַריין צו לייב׳ן אין אָפיס. די טיר האָט זיך הינטער איר פאַרמאַכט. לייב האָט זי אָנגעקוקט און געפּרוווט זיך דערמאָנען, וואו ער האָט זי ערגעץ פריער געזען.

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר געגעבן אַ פּראַל־אויף. עטלעכע אַרבעטער זיינען אַריינגעלאָפן.

— זי איז געשיקט פון די באַלעבאָטים, אַן אַגענטקע!

— וואַרט! וואַרט! — האָט לייב געבעטן ביי די אַרבעטער.

די אַרבעטער האָבן אַלע אויף איין קול אויסגעשריען:

— אַן אַגענטקע, סידני גאָרב׳ס טאָכטער! מיר קאָנען זי ניט לאָזן דאָ מיט דיר!

לייב האָט געקוקט אויף צירל׳ען מיט פרעגנדיקע און צעטומלטע אויגן. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז זי האָט אים איינמאָל גערופן „ברודער״, און אַז זי האָט זיך איצט געמאָלדן אַלס אַן אַרבעטערין, — טאָ וואָס זאָל דאָס באַדייטן? אַוודאי איז זי אַן אַגענטקע! נאָר: וואַרט! וואַרט!

די אַרבעטער האָבן אָבער ניט געוואָלט וואַרטן. צירל איז געווען בלאַס און דערשראָקן. זי האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען. אירע בליקן האָבן זיך געוואָרפן אָט אויף לייב׳ן, אָט אויף די אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן זי גענומען פאַר די הענט און אַרויסגעשלעפּט פון אָפּיס און פון דאָרטן זי אַרויסגעשטעלט צו די טרעפּ אין גאַס אַריין.

— אַרויס, אַגענטקע!

אָט אין יענעם טאָג האָט שוין צירל׳ען קיינער ניט אָנגעזען. זי איז געווען ביי זיך אין חדר אַ גאַנצן טאָג. זי איז געלעגן אויפן בעט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע באַקן אָן אַ שום קאָנטראָל. און וואָס איז טאַקע, אַז טרערן גיסן זיך? — זאָלן זיי!...

4. מ׳עט קענען עפענען די שעפּער

ביי בעני׳ן אין הויז קאָכט ווי אין אַ קעסל. די ברידער לויפן אַרויס און אַריין. אַלעמאָל ברענגט מען אַנדערע נייעסן. עס איז שוין קלאָר, אַז דער הויכער יונגערמאַן מיט די שוואַרצע וואָנצעלעך און זיינער אַ פריינט זיינען אַרעסטירט געוואָרן — טאָ וואָס וועט איצטער זיין?

די באַלעבאַטים און דעריוו מיט זיינע פריינט קומען אַלע ווייל און גייען אַוועק. מ׳האַלט־אָפּ קאָנפערענצן און באַראַטונגען. אַלץ מוז באַזאָרגט ווערן, ווייל ס׳איז ניט קיין יושר צו לאָזן די צוויי זיצן אין טורמע. אגב, זיי זיינען דאָך טאַקע אומשולדיגע מענטשן. ווי מען דערציילט, האָבן די סטרייקערס גע׳הרג׳עט אַן אַרבעטער, נעבעך. מסתמא אין אַ צווייטן פּלאַץ האָבן זיי דאָס זעלבע געוואָלט טאָן, נאָר דאָרטן האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן און מ׳האָט פּרויקע׳ן צע׳ממית׳ט, און לייב זיצט פאַרשפּאַרט אונטער אַ קלאָגע פון טויטן דעם אַרבעטער.

וואָלט טאַקע אַלץ געווען גוט און פיין, נאָר דאָס וואָס מ׳האָט די צוויי, דעם יונגנמאַן מיט די שוואַרצינקע וואָנצעלעך און זיין פריינט, אויך אַרעס־

טירט — דאָס טויג ניט. נאָך מער: די פירער פונעם סטרייק טענה'ן, אַז זיי, די צוויי, האָבן דאָס טאַקע דער'הרג'עט דעם אַרבעטער, און אַז אויך זיי האָבן עס צע'ממית'ט פּרויקע'ן, — געפעלט אייך אַזאַ מין מעשה?... ניין, זיי מוזן באַפרייט ווערן!...

און טאַקע אויף דעם צווייטן טאָג זיינען די צוויי אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף ערבות פון די באַלעבאַטים. דער אַדוואָקאַט האָט זיך אונטערגענומען זיי אַרויסצונעמען אויף ערבות און האָט דאָס טאַקע געטאָן. לייב אָבער זיצט נאָך אין טורמע, — וואָדען? אַזעלכע מערדער טאָרן אויף דער פריי ניט אַרויסגיין! הערט נאָר, מענטשן ווילן אַרבעטן — הרג'עט מען זיי גאָר! איצט וועט טאַקע אַלץ איינגעשטילט ווערן. מ'עט קענען עפענען די שעפער און אָנהויבן ווידער אינזינען האָבן די געשעפטן...

קאַפּיטל זיבן: דער פאַרהער

1. אַן אומגעבעטענער עדות

פון דעם, וואָס בעני גאַרב האָט גערעכנט צוריק צו קענען אַנהויבן טראַכטן וועגן די געשעפטן, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. ערשט איצט, נאָכן טויט פון אַ סטרייקער, נאָכן אַרעסט פון לייב׳ן און נאָכן אָנ׳הרג׳ענען פּרויקע׳ן, האָבן זיך די סטרייקערס גענומען צו דער אַרבעט. גאַנצע טויזנ־טער קומען זיי און מאַרשירן אין געשלאָסענע רייען לעבן די שעפּער... די יוניאָן קומט אַרויס מיט צירקולאַרן און באַווייזט, אַז די אָנפאַלן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן פון די באַלעבאָטים צוזאַמען מיט די באַאַמטע פון דער אַלטער יוניאָן — הערט אַ חוצפה!

און ווי ס׳ווייזט אויס, האָבן אָט־די צירקולאַרן אַ סך געשטערט זייערע חשבונות, ווייל וואָס אַ טאָג ווייטער, ווערן די פּיקעט־רייען געדיכטער. זיי שרייען אין איין קול: לייב מיט פּרויקע׳ן מוזן זיין פריי!...

עס איז געווען אַ זייער אָנגעשטרענגט שטיקל צייט. די אַרבעטער האָבן מיט שרעק אין די געדאַנקען געוואַרט אויפן רעזולטאַט. זיי זיינען זיכער געווען אין לייב׳ס אומשולדיגקייט, נאָר ווער ווייס? אַז יענע האָבן דאָך אַזעלכע גרויסע אַדוואָקאַטן, און עס שטייען דאָך אַזעלכע רייכע פאַבריקאַנטן הינטער די קלאָגן — ווער ווייס?! און אויב יאָ געפונען ווערן שולדיג — וועט ער דאָך גיין צום עלעקטריק שטול...

בעני האָט אויך איינמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן לייב׳ן און וואָס עס שטייט אים פאָר. אַ שוידער איז אים פּלוצלונג איבערן לייב דורכגעלאָפן — לייב׳ן? מנחמ׳ס אַ קינד? נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דעיוו איז דאָך לייב׳ס אַ לייבלעכער שוועסטער־קינד, פונדעסטוועגן אַרט דאָס אים ניט, — טאָ וואָס זאָל ער שוין זאָגן?... יענע ווילן דאָך פאָרט רואינירן זיינע געשעפטן! נאָך מער: דער אַלטער מנחם און נחמה׳קע, — וואָלטן זיי אים כאָטש געקומען בעטן און צוזאָגן, אַז מער וועלן זיי שוין אַזוינס ניט דערלאָזן, דעמאָלט וואָלט ער זיך אפשר מיישב געווען. נו, איז גאָר פאַרקערט: זיי שיטן פעך און שוועבל אויף אים, אויף בעני׳ן...

ווען דער טאָג פון פּראָצעס איז געקומען, איז דער געריכט־זאַל געווען געפּאַקט מיט מענטשן. טויזנטער זיינען געשטאַנען אינדרויסן. אַלע צייטונגען זיינען אַרויסגעקומען מיט גרויסע „קעפּ" וועגן דעם פאַרהער.

איידער דער ריכטער איז אַריינגעקומען, איז אין געריכט־זאַל געווען אַ גרויסער טומל. ווען דער ריכטער האָט זיך אויף דער שטול באַוויזן, איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. אַלע האָבן געקוקט צו דער טיר, פון וואַנען דער אַרעסטאַנט האָט געדאַרפט אַריינגעפירט ווערן.

ווען מ'האָט לייב'ן אַריינגעפירט, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן פאַר־זאַמלטן עולם און האָט זיך פאַרנויגט. ס'האָט זיך דערהערט אַ פּליעסקעריי. דער ריכטער האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיטן האַמער און געוואָרנט, אַז מען זאָל ניט אַפּלאָדירן...

דער פאַרהער הויבט זיך אָן. עס טרעטן־אויף עדות פוןביידע צדדים. די אַדוואָקאַטן טומלען זיך און האַקן איבער איינער דעם צווייטן. קיינער ווייס ניט, וואָס עס וועט זיין. עס זיינען פאַראַן שטאַרקע עדות פון ביידע זייטן. עס טרעטן־אויף אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז זיי האָבן אַליין געזען לייב'ן טויטן דעם אַרבעטער; עס טרעטן אויך אויף אַזעלכע, וואָס שווערן, אַז לייב איז גאָר אין יענער צייט געווען אין יוניאָן־אָפּיס, און אַז דער דער־הרג'עטער איז גאָר געווען אַ גוטער סטרייקער. עס טרעטן אויך אויף עדות, וואָס זאָגן, אַז זיי האָבן געזען דעם הויכן יונגנמאַן מיט די שוואַרצע וואָנצעלעך שלאָגן דעם אַרבעטער, פון וואָס יענער איז געפאַלן טויט.

די אָנגעצויגנקייט וואַקסט. געאַנקען קריכן אין קאָפּ: מ'עט אים פאַר'משפט'ן!

אַי וואָס די אַדוואָקאַטן פון דער פאַרטיידיגונג באַווייזן, אַז די עדות פאַר דער אָנקלאַגע זיינען צווייפלהאַפטע מענטשן; אַי וואָס די געכאַפּטע האָבן לאַנגע רעקאָרדס פון פאַרברעכנס הינטער זיך — דאָס איז גאָרניט! אָט שטייען דאָך מיט זיי אַזעלכע וואַזשנע מענטשן, ווי בעני גאָרב און דעיוו אַבראַנסקי, און זיי זיינען דאָך אויך גרייט עדות צו זאָגן, אַז לייב'ס כאַראַק־טער איז אַ שלעכטער, און אַז ער וויל רואינירן די אינדוסטריע.

ווען דעיוו האָט זיך געזעצט אויפן עדות־שטול, איז ער געווען זייער בלאַס. לייב האָט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. פונדעסטוועגן וואָלט זיין עדות־זאָגן געווען אַריבערגעגאַנגען גאַנץ גלאַטיג, — ער איז דאָך פאָרט ניט פון די אָפּגעשראָקענע אינגלעך, נאָר פון צווישן עולם האָט זיך פּלוצ־

לונג דערהערט אַ געשריי. דער אַלטער מנחם האָט זיינע פויסטן אין דער הויך געביילט:

— דו, דו, משומד!

מ׳האָט מנחמ׳ען פון געריכט אַרויסגעפירט. וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער צו שטערן דעם פאַרהער? אַי וואָס דעיוו איז זיינס אַ פּלימעניק — נו, מסתמא אַז אַ פּלימעניק רעדט אַזוי, איז דאָך דאָס אַוודאי אמת!...

דעיוו אָבער האָט געבעטן אַנטשולדיגונג פון ריכטער. ער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען... ער וועט אויפטרעטן אַ ביסל שפּעטער...

און ווען אַלע אין געריכט־זאַל האָבן זיך געהויבן פון די ערטער און נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון פאַרהער, איז צירל, סידני גאַרב׳ס אינגסטע טאָכטער, אויך געזעסן אין געריכט־זאַל. צירל האָט פון גאָרניט געטראַכט. אין איר מוח האָט בלויז איין געדאַנק געהאַמערט: וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? און ווייל זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, האָט זי גאָר גע־שוויגן, האָט זי געביסן די נעגל און געגראַבלט די קני.

ווען בעני איז אַרויף אויפן עדות־שטול, האָט זיך צירל געוואָלט אויפ־הויבן. זי איז אָבער געבליבן זיצן מיט אויסגעשטאַרטע אויגן. לייב האָט אויך בעני׳ן אין די אויגן אַריינגעקוקט. צו בעני׳ן האָט זיך דער ריכטער זייער איידל באַצויגן. ער האָט אים דערקלערט, אַז מ׳האָט אים אַהער גערופן בלויז צו הערן, וואָס ער ווייס וועגן לייב׳ס טעטיגקייטן אין דעם פּרויען־קליידער־פאַך.

בעני האָט דערציילט, אַז לייב מיט זיין פּריינט פּרויקע האָבן דעם גאַנצן פאַך חרוב געמאַכט, אַז זיי זיינען פאַרדאָרבענע מענטשן...

— הייסט עס, אַז לויט אייער מיינונג, איז ער פייאיג צו הרג׳ענען אַ מענטשן.

— יאָ! — האָט בעני קאַלט געענטפערט.

— ס׳אַ ליגן! — האָט אין געריכט־זאַל אַ פרויען־קול אַ קלונג געטאָן.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. צירל איז געשטאַנען אויף אַ באַנק און גערעדט:

— איך ווייס, ווער די שולדיגע זיינען. איך ווייס אַלץ.

די געריכט־אויפזעער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו איר, באַר ווייל זי איז געשטאַנען אינמיטן דעם געדיכטן עולם און ס׳איז שווער געווען צו־צוקומען צו איר, האָט זי דערווייל גערעדט:

— איך בין אַ שוועסטער פון דעם־אַ פאַבריקאַנט. איך בין אַנוועזנד געווען ביי אַלע באַראַטונגען פון די באַלעבאַטים. איך ווייס, ווער די שולדיגע זיינען.

דער ריכטער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער און געהייסן די געריכט־אויפזעער זי ביט טשעפּען. די אַדוואָקאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן אַדורכרעדן. ס׳איז געוואָרן אַ טומל אין געריכט־זאַל. בעני איז געזעסן אויפן עדות־שטול און נערוועז געדרייט די פינגער. לייב האָט געקוקט אויף צירל׳ען.

צירל איז אַרויסגערופן געוואָרן אויפן עדות־שטול.

— וועגן וואָס פאַר אַ באַראַטונגען ווייסט איר, פריילין? — האָט דער אַדוואָקאַט פון דער פאַרטיידיגונג זי געפרעגט.

— וועגן באַראַטונגען פון בעני גאַרב מיט דעם־אַ דעיוו׳ן און מיט אָט־דעם יונגנמאַן... — האָט צירל אָנגעוויזן מיטן פינגער.

— וועגן וואָס האָבן זיי גערעדט ביי אָט־די באַראַטונגען?

— זיי האָבן גערעדט וועגן געבן צען טויזנט דאָלער צו אָט־דעם־אַ יונגנמאַן, אַז ער זאָל אַפּראַמען לייב׳ן און פּרויקע׳ן פון וועג.

און צירל האָט דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן, וואָס זי האָט געהערט אויף די באַראַטונגען.

בעני האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ הויב־אויף און זיך געלאָזט גיין פון געריכט־זאַל.

— פאַרהאַלט אים! — האָבן די אַדוואָקאַטן געפאָדערט פון דעם ריכטער.

דער ריכטער האָט אויסגערופן:

— פאַרהאַלט אים!

2. קיינער האָט זיך ניט געקימערט

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יונגערמאַן מיט די שוואַרצינקע וואָנצעלעך איז גאָרניט אַזאַ בריה, ווי ער האָט געזאָגט אַז ער איז, ווייל ווי נאָר די אַדוואָקאַטן פאַר דער פאַרטיידיגונג האָבן אים גענומען אויפן עדות־שטול, האָט ער אָנגעהויבן דרייען מיט דער צונג אַהער־און־אַהין, און ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך פונעם פּלאָנטער אַרויסדרייען.

און פלוצלונג האָט ער זיך גאָר געגעבן אַ שטעל אָפּ, זיך געווענדעט צום ריכטער און טרייסלענדיג זיך געזאָגט:

— יור האָנאָר! איך בין גרייט צו דערציילן דעם אמת.

עס איז אַוודאי ניט שיין געווען פאַר אַזאַ יונגנמאַן אַריינצושלעפּן בעני'ן און דעיוו'ן אין אַזעלכע צרות, ווייל וואָס זיינען זיי דען געווען שולדיג? ער איז דאָך געקומען צו זיי און צוגעזאָגט אַלע גליקן — זיי זיינען דאָך, חלילה, קיין שלעכטס ניט אויסן געווען...

אַזוי האָבן טאַקע בעני און דעיוו גע'טענה'ט, באַר וואָס העלפט טענה'ן, אַז די קלאַגע געגן זיי איז אַ שווערע און די באַווייזן זיינען שטאַרקע?

היינט די פאַבריקאַנטן האָבן אויך ניט געהאַנדלט ווי דזשענטללייט. ווי נאָר די נייעס האָט זיך פאַרשפּרייט, אַז בעני און דעיוו שטייען אונטער קלאַגן פון מאָרד, אַזוי זיינען זיי יעדער אין זיין שאָפּ אַוועק. זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן קלינגען אויפן טעלעפאָן אין דער נייער יוניאָן: זיי ווילן זיך אויסגלייכן; זיי האָבן דאָך קיינמאָל ניט געוואָלט האָבן קיין סכסוכים מיט זייערע אַרבעטער...

און וועגן בעני'ס צרות האָט זיך, ווייזט אויס, קיינער ניט געקימערט. בלויז שראָליע מיט די זין זיינען אַרומגעלאָפן און געכלאָפּאָטשעט. געלט האָבן זיי געוואָרפן אין אַלע זייטן. געלט האָט אָבער, ווייזט אויס, פאַרלוירן דעם ווערט, ווייל בעני און דעיוו זיינען פאַר'משפט געוואָרן צו פופצן יאָר טורמע, און דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק און זיין פריינט — צו לעבנס־לענגלעכער געפענגעניש.

לייב איז באַפרייט געוואָרן פון דער מאָרד־קלאַגע. די אַרבעטער האָבן זיך געפרייט מיטן גרויסן זיג. דער סטרייק איז פאַרענדיגט געוואָרן. פרויקע איז אַרויסגעקומען פון שפּיטאָל אַ געזונטער — די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

פינפטער טייל

קאַפּיטל איינס: די משפּחה פון עלף וועלט צעבראָכן

1. דער אינגסטער ברודער האָט געוואַגט

די משפּחה פון עלף איז צעבראָכן געוואָרן. דער עלטסטער זון, בעני, איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין טורמע, און די אינגסטע טאָכטער צירל איז אין ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין, — טאַ וואָס־זשע פאַר אַ משפּחה פון עלף קאָן דאָס שוין זיין?

שראָליע האָט צוזאַמענגערופן זיינע זעקס זין מיטן אײדעם. זיין פּנים איז פאַר דער צייט געוואָרן צעקנייטשט און פאַרעלטערט. ער האָט גע־האַלטן זיינע אויגן אַרונטערגעלאָזן און זיך שטיל אָפּגערופן:

— נו, מיינע קינדער! דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי געטאָן. „סידני גאַרב ענד סאָנס" האָט פאַרלוירן. דער סטרייק און דער משפּט האָבן אונז אויסגעבראַכט ביז צו דער לעצטער פּעני. מיר זיינען פּונקט דאָרטן, וואו מיר האָבן אָנגעהויבן, נאָר מיט איין אונטערשייד: מיר זיינען ניט מער די משפּחה פון עלף, — וואָס וועט איר טאָן?

די זין זיינען געשטאַנען און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן זייער טאַטן. אַוועק זיינען יענע טעג, ווען שראָליע פלעגט זיי מיט זיכערקייט אין זיין טאָן געבן עצות; אַוועק זיינען די טעג, ווען בעני פלעגט זיי דעם וועג ווייזן און זיי פלעגן טאָן ווי ער האָט זיי געהייסן, — איצט שטייט פאַר זיי זייער טאַטע אַן אַלטער און צעבראָכענער, און בעני זיצט אין טורמע, און די געשעפטן זיינען רואינירט, — נו, וואָס־זשע קאָן מען זאָגן?

דער אינגסטער פון די ברידער, סעמי, אָט־דער וואָס האָט ווייניג געהאַט צו זאָגן אין די געשעפטן און זיך קנאַפּ־וואָס געמישט, האָט אָבער, ווייזט אויס, אַזוי ניט געטראַכט. אַ סימן: ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין פּלאַץ, זיך אויסגעגלייכט, און זיך באַלד געווענדט צו שראָליע'ן:

— הער, טאַטע, איך בין דער אינגסטער פון אַלע ברידער, איך האָב זיך דערפאַר קיינמאָל ניט געמישט אין די געשעפטן. איך האָב געטראַכט, אַז מסתמא ווייסט איר בעסער...

סעמי איז געבליבן שטיין. עפּעס האָבן זיך אים אין האַלז איבער־

געהאַקט די ווערטער. דאָס איז מסתמא געווען צוליב דעם, וואָס אַלע ברידער האָבן אויף אים געקוקט מיט פאַר׳חידוש׳טע אויגן: סעמי?

— נו? — האָט שראַליע געפרעגט.

— נו,— האָט סעמי ווידער אָנגעהויבן,—דער דערפאָלג פון דער פירמע האָט אונז אַלעמען פאַרדרייט די קעפּ. אַ שרעקלעכער טעות איז געמאַכט געוואָרן. דער נאָמען „סידני גאַרב ענד סאָנס" טויג מער ניט. מענטשן װעלן פון דעם וויכן. איך בין גרייט דאָס איבערצונעמען אויף מיין נאָמען, סעם גאַרבער. איך וועל אָנהויבן פון אָנהויב...

סעמי האָט זיך אָנידערגעזעצט. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, ווי אַ שווערע משא זאָל אים האָבן אַרונטער פון די פּלייצעס.

שראַליע און די ברידער האָבן אויף אים געקוקט מיט ברוגז׳ע אויגן: אויף דעם האָבן זיי זיך גאָרניט געריכט!

— נעם עס! — האָט מאָטקע, דער עלטסטער פון די זין, אַ זאָג געטאָן צו סעמי׳ן.

— זאָל ער נעמען! — האָט חיים אים נאָכגעפאָלגט.

עס האָט זיך געפילט ווייטאָג אין זייערע ווערטער: ווי האָט ער געוואָגט?

— נעם דאָס! — האָט שראַליע צוגעשטימט.

די אַנדערע דריי ברידער און דער איידעם האָבן איינגעשטימט צו שטיין מיט סעמי׳ן צוזאַמען. מאָטקע און חיים זיינען אַוועק פאַרביטערטע. זיי האָבן געפילט, ווי עפּעס האָט סעמי באַליידיגט זייער עלטסטן ברודער, בעני׳ן. נייך, — זיי קאָנען אין געשעפט ניט בלייבן.

אין מאַרקעט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז די פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס" האָט זיך אויפגעלייזט; אַז די צוויי שעפער האָבן זיך אויפגעגעבן, נאָר אַז פיר ברידער מיטן שוואָגער האָבן געעפנט אַ קליינעם שאַפּ פון פרויען-קליידער, און אַז דער אינגסטער ברודער, סעם, איז דער הויפּט-קאָפּ. די פירמע רופט זיך טאָקע: „סעם גאַרבער ענד קאָ.".

2. בעלאַ דעיווידסאָן

ווען צירל איז פון געריכט-זאַל אַרויס, איז זי מער אַהיים ניט געגאַנגען. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, און דער גאַנצער קערפּער איז זייער

שווער געוואָרן. זי איז אַוועק אין אַ האָטעל און האָט דאָרטן גענומען אַ צימער.

— וואָס איז אייער נאָמען? — האָט איר דער רעגיסטראַטאָר געפרעגט.

צירל האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן, נאָר איז באַלד צו זיך געקומען.

— בעלאַ דעיווידסאָן, — האָט זי געענטפערט, — בעלאַ דעיווידסאָן!

פאַרוואָס עפּעס בעלאַ דעיווידסאָן? דאָס האָט צירל אַליין ניט געוואוסט. אַזאַ נאָמען איז איר איינגעפאַלן. זי האָט אָבער יאָ געוואוסט, אַז „צירל גאָרב" קאָן מער איר נאָמען ניט זיין...

ווען בעני און דעיוו זיינען פאַר'משפט געוואָרן, איז צירל געקומען אין איר האָטעל־צימער און פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך. אין האַנט האָט זי געהאַלטן איר האַנט־טאַש זייער שטייף. מיטאַמאָל האָט זי דעם האַנט־טאַש אויפגעעפנט, אַרויסגענומען אַ קליין קעסטעלע. זי האָט אויפגעעפנט ס'קעסטעלע און געקוקט אויף דעם פּוידער, וואָס איז דאָרטן געלעגן איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. זי האָט ס'קעסטעלע צוריק פאַרמאַכט, געשפּאַנט איבערן חדר הין און צוריק, ווידער געעפנט ס'קעסטעלע און געקוקט, געקוקט...

פּלוצלונג האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט. טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן. זי האָט איינגעפלאָכטן די פינגער פון אירע ביידע הענט איינע אין די אַנדערע, אַרומגענומען מיט זיי דעם קאָפּ און מיט די לאַדאָניעס שטייף געדריקט די שלייפן.

און אין די שלייפן האָט געהאַקט ווי מיט האַמערס:

— ניט שיין, צירל, ניט שיין, בעלאַ דעיווידסאָן, זיך נעמען דאָס לעבן!...

יאָ, אַוודאי איז ניט שיין! וואָס אַזעלכעס האָט זי דען געטאָן, צוליב וואָס זי דאַרף זיך דאָס לעבן נעמען? איר ברודער איז באַגאַנגען אַ גרויסן פאַרברעכן, אַ מאָרד, — זיין שטראָף איז אַ באַרעכטיגטע! זי האָט ניט געטאָרט דערלאָזן, אַז לייב, אַן אומשולדיגער, זאָל גיין צום עלעקטריק־שטול!

און לייב? וואָס וואָלט לייב געזאָגט, ווען ער געפינט אויס, אַז זי, צירל, וויל זיך דאָס לעבן נעמען? ער וואָלט געוויס געטראַכט, אַז זי איז אַ שוואַכלינג, אַז זי קאָן ניט אויסהאַלטן אַ נסיון אין לעבן.

ניין, זי וועט זיך דאָס לעבן ניט נעמען. זי וועט בעסער גיין צו לייב'ן.

ער וועט זי דאָך איצט שוין ניט האַלטן פאַר קיין אַגענטקע, מ׳וועט זי פון אָפּיס דאָך מער ניט אַרויסוואַרפן. זי וועט מיט אים רעדן, פאַרברענגען, — זי וועט אים זאָגן, אַז זי האָט אים ליב...

ניין, דאָס טאָר זי אים ניט זאָגן. לייב וועט טראַכטן, אַז דאָס האָט זי געטאָן צוליב איר ליבע צו אים. ניין, ס׳איז ניט אמת! זי, צירל, איז אַן אמת׳ער מענטש!...

און וואָס וועט לייב זאָגן? לייב וועט זיך אפשר גאָר אויסלאַכן פון איר ליבע צו אים. אפשר האָט ער שוין גאָר אַ געליבטע, אַ ווייב — וואָס ווייסט זי? דאַן וועלן אַלע ליכט פאַר איר אויסגעלאָשן ווערן, אַלע האָפע־נונגען צערונען ווערן — ניין, ניין!

ווי לאַנג צירל איז אַזוי געלעגן אויפן בעט און זיך געראַנגלט אין אירע געדאַנקען, ווייסט זי אַליין ניט. ווי אַזוי זי איז געקומען צו אַ באַשלוס, איז אויך פאַר איר אינגאַנצן קלאָר ניט געווען. זי ווייסט בלויז, אַז זי האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף פון בעט, פאַרפּאַקט אירע זאַכן, און אין אַ פּאָר שטונדן איז זי שוין געזעסן אין אַ באַן, וואָס איז אַוועקגעפאָרן פון ניו־יאָרק, אַוועק ווייט... ווייט...

3. אַ וועלט מיט אַרבעט

ווען לייב איז פאַרטיג געוואָרן מיט דער גרויסער און אַנגעשטרענגטער אַרבעט פון אויסגלייכן דעם סטרייק און צוריקברענגען די יוניאָן צו אַ נאָרמאַלן צושטאַנד, האָט ער זיך איינמאָל אַנידערגעזעצט אַ רואיגער און צופרידענער און האָט אָנגעהויבן נאָכטראַכטן די אַלע איינצלהייטן, וואָס האָבן פּאַסירט זינט דער סטרייק איז גערופן געוואָרן.

אָט זיצט דעיוו אויפן עדות־שטול און רעדט מיט האַס וועגן אים, לייב׳ן; אָט זיצט בעני און שילדערט אים מיט פרויקע׳ן אין די שוואַרצסטע קאָלירן; אָט רייסט זיך מנחם צו דעיוו׳ן מיט געבײלטע פויסטן; און אָט . . . אָט שטייט בעני׳ס שוועסטער און רעדט: „איך ווייס אַלץ . . . איך בין אַנוועזנד געווען ביי אַלע באַראַטונגען...“

לייב האָט זיך ווי פון שלאָף אַ כאַפּ געטאָן: אָה, פאַרוואָס האָב איך וועגן איר די גאַנצע צייט ניט געטראַכט? נאָך אַלעמען, בין איך דאָך

אַ דאַנק איר אַרויס פריי. אַ דאַנק איר איז דאָך דער אויסגאַנג פונעם סטרייק געווען אַ גוטער...

לייב האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען די אינצידענטן, וואָס האָבן פּאַסירט צווישן אים און אָט־דעם מיידל. מיט אַלע איינצלהייטן האָט ער זיי גע־דענקט. אָט לאָזט ער זי שטיין איינע אַליין אינמיטן מיטינג־זאַל און גייט אַוועק צו דער פּלאַטפאָרמע... אָט שטייט זי אין זיין אָפיס און וויל מיט אים רעדן, נאָר די אַרבעטער שטופּן זי אַרויס: אַגענטקע!...

— אַגענטקע? — שטאַמלט לייב אַרויס צו זיך אַליין. זי האָט דאָך נאָך אַוודאי דעמאָלט מיר געוואָלט דערציילן, וואָס עס קלייבט זיך אויף אונז. וואָס פאַר אַ נאַר איך בין געווען! ווי גראָב איך האָב זי באַהאַנדלט! נייך, איך מוז זי זען! איך מוז זיך אַנטשולדיקן!

לייב'ס פאַרזוך צו זען זיך מיט בעני'ס שוועסטער איז אָבער געווען אומזיסט, ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו זי איז אַהינגעקומען. ער האָט זיך יאָ דערוואוסט, אַז פון איר משפחה איז זי אַוועק...

און ווי אויף צו־להכעיס ווערט זיין ווילן זי צו זען אַלץ שטאַרקער. איר פּנים הויבט אָן דייטלעך אַרויסשיילן זיך פאַר זיינע געדאַנקען. יאָ, ערשט איצט געדענקט ער יעדן שטריך אירן! זי האָט אויסגעקוקט זייער יונג, אירע האָר זיינען געווען טונקל, און די אויגן? יאָ, די אויגן בלוי און דורכדרינגענדיג. פאַרוואָס־זשע האָט ער דאָס אַלץ פריער ניט געזען — פאַרוואָס?

און בכלל: וויפיל מענטשן זיינען עס פאַראַן אַזעלכע? וויפיל יונגע מיידלעך וואָלטן עס אויפגעטראָטן אין געריכט געגן זייער אייגענעם ברודער? דאָס איז דאָך אַ צייכן פון גרויסקייט... איידלקייט... געוואַגטקייט...

וואו־זשע איז זי, אָט־דאָס איידל קינד?

לייב'ן האָט אָט־די פראַגע געעגבערט אין מוח. פרויקע האָט דאָס אָנגעהויבן באַמערקן אויף אים.

— וואָס טוט זיך מיט דיר, לייב? עפּעס גייסטו אַרום, ווי אויף יענער וועלט! — האָט אים פרויקע ווי פאַרגעוואָרפן.

לייב האָט דערציילט פרויקע'ן דעם אמת. פרויקע האָט אויף אים געקוקט מיט גרויס פאַרשטענדעניש און שטיל באַמערקט:

— ס'איז אַלץ אמת, לייב, נאָר ס'איז דאָך פאַראַן אַ וועלט מיט אַרבעט.

— יאָ, אַ וועלט מיט אַרבעט!...

4. וואָס מענטשן וואָלטן אויסגערעכנט

און מענטשן וואָלטן אויסגערעכנט, אַז וויבאַלד לייב און פּרויקע האָבן אַזאַ גרויסן זיג אָפּגעהאַלטן, קאָנען זיי שוין איצט צופרידן אָנגיין מיט דער אַרבעט. אָט־יענע מענטשן וואָלטן אַ גרויסן טעות געמאַכט, ווייל לייב און פּרויקע האָבן געהאַלטן אין איין טראַכטן ווי ווייטער אויסצובעסערן די אַרבעט. ס׳איז אמת, אַז די גינסטיגע רעזולטאַטן אין דער פּרויען־קליידער־אינדוסטריע האָבן געהאַט אַ זייער גוטע ווירקונג אין אַ סך אַנדערע פאַכן, — די לאַגע אין יענע פאַכן איז אָבער געוועזן אַ גאַנץ אַנדערע. פיל אַרבעטער־פירער זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין די טורמעס. אַ סך אַנדערע האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע יוניאָנס געגן זייער אייגענעם ווילן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט פּרויקע׳ן.

יאָ, וועגן דעם איז טאַקע פּרויקע איינמאָל געקומען צו לייב׳ן און געזאָגט:

— לייב, מיך ציט נאָך אַלץ צו דער שניידער־יוניאָן.

— נו, וואָס־זשע ווילסטו טאָן? דו וועסט דאָך אונז ניט פאַרלאָזן?

— ניין, — האָט פּרויקע געענטפערט, — מיין נאָמען דאַרף אָבער דאָרטן ריינגעוואַשן ווערן. איך וועל דערפאַר אַפּעלירן געגן מיין אויס־שליסונג.

און ס׳איז מאָדנע ווי ציטן בייטן זיך: דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן האָט אים געענטפערט מיט אַ פּערזענלעכן בריוו: פאַרוואָס ניט? אדרבא! ווענדעט זיך צו דער עקזעקוטיווע פון אייער לאָקאַל.

און פּרויקע, דער פירער פון אַזויפיל צענדליגער טויזנטער פּרויען־קליידער־אַרבעטער, איז אין איין אָוונט געגאַנגען צו אַ מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון זיין שניידער־לאָקאַל, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אַזוי שטאַרק, שטאַרק... ער האָט שוין לאַנג ניט געזען די מענטשן פון דער שניידער־יוניאָן... ער ווייסט ניט, ווער עס זיינען די נייע עקזעקוטיווע־מיטגלידער... — וואָס וועלן זיי טאָן? ווי אַזוי וועלן זיי אים אויפנעמען?...

— פאַרוואָס ווילט איר צוריק אַריינגיין אין דער שניידער־יוניאָן? — האָט אים דער פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע קאַלט געפרעגט.

פּרויקע האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָרזיצער, געקוקט אויף די אַנדערע

עקזעקוטיװע־מיטגלידער. ער האָט געזען פיל בײע פּנים׳ער. אײניגע זײנען אויך פון זײנע אַלטע באַקאַנטע. אין האַרצן האָט װי עפּעס אַ קװעטש געטאָן, און ער האָט שאַרף אַרױסגערעדט:

— דערפאַר װײל איך בין אומגעזעצלעך אויסגעשלאָסן געװאָרן, דערפאַר װײל איך האָב אַט־די יוניאָן געבויט פון אָנהויב אָן, דערפאַר װאָס דער, װאָס האָט פאַראורזאַכט מײן אויסשליסונג, זיצט איצט אין טורמע אַלס פּשוט׳ער מערדער...

די װערטער זײנען געפאַלן װי קלעפּ פון שװערע האַמערס. די מערסטע האָבן סימפּאַטיש געשאָקלט מיט די קעפּ; אײניגע האָבן אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

און טאַקע נאָך אין יענעם אָװנט איז באַשלאָסן געװאָרן פּרויקע׳ן צוריק אַרײנצונעמען אַלס מיטגליד אין דער שנײדער־יוניאָן און אַזוי אַרום רײנװאַשן זײן נאָמען אין יענער יוניאָן.

איז, דאַכט זיך, װאָס אַזוינס איז דאָ אויפגעטאָן געװאָרן? פּרויקע האָט אָבער געשפּאַנט אַהײם מיט פרײלעכע און זיכערע טריט. ער האָט אין דעם געזען די רעזולטאַטן פון שװערער אַרבעט. הײסט עס, אַז מ׳טאָר טאַקע קײנמאָל ניט אויפגעבן: װען מען פאַרלירט אײנמאָל — דאַרף מען פּרוּװן אַ צװײט מאָל.

װער האָט דאָס פּרויקע׳ן אַט־די װערטער געזאָגט?

ער דערמאָנט זיך, אַז דאָס זײנען געװען לײב׳ס װערטער. דערפאַר טאַקע האָבן מיר געװאונען צװישן די פּרויען־קלײדער־אַרבעטער. דערפאַר טאַקע איז מײן נאָמען רײנגעװאַשן געװאָרן אין דער שנײדער־יוניאָן.

און אין שײכות מיט דעם טראַכט פּרויקע װײטער: און די יוניאָנס װאַקסן, עס קומען אויף אַלץ נײע און נײע טוער. אָט איז ערשט ניט לאַנג צוריק אָפּגעהאַלטן געװאָרן אַ גרויסע קאָנפערענץ פון פאָרטרעטער פון אַ סך יוניאָנס — מ׳נעמט זיך אונטער צו אָרגאַניזירן אַלע פאַכן, אַלע אינדוסטריעס, אַפילו די גרעסטע און די נאָך אינגאַנצן ניט־אָרגאַניזירטע...

איז װידעראַמאָל: מענטשן װאָס װאָלטן אויסגערעכנט, אַז איצט קאָנען שוין לײב און פּרויקע צופרידן אָנגײן מיט זײער אַרבעט, װאָלטן זיך שטאַרק געװאונדערט, װען זײ דערװיסן זיך, אַז לײב און פּרויקע זײנען שטאַרק אומצופרידן. ס׳איז אמת, אַז אַלץ גײט איצט כשורה אין דער יוניאָן, אָבער אַז ס׳זײנען פאַראַן צװײ יוניאָנס אין דער פּרויען־קלײדער־אינדוסטריע

קאָן דאָך קיינער ניט אַפּלייקענען. טאָ וועַר־זשע וויל עס האָבן צוויי יוניאָנס? אונזערע רעכטן האָבן מיר דאָך געוואונען. די אַרבעטער ווערן אַלץ מער און מער אַקטיוו און הויבן טאַקע אָן זאָגן אַ דעה אין דער פירונג פון פיל יוניאָנס... די באַוועגונג צו אָרגאַניזירן אַלע אינדוסטריעס צע־וואַקסט זיך — טאָ צו וואָס צוויי יוניאָנס?...

ווען לייב און פרויקע האָבן אָט־די פראַגע אַזוי אַוועקגעשטעלט ביי אַ אַ זיצונג פון דער יוניאָן־עקזעקוטיווע, האָבן די מיטגלידער אויף זיי געקוקט מיט גרויס חידוש, און טאַקע גע׳טענה׳ט:

— זיי ווילן אונז ווידער אַרויסוואַרפן, — האָבן איינציגע געזאָגט.

— צו וואָס זיך פאַראייניקן מיט אַזעלכע מענטשן? — האָבן אַנדערע געפרעגט.

צו לייב׳ן און פרויקע׳ן האָבן זיי אָבער אַלע געהאַט צוטרוי, און לייב מיט פרויקע׳ן האָבן אויף די פראַגן געענטפערט, אַז אַנדערע צייטן קומען... אַז זייער אַרבעט איז ניט געגאַנגען פאַרלוירן...

און זיי זיינען דאָך טאַקע גערעכט געווען, ווייל די פירער פון דער נאַציאָנאַלער יוניאָן האָבן לייב׳ן מיט פרויקע׳ן אויפגענומען זייער פריינט־לעך. איינציקייט — אַוודאי! זיי האָבן דאָך אַלעמאָל געוואָלט איינציקייט!...

עס איז דערפאַר געוואָרן איין יוניאָן ווי אַמאָל, מיט איין אונטערשייד:

— איינציקייט — אַוודאי!

— אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע — אַוודאי און אַוודאי!...

קאַפּיטל צוויי: די ברידער גאָרבאַטי

1. וואָס, אַ שטייגער, וועלן זיי דערלייגן?

ווען מאַטקע מיט חיים׳ען זיינען דעמאָלט אַוועק ברוגז׳ע פון דער היים, האָבן זיי ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיי טאָרן מער זייער פּנים ניט ווייזן אָט־דאָ אין שטאָט. זיי האָבן אָבער ביידע איינגעשטימט, אַז עס איז אַ סך גלייכער צו גיין פּאַמעלעך און אַן דריידלעך, איידער לויפן אין אַ זיג־זאַג און צע־ברעכן דעם נאַקן — בעני׳ס ביישפּיל איז זיי פאַר די אויגן געשטאַנען.

דערפאַר זיינען זיי אַוועקגעפאָרן מיט זייערע פאַמיליעס אין אַן אַנדער שטאָט. דאָרטן האָבן זיי געקראָגן אַרבעט ביי פּרויען־קליידער. און ווער זיינען זיי? — אָ, די גאָרבאַטי ברידער!... מאַקס און היימי גאָרבאַטי!...

האָבן די גאָרבאַטי ברידער געאַרבעט און זיינען כמעט ווי געווען צו־פרידן מיט זייער שיקזאַל, ווייל די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט זייערע איז ביי זיי געווען ניט מער ווי אַ וויסטע דערמאָנונג. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַר־שטיין, פאַרוואָס זייער קלוגער ברודער בעני איז אַזוי מיאוס אַריינגעפאַלן...

דאָ אין דער נייער שטאָט האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט, זיי האָבן זיך מיט קיינעם ניט גע׳חרב׳ט און געהאָפּט, אַז אַזוי וועט עס טאַקע אָנגיין, ביז... ביז זיי וועלן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ס׳איז געווען אַמאָל אַ פירמע „סידני גאָרב ענד סאָנס“ און אַז זייער ברודער זיצט אין טורמע.

וואָלט שוין, דאַכט זיך, אַלץ געגאַנגען, ווי זיי האָבן זיך געוואונטשן, ווען ניט די אַרבעטער פון שאָפּ, וואָס האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די צוויי ברידער. יעדן מאָל, ווען זיי פלעגן גיין אַהיים פון דער אַרבעט, פלעגט זיי נאָכגיין אַן אַרבעטער אָדער צוויי און זיי ניט אָפּלאָזן, נאָר גראַד געוואָלט וויסן, ווער זיי זיינען און פון וואַנען זיי קומען.

— וואָס, אַ שטייגער, גייט דאָס זיי אַזוי אין לעבן? — האָט היימי איינמאָל געפרעגט ביי מאַקס׳ן.

— אָ, זיי זיינען גלאַט אַזוי זיך פריינטלעכע מענטשן, — האָט מאַקס געענטפערט.

שפעטער, אָבער, האָבן זיי אויסגעפונען, אַז עס איז ניט סתם פּריינט־לעכקייט, נאָר אַז די אַרבעטער האָבן פון זיי פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן אונטערשרייבן אַן אַפּליקאַציע אין דער יוניאָן...

מאַקס און היימי האָבן בייז אַ קוק געטאָן אויף די אַרבעטער. יענע, דערזעענדיג זייערע בייזע בליקן, האָבן זיך גיך פון זיי אָפּגעקערט:

— איר ווילט ניט, דאַרף מען ניט! מען צווינגט קיינעם ניט!...

דעמאָלט ערשט האָבן זיי זיך דערפילט באַליידיגט, ווייל אינדערהיים האָבן זיי צווישן זיך גערעדט:

— מאָדנע מענטשן, אָט־די פּאָר אַרבעטער.

— יאָ, זיי האָבן זיך פון אונז אַזוי גיך אָפּגעקערט.

און ווען זיי זיינען אויף מאָרגן געקומען אין שאַפּ און האָבן דערפילט די קאַלטקייט אַרום זיי, ווי די אַרבעטער ווייכן זיי אויס און האָבן מורא רעדן עפּעס אין זייער געגנוואַרט, האָבן די צוויי ברידער שוין כמעט ווי חרטה געהאַט, וואָס זיי האָבן אַזוי גיך די אַרבעטער פון זיך אָוועקגעשיקט...

דערווייל זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן וואַלן אין שאַפּ. די יוניאָן האָט געוואונען. די אַרבעטער האָבן זיך געפרייט. דער באַלעבאָס האָט יעדן אינדערפרי אָנגעהויבן זאָגן „גוט מאָרגן" צו די אַרבעטער.

— וואָס וועט איצט זיין? — האָט היימי געפרעגט.

די ברידער האָבן זיך גע׳ישוב׳ט וואָס צו טאָן. פון שאַפּ אָוועקגיין האָבן זיי ניט געוואָלט, און זיך אָנשליסן אָן דער יוניאָן האָט זיך זיי אויך ניט געגלוסט.

ווען דער באַלעבאָס האָט אָבער אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן, האָבן מאַקס און היימי באַשלאָסן: מיר׳ן אַריינגיין!

אין אָנהויב האָבן זיי זיך אַ ביסל געשעמט: סטייטש, מיר, פון דער פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס" — אין דער יוניאָן! ביסלעכווייז אָבער האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען צום געדאַנק. די העכערונג אין שכירות, וואָס זיי האָבן דורך דער יוניאָן געקראָגן, האָט זיך אויך ביי זיי גאַנץ גוט אָנגעזען — מענטשן אין דער פרעמד! צו קיין מיטינגען פון דער יוניאָן האָבן זיי אָבער ניט געוואָלט גיין, ווייל וואָס האָבן זיי צו הערן זייערע פּלאַפּלערייען — געדענקען זיי דען ניט, אַז די יוניאָן האָט זיי אומגליקלעך געמאַכט?!

די אַרבעטער פון שאַפּ האָבן אָבער ניט געוואוסט פון דעם, אַז מאַקס

און היימי קומען פון דער פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס״. פאַר זיי זיינען זיי געווען צוויי אַרבעטער, וואָס רופן זיך מאַקס און היימי גאַרבאַטי, — טאָ פאַרוואָס זאָלן די גאַרבאַטיס ניט קומען צו די יוניאָן־מיטינגען, פאַר־וואָס?

ספּעציעל איין יונגערמאַן, זייער אַ צוגעלאָזענער, איז צו זיי צו־געשטאַנען און זיי שטאַרק געבעטן צו קומען צו אַ מיטינג. נאָך אַלעמען, דאַרפן זיי דאָך ניט אָפּשטיין פונעם כלל.

מאַקס און היימי האָבן זיך ווידער דורכגערעדט: וואָס, אַ שטייגער, וועלן זיי דערלייגן? מ׳קאָן דאָך טאַקע ניט אויסקוקן אין די אויגן פון די אַנדערע ווי גרויסהאַלטער, — לאָמיר זיך דורכגיין.

זיינען זיי געגאַנגען מיט פאַמעלעכע טריט. זיי האָבן אויפן וועג צווישן זיך גאַרניט גערעדט. אין די הערצער האָט אָבער בייביידן געטליעט אַ ווייטאָג: פון אַזוי הויך — אַזוי נידעריק פאַלן...

אַזוי זיינען זיי אַריינגעקומען אין מיטינג־זאַל. דאָרטן האָבן זיי שוין קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן, ווייל זיי האָבן דאָרט געטראָפן פיל באַ־קאַנטע פון שאַפּ: יעדערער זאָגט אַ וואָרט, צוויי — מען דאַרף ענטפערן. דער עולם פילט זיך נאָענט, היימיש.

ווען דער מיטינג האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען די צוויי ברידער געזעסן מידע און אויסגעמאַטערטע, ווייל די גאַנצע זאַך איז פאַר זיי געווען אַזאַ גרויסע אָנשטרענגונג.

דער מיטינג איז אָנגעגאַנגען מיט די געוויינלעכע רוטינע אַרבעטן פון דער יוניאָן. דאָס האָט די ברידער כמעט אינגאַנצן פאַרשלעפערט. נאָר אָט שטעלט דער פאַרזיצער פאָר אַ רעדנער. ער האָט עפּעס צו זאָגן וועגן די פליכטן פון יוניאָן־מיטגלידער.

דער רעדנער האָט גערעדט זייער שטיל און דאָך האָבן אים אַלע גע־הערט, ווייל יעדערער איז געזעסן ווי צוגעשמידט צו זיין אָרט. מאַקס און היימי האָבן אויך געהערט יעדעס וואָרט פון דעם רעדנער, ווייל די גאַנצע סביבה, די אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער מען האָט זיך איינגעהערט צו די רייד פונעם רעדנער, די שטילקייט, — אַלץ, אַלץ האָט זיי ווי אין עפּעס אַ חלום פאַרוויגט. אין אָט־דעם חלום האָבן זיי זיך געטראָגן צוריק, צוריק, מיט יאָרן צוריק, אָט־דאָרטן אויפן ברייטן פעלד אין דער „דאָלינע״, ווען

פרויקע האָט גערעדט צו אַ גרופּע אַרבעטער, און מאַטקע מיט חיים׳ען האָבן געהיט...

מיטאַמאָל האָבן זיי זיך ביידע געגעבן אַ כאַפּ: אַה? זיי האָבן אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און זיך פאַרשעמט. און כאָטש זיי האָבן דאָס אויף די ליפּן ניט געבראַכט, האָבן זיי אָבער ביידע געוואוסט, וואָס דער אַנדערער האָט געטראַכט. ניין, ניט קיין פּאָליציי האָט זיי אויפגעוועקט פון פאַרטראַכטקייט, נאָר דער גערויש פון אַפּלאָדיסמענטן האָט זיי אויפגעוועקט...

זיינען זיי ביידע געגאַנגען אַהיים שווייגנדיגע.

— דו ווייסט, — האָט איינמאָל מאַקס אַ זאָג געטאָן צו היימי׳ן, — אפשר האָבן מיר ניט אַלץ פאַרשטאַנען...

2. דערצו האָט נאָך געדאַרפט פּאַסירן

ס׳איז געווען אין אַ באַכמיטאָג. דער טאָג איז געווען אַ גליענדיג־הייסער. די אַרבעטער זיינען אַלע געגאַנגען אָן העמדלעך, און דער שווייס האָט זיך איבער זייערע לייבער געריטשקעט. מאַקס און היימי זיינען געזעסן אַ מאַשין איבער אַ מאַשין. צווישן זיי איז געזעסן אַ קריסטלעכער אַרבעטער.

דער קריסטלעכער אַרבעטער איז יענעם טאָג עפּעס געווען אַן אָנגעצויגענער, אַ ברוגז׳ער, און מאַקס מיט היימי׳ן זיינען גראַד עפּעס געווען אויפגלייגט. האָבן זיך די צוויי ברידער איבערגעוואָרפן מיט ווערטלעך. וואָסי? נאָך אַלעמען זיינען זיי דאָך געוואוינט געווען צו אַרבעטן שווער אַלע יאָרן, זינט זיי האָבן דעם שאַפּ געעפנט. טאָ וואָס איז, אַז ס׳איז הייס? זיינען די מאַשינען געלאָפן, און ווי עפּעס פון זיך אַליין האָט מאַקס אָנגעהויבן אונטערברומען אַ אידיש לידל פון אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק, און היימי האָט עס גלייך אונטערגעכאַפּט און מאַקס׳ן אָנגעהויבן אַרויסהעלפן. זיי ביידע האָבן ניט געוואוסט פאַרוואָס אָט־דאָס אַלטע היימישע לידל פון אַזויפיל יאָרן צוריק איז זיי איצט אויפן געדאַנק געקומען. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס צוריק מיט עטלעכע טעג האָבן זיי אַזאַ פיינעם רעדנער געהערט און זיין רעדע האָט זיי אין פאַרגאַנגענע יאָרן דערמאָנט, אָדער אפשר איז עס גאָר געווען דערפאַר, וואָס די מאַשינען לויפן אַזוי שנעל און דער שווייס רינט פון לייב, און דערפאַר זינגט זיך: „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן, פריי באַהערשט די וועלט . . . די וועלט...״

פלוצלונג האָבן מאַקס און היימי דערפילט אַ נעץ איבער זייערע קערפּערס. דער קריסטלעכער אַרבעטער איז געשטאַנען צעהיצט און פאַרוויטלט מיטן ליידיגן קרוג אין האַנט, און געקוקט אויף די צוויי ברידער מיט חיה׳שער בייזקייט.

— פאַרמאַכט די מיילער, איר לויזיגע אידן! — האָט ער צו זיי אַ געשריי געטאָן.

מאַקס האָט זיך געגעבן אַ הויב אויף, נאָך אים היימי. איינס־צוויי, איינס־צוויי, — זיי האָבן געכמאַליעט דעם צעהיצטן שכן פוןביידע זייטן. יענער האָט אַ געשריי געטאָן, זיך געגעבן אַ צי־אויס און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

עס איז געוואָרן אַ געלויף. די אַרבעטער פון שאַפּ זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. די מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס איז? וואָס איז?

— גאַרניט! זאָל ער אייך דערציילן! — האָט זיך מאַקס אָפּגערופן, ווישנדיג דעם שווייס פון שטערן.

מען האָט אויפגעהויבן דעם אַרבעטער. ער איז געווען שטאַרק צעבלוטיגט. מען האָט אים אַריינגעפירט אין אַ זייטיגן חדר און אים פאַרבונדן די וואונדן. דער באַלעבאָס האָט געוואָלט רופן פּאָליציי, נאָר דער פאָרזיצער האָט ניט דערלאָזט:

— זיי זיינען אַלע יוניאָן־מיטגלידער. מיר וועלן דאָס שוין אויסגלייכן.

די צוויי ברידער האָבן זיך אָנגעטאָן און זיינען אַוועק פון שאַפּ.

אויף מאָרגן אָבער זיינען זיי צוריק געקומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן זיך אַליין געוואונדערט, פאַרוואָס קיינער זאָגט זיי גאָרניט. דער שכן זייערער איז אין שאַפּ ניט געווען. ער איז געווען צו־שוואַך צו קומען צו דער אַרבעט, און ווען ער איז מיט צוויי טעג שפּעטער יאָ געקומען, האָט מען אים אַנידערגעזעצט ווייט אַוועק פון די צוויי ברידער.

ערשט אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי דערהאַלטן אַ בריוו פון דער יוניאָן. מען האָט זיי געלאָזט וויסן, אַז מען רופט זיי צו אַ משפט, צו אַן עפנטלעכן משפט אין דער יוניאָן, צוליב דעם געשלעג, וואָס איז פאָרגעקומען אין שאַפּ.

— אַ משפט? פאַרוואָס וועט מען אונז משפט׳ן? — האָט זיך היימי געבייזערט.

מאַקס אָבער איז געווען רואיג וועגן דעם גאַנצן ענין. מען רופט — דאַרף מען גיין!

3. וואָס, דענקט ער, איז ער?

זיינען מאַקס און היימי געגאַנגען צום משפט. דער זאַל איז געווען אָנגעפילט מיט יוניאָן־מיטגלידער. אויבן־אָן זיינען געזעסן די עקזעקוטיוו־באַארד מיטגלידער פון דער יוניאָן. דער פאָרזיצער איז געווען אָט־יענער יונגערמאַן, וואָס האָט אַזאַ שיינע רעדע געהאַלטן צוריק מיט אַ שטיקל צייט.

די אָנקלאַגע האָט זיך געלייענט פשוט: דריי יוניאָן־מיטגלידער האָבן פאַרפירט אַ געשלעג אין שאַפּ. די צוויי ברידער האָבן צע'נהרג'ט זייער שכן. דאָס איז אַ פאַרברעכן געגן דער יוניאָן־דיסציפּלין. דאָס איז ניט שיין פאַר די באַלעבאַטים.

דער צעשלאָגענער איז אַרויסגערופן געוואָרן אויפן עדות־שטול.

— וואָס האָט פּאַסירט צווישן אייך? — האָט דער פאָרזיצער אים געפרעגט.

— גאָרניט, — האָט ער געענטפערט, — איך האָב אומגערן אויסגעגאָסן אַ קרוג וואַסער אויף זיי, זיינען זיי מיך ביידע באַפאַלן און צעשלאָגן.

די אָנוועזנדיגע האָבן זיך אָנגעהויבן סוד'ען. די עקזעקוטיוו־באַארד מיטגלידער האָבן געקוקט אויף די צוויי ברידער. די שטימונג איז געווען אָן אָנגעצויגענע: סטייטש, ווי האָבן זיי געוואַגט?

אָפּזאָגנדיג די פּאָר ווערטער, האָט דער צעשלאָגענער שוין געוואָלט אַרונטערגיין פון עדות־שטול. ער האָט מער גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגן.

מיטאַמאָל האָט זיך מאַקס געגעבן אַ הויב אויף:

— פאָרזיצער, דערלויבט מיר צו שטעלן דעם עדות עטלעכע פראַגן.

די עקזעקוטיוו־באַארד מיטגלידער האָבן זיך איבערגעקוקט. צווישן די אָנוועזנדע איז ווידער געוואָרן אַ שמועסריי: וואָס, אַ שטייגער, דענקט ער, איז ער? אַן אַדוואָקאַט?!

נאָך אַ קורצער באַראַטונג מיט די עקזעקוטיוו־באַארד מיטגלידער, האָט דער פאָרזיצער דערלויבט מאַקס'ן אָנצוגיין מיט די פראַגן.

מאַקס האָט מיט לאַנגזאַמע טריט צוגעשפּאַנט צום עדות־שטול, האָט טיף אַריינגעקוקט דעם עדות אין די אויגן אַריין:

— ביזטו זיכער אין דעם, אַז דו האָסט אַ גאַס געטאָן דעם קרוג וואַסער אומגערן?

— יאָ! — האָט דער עדות גיך געענטפערט.

— טאָ ווי אַזוי איז דאָס וואַסער געקומען אויף אונזערע ביידנס פּלייצעס? — האָט מאַקס אים נאָך אַ פראַגע געשטעלט.

דער עדות האָט זיך אַ דריי געטאָן אויפן שטול:

— כ'ווייס ניט.

— און פאַרוואָס ביזטו בעת־מעשה געשטאַנען מיטן ליידיגן קרוג אין האַנט? — האָט מאַקס דעם עדות ניט אָפּגעלאָזן.

דער עדות האָט אַ ווייל אַ טראַכט געטאָן און באַלד געענטפערט מיט צופרידנקייט אין זיין טאָן פונעם קלוגן איינפאַל:

— אַה, איך האָב זיך אויפגעהויבן אויף אַריינצוגיסן דאָס וואַסער אין גלאָז.

— טאָ פאַרוואָס האָסטו געדאַרפט שרייען אויף אונז? — האָט מאַקס אויף גיך נאָך אַ פראַגע אַ שטעל געטאָן, און איינגעגראָבן זיינע אויגן טיפער אין עדות.

— ווייל איר האָט מיר דאַקוטשעט מיט אייערע לידלעך, דו און דיין ברודער! — איז דער עדות שוין אין כעס געוואָרן.

מאַקס איז אָבער ניט נתפעל געוואָרן:

— זיי ניט אין כעס ווי דעמאָלט, ווייל איך זינג איצט ניט קיין לידלעך. זאָג בעסער, וואָס פאַר אַ לידלעך האָבן מיר געזונגען?

— איך האָב זיי ניט פאַרשטאַנען, ניט פאַרשטאַנען, לאָז מיך צורו! — איז דער עדות געוואָרן אומגעדולדיג.

— טאָ פאַרוואָס האָסטו אַ געשריי געטאָן „פאַרמאַכט די מיילער, איר לויזיגע אידן״?! — איז מאַקס צוגעגאַנגען זייער נאָענט צום עדות.

דער עדות האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן. באַלד אָבער האָט ער זיי ווידער אויפגעהויבן צו מאַקס'ן. זיין פּנים איז רויט געוואָרן ווי אַ ברענענ־דיג שטיק אייזן. ער האָט מיט אַ פינגער אַ טרייסל געטאָן אין מאַקס'עס פּנים:

— דערפאַר ווייל איר זייט לויזיגע אידן, אַלע אידן...

און ער איז אויף גיך אַרויסגעלאָפן פון זאַל.

מאַקס איז צוריק אַוועק צו זיין פּלאַץ. היימי האָט אים געהאַלטן אין

אין דריקן די האַנט. אין זאַל איז געווען שטיל. קיינער האָט ניט געוואַגט אָט־די שטילקייט איבערצורייסן.

דער פאָרזיצער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטול, האָט אַ קוק געטאָן אויף מאַקס׳ן, האָט געקוקט אויף די פאַרזאַמלטע, און אָנגעהויבן רעדן:

— עס איז איצט פאַר איך אַלעמען קלאָר, ווער דער שולדיגער איז. צו אונזער גנאַי, עקזיסטירט אָט־דער געשוויר פון ראַסן־האַס. עס מוז אויסגעשטאָכן ווערן. די צוויי ברידער, און איבערהויפּט מאַקס גאַרבאַטי, האָבן עס געטאָן אויף אַ זייער פּיינעם אופן. איך שלאָג־פאָר, אַז דער גאַנצער ענין זאָל איצט דיסקוטירט ווערן פון די פאַרזאַמלטע.

הענט האָבן זיך אַ הויב געטאָן — מען וויל רעדן.

— די יוניאָנס מוזן ראַסן־האַס אויסרייסן מיטן וואָרצל!

— עס איז אַ מיטל אויף אונז צו צעטיילן!

— דאָס איז היטלער׳ס מעטאָדע.

אַזוי האָט מען גערעדט. מאַקס איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו אַלע רעדעס. דאָס האַרץ האָט אינעווייניג געקוואָלן, אָבער עפּעס האָט אויך זייער שטאַרק וויי געטאָן...

קומענדיג צוריק אַהיים, האָט מאַקס געגעבן אַ כאַפּ היימי׳ס האַנט: חיים!

היימי האָט זיך דערשראָקן, ווייל מאַקס איז געווען טויט־בלאַס, און ער האָט פון אים דעם נאָמען „חיים״ שוין לאַנג ניט געהערט. יענער אָבער האָט אים אַ צי געטאָן צו זיך, האָט אים אַנידערגעזעצט לעבן זיך אויפן בעט:

— חיים, האָסטו אַלץ באַגריפן?

היימי האָט געקוקט אויף מאַקס׳ן:

— יאָ, מאָטקע, איך האָב אַלץ באַגריפן...

אינעם יוניאָן־זשורנאַל פון די פּרויען־קליידער־אַרבעטער איז אָט־די נייעס באַריכטעט געוואָרן. מען האָט האַרציג באַגריסט די ברידער גאַר־באַטי. ווער אָבער זאָל זיך עס ריכטן, אַז דאָס זיינען די צוויי זין פון סידני גאַרב, די ברידער פון בעני גאַרב, וואָס זיצט אין טורמע?...

4. איצט איז אַנדערש

מאַקס און היימי האָבן אָנגעהויבן קומען אָפט אין דער יוניאָן. אין אַ שטיקל צייט אַרום איז מאַקס דערוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע פון לאָקאַל, און היימי איז דערוויילט געוואָרן אַלס פאַרזיצער פון שאַפּ.

די ברידער גאַרבאַטי האָבן געטאָן זייער אַרבעט מיט ליבשאַפט און געטריישאַפט. זיי האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם כבוד, וואָס די אַרבעטער טיילן זיי צו. ס'איז געווען פאַר זיי ביי, ס'איז געווען פאַר זיי — לעבן.

אַזוי זיינען יאָרן געגאַנגען.

ווען די מלחמה איז געקומען, זיינען די גאַרבאַטי ברידער געווען פון די ערשטע צו באַגרייפן:

— ס'איז אַ גרויסע מלחמה, אַ מלחמה צו ראַטעווען די וועלט פון באַרבאַריזם!

אַזוי האָבן זיי גערעדט אין דער יוניאָן, און אַזוי האָבן זיי גערעדט אין שאַפּ.

— פאַרוואָס האָב איך וועגן אַזעלכע זאַכן פריער ניט געטראַכט? — האָט מאַקס אָפט ווי זיך אַליין פירגעהאַלטן. מ'האָט דאָך שוין פון לאַנג גערעדט, אַז די מגפה, וואָס שפּרייט זיך אין אייראָפּע, פאַרזייט אויך אירע אָנשטעקנדיקע זאָמען דאָ, — טאָ פאַרוואָס איז דאָס אים ביז איצט ניט איינגעפאַלן?

איצט איז אָבער אַנדערש: זינט היטלער האָט אָנגעהויבן אַטאַקירן מלוכה נאָך מלוכה און גרייפט־אָן אַלץ ווייטער, האָט די וועלט זיך ווי פון שלאָף אַ כאַפּ געטאָן, און אַט יענער מיטן קרוג וואַסער האָט מאַקס'ן אינגאַנצן די אויגן געעפנט.

— דאָ טאָר עס ניט פּאַסירן! — האָט ער געזאָגט צו היימי'ן, — ס'איז אַ הייליגע מלחמה!

— דאָ טאָר עס ניט פּאַסירן! — האָבן זיי ביידע גערעדט צו די אַרבעטער אין דער יוניאָן און אין שאַפּ.

מאַקס ווייסט ניט פאַרוואָס, נאָר ווען ער טראַכט וועגן דעם, וואָס

עס קומט־פֿאַר אין אייראָפּע, קומען אים שטענדיג צוויי מענטשן אויפֿן זינען: מרדכי דעם קצב׳ס בחור און דער לערער מיט די ברילן — פֿאַרוואָס עפּעס זיי? נאָר אַז די צוויי קומען אים פֿאַרט אויפֿן זינען, אויסגעדאַרטע, מיט לאַנגע אויסגעצויגענע פּנים׳ער, מיט אויסגעשטאַרטע אויגן — זיי קוקן, זיי קוקן אַזוי אויף מאַקס׳ן און קאָנען גאָרנית זאָגן...

איז טאַקע אויב ניט מער ווי צוליב דער נקמה פֿאַר מרדכי דעם קצב׳ס בחור און פֿאַר דעם לערער מיט די ברילן — דאַרף מען אַלץ טאָן צו געווינען די מלחמה...

קאַפּיטל דריי: אַמעריקע באַגעגנט דעם שונא

1. געדענקסט יאַנקל'ען?

לייב האָט געטראַכט וועגן דער מלחמה אַזוי: אַ צווייטע מלחמה! וועגן זשע נאָך ווייסט בעסער ווי איך, וואָס דאָס באַדייט? אָט שרייבט מען אין די צייטונגען וועגן די פּאָגראָמען, וואָס היטלער פירט דורך אויף אידן — געדענק איך דען ניט די פּאָגראָמען פון 1919? און איצט: היטלער פאַרברענט, היטלער באַגראָבט לעבעדיגערהייט...

לייב וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן: דעם ברודער יאַנקל... דעם פריינט קולטשין... די באַליידיגטע שוועסטער נחמה'קע... און דאָרטן? אַזויפיל מענטשן באַקאַנטע, נאָענטע פאַראַן — אויסראָטונג!

מנחמ'ס משפחה קומט זיך אָפּט צוזאַמען. מנחם און מרים זיינען שוין אַלטע לייט. מנחם קאָן שוין מער ניט אַרבעטן. זיצט ער אין הויז און לייענט די נייעסן פאַר מרימ'ען אויפן קול. מנחמ'ס געדאַנקען טראָגן זיך אַוועק ווייט, ווייט... און מרים: זי וויינט. דאָרטן זיינען דאָך אירע קרובים פאַרבליבן. דאָרטן זיינען דאָך וועלוול דעם שוועסטער־קינד'ס אַלע קינדער פאַרבליבן...

און אַמעריקע גרייט זיך, אַמעריקע באַגעגנט דעם שונא!

עס שלאָגן זיך די סאָלדאַטן אויף די פראָנטן, עס אַרבעטן די אַרבעטער אין דער היים.

און די פאַבריקן פון פרויען־קליידער הויבן־אָן נייען אוניפאָרמען און צו שטעפּן אַנדערע סאָלדאַטן־זאַכן. מ'דאַרף אַרבעטן גיך, מ'מוז די אַרבעט האָבן, — עס גייט צום פראָנט!

און די שטאָל־פאַבריקן און אויטאָמאָביל־פאַבריקן פּראָדוצירן קאַנאָנען, מאַשין־ביקסן און טאַנקען — שנעלער, גיכער — עס גייט צום פראָנט!

לייב און פרויקע אַרבעטן טאָג און נאַכט. מ'טאָר קיין מינוט ניט פאַרלירן, ווייל די וועלט שרפה'ט, די וועלט בעט זיך: ראַטעוועט פון היטלער'ן!

— די יוניאָנס דאַרפן איצט שפּילן אַ גרויסע ראָלע, — טענה'ט לייב,

— ס'טאָר איצט ניט זיין קיין אָפּשטעל פון אַרבעט, קיין סטרייקס — ס'איז מלחמה!

— די יוניאָנס זיינען שטאַרק, זיינען אויסגעוואַקסן ,— גיט־צו פּרויקע,

— זייער פּראָדוקציע קאָן אַנטשיידן דעם שיקזאַל פון דער וועלט...

לייב'ן האָט אָבער אַפילו אָט־די אַרבעט ניט צופרידנגעשטעלט. ער איז איינמאָל געקומען צו פּרויקע'ן און געלאָזט וויסן:

— איך קאָן דאָ מער ניט זיצן... איך מוז זיך אַנשליסן אָן דער אַרמיי...

פּרויקע האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:

— לייב, מיר טוען דאָך אַזאַ גוטע אַרבעט!

— אָט־די אַרבעט קענסטו מיט דער הילף פון אַנדערע פאַרזעצן. איך מוז גיין, ווייל די גאַנצע וועלט שטייט אין קאָן, אונזער פאָלק ווערט אויס־געראָטן, די יוניאָנס ווערן פאַרניכטעט, די גאַנצע מענטשהייט גייט־אונטער.

פּרויקע האָט דאָס ניט געקאָנט איינזען.

— דיין אַרבעט איז אַזוי וויכטיג, לייב! — האָט ער אים געבעטן.

דעמאָלט האָט לייב אַ זאָג געטאָן:

— האָב איך דיר אַמאָל דערציילט וועגן מיין פריינט קולטשיב'ען?

פּרויקע האָט מער גאָרניט געזאָגט.

און ווען מנחם האָט געפּרוּווט אָפּהאַלטן לייב'ן, האָט ער אים אַ פרעג געטאָן:

— געדענקסטו דיין שוועסטער־קינד וועלוול, זיין זון נתנ'ען?

מנחם האָט מער גאָרניט געזאָגט.

און ווען מרים האָט געוויינט, האָט זי לייב געפרעגט:

— געדענקסטו יאַנקל'ען?

און אויך מרים האָט ניט מער אָפּן געוויינט, נאָר אין אַ זייט די טרערן מיטן פאַרטוך געווישט.

און לייב, שוין ניט קיין יונגיטשקער בחור'ל, איז אַוועק און זיך אָנ־געשלאָסן אָן דער אַרמיי.

2. יענעם גאַרבער וויל איך ניט פאַרשעמען

פּרויקע האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין דער יוניאָן. אַרבעט איז פאַראַן זייער אַ סך. נייע טוער זיינען צוגעקומען און העלפן אים אין

דער אַרבעט. אַפילו פיל באַלעבאַטים העלפן אַרויס—צייטן זיינען אַנדערע!

און פרויקע דערמאָנט זיך: יאָרן אַ סך זיינען אַוועק זינט דער ערשטער מלחמה. דעמאָלט איז אויך געווען זייער טומלדיג. אַרבעט איז געווען אָן אַ שיעור. די יוניאָנס זיינען שטאַרקער געוואָרן. די באַלעבאַטים אָבער זיינען געוואָרן שטיין־רייך, און וואָס האָט פּאַסירט נאָך דער מלחמה?

בעני קומט אויפן זינען. ער איז אין דער ערשטער מלחמה רייך געוואָרן. מיט אָט־דער רייכקייט האָט ער געזוכט די יוניאָן צו צעברעכן, און זיינע אַמאָליקע פריינט שיקן צום עלעקטריק־שטול.

ווי אַנדערש עס איז איצט! די יוניאָנס זיינען די טרייב־קראַפט אין דער מלחמה־אָנשטרענגונג, — עס איז אונזער מלחמה... פיל פון די באַלעבאַטים זעען דאָס אויך איין... און איינער פון די באַלעבאַטים, וואָס גיט אַוועק אַ סך צייט און געלט פאַרן מלחמה־פראָנט, איז טאַקע סעם גאַרבער — אַ ברודער פון בעני גאַרב.

יאָ, סעם גאַרבער, פון „סעם גאַרבער ענד קאָ.", האָט, זינט ער האָט געעפנט זיין קליינעם שאַפּ פון פרויען־קליידער, זייער שווער געאַרבעט צוריק אויפצובויען אַ געשעפט. עס איז ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג, ווייל אַפילו מיטן געביטענעם נאָמען האָט מען געוואוסט, אַז דאָס איז סעם גאַרב, אַ ברודער פון בעני גאַרב.

סעם גאַרבער פלעגט אָפט זיך צוזאַמענרעדן מיט זיינע עלטערע דריי ברידער. ער פלעגט זיי זאָגן:

— איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר עפּעס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון דאָס לעבן פון אונזער משפחה אין דער אַלטער היים. איך בין נאָך דעמאָלט אַ קליין אינגל געווען. איך געדענק דעם טאַטן מיט זיינע גרויסע פאַר'עיפּוש'טע שטיוול, זיין פאַרפּראַצעוועטן פּנים, שראַליע דעם גאַרבער. און אָט אָט־יענעם גאַרבער, וואָס איז נאָכדעם געוואָרן סידני גאַרב, ווייל איך ביט פאַרשעמען — ער טאָר ניט פאַרלוירן גיין!...

די ברידער האָבן זיך צוגעהערט צו סעמ'ען, ווייל סעם האָט טאַקע גערעדט צו דער זאַך. ערשט איצט האָבן זיי פאַרשטאַנען, פאַרוואָס סעם האָט אַזאַ נאָמען גענומען פאַר דער פירמע — גאַרבער! דערפאַר איז יעדערער געווען ערנסט אין זיין אַרבעט.

ביסלעכווייז איז די פירמע ווידער געוואַקסן. אמת, ניט ווי אַמאָל, ניט אויף אַזאַ גרויסן פאַרנעם, — נאָר זי איז געוואַקסן. סעם האָט אָנ־

געהויבן קריגן אַ גוטן נאָמען. עס איז פאַרגעסן געוואָרן זיין שייכות צו בעני גאַרב — עס איז געוואָרן סעם גאַרבער, דער אַנשטענדיגער און פאַר־אַנטוואָרטלעכער געשעפטסמאַן.

סעם האָט געפילט די גרויסע אחריות זיינע אין דער איצטיגער מלחמה. עס האָט אים שטאַרק ווי געטאָן, וואָס מען האָט אים אויסגעבראַקירט פון דער אַרמיי, ער האָט פלאַכע פיס און טויג דערפאַר ניט, — האָבן זיי אים געזאָגט. עס איז אמת, אַז צוויי פון זיינע עלטערע ברידער זיינען יאָ אַוועק דינען, — פונדעסטוועגן דאַרף ער עס גוטמאַכן מיט אַלץ, וואָס ער קאָן נאָר.

פרויקע האָט געהערט וועגן סעם גאַרבער׳ס פאַטריאָטישער באַציאונג. עס האָט אים זייער געפרייט, כאָטש אינעווייניג האָט נאָך אַלץ עפּעס גע־שראָקן. נאָר אָט דאַרף מען קריגן הילף, אַ סך הילף פאַרן „רויטן קרייץ״, מען דאַרף שאַפן גרויסע סומען געלט פאַר אַמבולאַנסן, שפּיטאָלן. ס׳איז נויטיג צו אַרבעטן צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים פאַר אָט־דער גרויסער אונטערנעמונג — זיי קאָנען פיל באַהילפיג זיין. האָט פרויקע דערפאַר ביי זיך באַשלאָסן: מיר׳ן זיך דורכרעדן מיט סעם גאַרבער.

פרויקע האָט אים אָנגעקלונגען אויפן טעלעפאָן. סעם גאַרבער האָט געענטפערט: פרויקע רופט. וואָס אַזוינס וויל ער?

אויך סעמ׳ען האָט אין האַרצן אַ קלאַפּ געטאָן: פרויקע רופט! כאָטש זיינע באַציאונגען מיט דער יוניאָן זיינען געווען פריינטלעכע, האָט ער אָבער מיט פרויקע׳ן נאָך קיינמאָל ניט גערעדט פערזענלעך. איצט: פרויקע רופט! ער וויל זיך מיט אים טרעפן — פאַרוואָס ניט?

ווען עס איז אָבער געקומען נעענטער צו דער שעה, ווען פרויקע האָט געדאַרפט קומען, האָט ביי סעמ׳ען דאָס האַרץ זיך זייער שטאַרק אָנגעהויבן הויבן: ס׳איז אמת, אַז ער איז נאָך דעמאָלט אַ קליין אינגל געווען, אָבער ווי גוט ער געדענקט פרויקע׳ן פון אַמאָל! יאָ, די פאָר טעג, ווען פרויקע איז ביי זיי אין שטוב איינגעשטאַנען, — דאָס וועט ער קיינמאָל ניט פאַר־געסן! און נאָכדעם ווי מען האָט אים און בעני׳ן געפירט איבערן מאַרק! בעני? וואו־זשע איז איצט בעני? פאַרוואָס האָט בעני אַזוי מיאוס גע־האַנדלט? פאַרוואָס האָט ער פאַרגעסן זיינע אַמאָליקע פריינט?

די געדאַנקען זיינען געלאָפן געשווינד: ס׳אַרא נאַרישע וועלט!

מענטשן פאַרלירן זיך צוליב געלט! און אָט קומט היטלער, פאַרניכטעט, פאַרברענט, הרג׳עט, קוילעט אויס מיליאָנען אידן...

ביי אָט־דעם געדאַנק האָט זיך סעם אויפגעשטעלט: אידן? יאָ, בלויז דערפאַר, וואָס מ׳איז געבוירן געוואָרן אַ איד!...

ווען פרויקע האָט זיך געמאָלדן, האָט זיך סעם ווי פון אַ טיפן שלאָף אַ כאַפּ געטאָן:

— לאָז אים אַריין!

פרויקע האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל און איז געבליבן שטיין. סעם איז געשטאַנען אַנטקעגן אים ביים שרייב־טיש און קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ערשט אין פּאָר סעקונדן שפּעטער האָט סעם אַ זאָג געטאָן:

— קומט אַריין, זעצט זיך!

פרויקע האָט אַ שפּאַן געטאָן פאָראויס. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָרטן ביים שרייב־טיש שטייט בעני, בעני גאַרב, ווייל דער ברודער איז דאָך געווען אַזוי ענלעך אויף בעני׳ן.

סעם האָט זיך געזעצט פאַרן שרייב־טיש און ווידער געשוויגן, ווייל פרויקע׳ס גרויער קאָפּ האָר האָט אים נייע דערמאָנונגען אין די געדאַנקען געבראַכט.

— ס׳איז שווער אָנצוהייבן רעדן, מיסטער גאַרבער, — האָט פרויקע זיך געווענדעט צום סעמ׳ען, — נאָר איך האָב אַ זייער וויכטיגן ענין מיט אייך אויפצונעמען.

— וואָס אַזוינס?

— אָ, איך האָב געהערט, אַז איר זייט זייער טעטיג פאַר דער מלחמה־אָנשטרענגונג.

— יאָ!

— איך האָב אויך געהערט, אַז איר רעדט זייער פליסיג און האָט אַן איינפלוס אין דעם פאַרבאַנד פון די באַלעבאַטים.

— מעגלעך!

— וועל, איך דענק, אַז די יוניאָן צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים וואָלטן זיך געקאָנט אונטערנעמען דורכצופירן אַ גרויסן פּראָיעקט פאַרן „רויטן קרייץ״.

סעם איז געזעסן אַרונטערגעלאָזן די אויגן. ער האָט געטראַכט וועגן

פרויקע׳ס פאָרשלאָג. עס האָט אים, ווייזט אויס, הנאה געטאָן, וואָס פרויקע האָט צו אים צוטרוי, ווייל ער האָט זיך טאַקע באַלד אָפּגערופן:

— ס׳איז זייער אַ גוטער איינפאַל!

פרויקע איז נאָך לאַנג געזעסן יענעם טאָג ביי סעם גאַרבער׳ן אין אָפיס. ס׳וואָלט ניט געווען אויסערן וועג צו גלויבן, אַז זיי האָבן גערעדט וועגן אַ סך, אַ סך אַנדערע זאַכן, אויסער דעם פּראָיעקט פאַרן „רויטן קרייץ". איין זאַך איז אָבער זיכער, אַז בעני׳ס נאָמען איז ניט דערמאָנט געוואָרן, ווייל אויף דער וועלט פּאַסירן אַזעלכע גרויסע זאַכן, וועגן וועלכע עס איז פאַראַן צו רעדן...

3. אָ ט ־ ד אָ ר ט ן א ו י פ ן פ ר אָ נ ט

צי צירל האָט עס טאַקע געמיינט אָדער ניט, ווען זי האָט געזאָגט אירע עלטערן, אַז זי וועט נאָך אפשר אַמאָל אַ דאָקטאָרשע זיין — דאָס איז אַ פראַגע. ווען אָבער צירל איז אַוועקגעפאָרן פון דער היים אין אַ נייער שטאָט, האָט זי באַשלאָסן, נאָך אין באַן פאָרנדיג, צו שטודירן פאַר דאָקטאָר. זי האָט אויך באַשלאָסן אָנצוהויבן לעבן אַ ניי לעבן, און דערפאַר וועט דער נאָמען בעלאַ דעיווידסאָן טאַקע גאַנץ גוט צונוץ קומען.

אונטער אָט־דעם נאָמען האָט זיך צירל פאַרשריבן אין אוניווערסיטעט, און האָט ווידער אָנגעהויבן שטודירן. ווען דאָס ביסל געלט, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך, האָט זיך אויסגעשעפּט, האָט זי געקראָגן אַרבעט אין פּריוואַטע אָוונט־שולן אַלס לערערין און איז אַזוי אַרום אָנגעגאַנגען מיט איר שטודיום.

אַ מאָדנע סטודענטקע איז בעלאַ דעיווידסאָן געווען: שטענדיג אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, פאַרטאָן אין דעם שטודיום. די פּראָפעסאָרן האָבן פון איר גאָר אַ סך געהאַלטן, ווייל עס איז פאַר זיי אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז בעלאַ דעיווידסאָן וועט זיין אַ גרויסער דאָקטאָר.

צו זאָגן, אַז בעלאַ האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן איר פאַרגאַנגענהייט, וואָלט ניט געווען אמת, ווייל אין פיל מאָמענטן האָט זי וועגן דעם געטראַכט. ס׳איז פאַר איר זייער שווער געווען צו טראַכטן וועגן דעם, אַז איר ברודער זיצט אין טורמע... אַז לייב איז אַזוי ווייט פון איר... עס איז איר אָבער אַלץ אויסגעקומען, ווי אַ ווייטער, ווייטער חלום.

דער שטודיום איז געווען בעלאַ'ס איינציגע האָפענונג — זי האָט אַ ציל אין לעבן. אַ דאָקטאָר קאָן ברענגען זייער אַ סך נוצן, אַ גוטער דאָקטאָר — אַוודאי! דאָס האָט אָבער ניט געקאָנט צעשטרייען איר געדריקטע שטימונג, איר שטענדיגע פאַרטראַכטקייט.

אָפט זיינען די סטודענטן און דערנאָך דאָקטוירים צו איר צוגעשטאַנען מיט פראַגן וועגן איר האַלטונג. בעלאַ איז אָבער אַלץ אָפּגעקומען מיט אַ מאַך מיט דער האַנט — אַך, ס'איז די אַרבעט, דאָס אַלץ!

בעלאַ האָט דערפילט, אַז זי קאָן אין דער מלחמה באַנוצן אירע מעדי־ציניִשע קענטעניִשן. זי איז ניט בלויז געווען אַ דאָקטאָר. זי איז געווען געלערנט אויך אין אַנדערע געגנשטאַנדן. זי האָט אויך זייער נאָענט נאָכ־געפאָלגט די אַנטוויקלונגען אין דער יוניאָן־באַוועגונג. עס האָט איר הנאה געטאָן, וואָס זי ווערט גרויס און שטאַרק...

בעלאַ האָט געקראָגן אַ נאָמען אין דער מעדיציניִשער וועלט: דער ליבעראַלער דאָקטאָר.

און אָט־דער ליבעראַלער דאָקטאָר איז אַוועק אויפן פראָנט צו העלפן היילן די פאַרוואונדעטע אין דער מלחמה.

אָט־דאָרטן אויפן פראָנט האָט בעלאַ אָן אַלץ פאַרגעסן, ווייל וואָס קאָן מען אינזינען האָבן וועגן פריוואַטן לעבן, ווען די וועלט איז אין פלאַמען, ווען מ'דאַרף היילן יונגע מענטשן, קרבנות פון קוילן, געשיקט פון די וואָס ווילן די וועלט אומברענגען.

אפשר האָט בעלאַ טאַקע געטראַכט וועגן אָט־דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס איז באַפאַלן דעם דור, ווען זי איז אַרומגעגאַנגען צווישן די פאַר־וואונדעטע אין שפּיטאָל. זי האָט באַמערקט, ווי אַ פּאָר אויגן האָבן זיך אין איר פנים איינגעגראָבן. דאָס זיינען געווען די אויגן פון אַ פאַרוואונדעטער „וואַק".

בעלאַ האָט מיט אַן איידעלן באַריר געאַרבעט אַרום דער „וואַק", נאָר פאַרוואָס קוקט זי דאָס עפּעס אַזוי אויף איר?

— וואָס איז אייער נאָמען, דאָקטאָר? — האָט די „וואַק" פלוצלונג אַ פרעג געטאָן.

— בעלאַ דעיווידסאָן! — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— מאָדנע! — האָט די „וואַק" באַמערקט, — מאָדנע!

בעלאַ האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער „וואַק'ס" קאַרטל וועגן איר

געזונט־צושטאַנד. זי האָט געגעבן אַ מאַך־צו די אויגן, זיך אָפּגעקערעוועט פון דער פאַרוואונדעטער „וואַק״ און איז אַוועק. אין מוח האָט געקלאַפּט: עטל אַבראַנסקי... אַבראַנסקי...

און פון יענעם טאָג אָן איז בעלאַ געוואָרן שטאַרק אומרואיג. וואָס זאָל זי טאָן? זאָל זי רעדן צו איר און דערציילן דעם גאַנצן אמת — נאָר צו וואָס? זי טאָר דאָס ניט טאָן! ווי אַזוי־זשע אָבער שווייגט מען? אָט איז דאָך דאָ פאַראַן לייב׳ס אַ שוועסטער, אַ פאַרוואונדעטע אין דער מלחמה, און וואו איז לייב? און וואו זיינען אַלע? פאַרוואָס שווייגן?

בעלאַ האָט אָבער יאָ געשוויגן, ווייל זי האָט אַמאָל ביי זיך אָפּגעמאַכט: צוריק ניט גיין...

4. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן

דער פּראָיעקט פאַרן „רויטן קרייץ״, וואָס די יוניאָן פון קליידער־אַרבעטער בשותפות מיט די באַלעבאַטים האָבן זיך אונטערגענומען, איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. עס איז געשאַפן געוואָרן גאַנצע דריי מיליאָן דאָלער. פאַר אָט־דעם געלט האָט מען איינגעקויפט אַמבולאַנסן, אויס־שטאַטונגען פאַר עטלעכע שפּיטאָלן און נאָך אַנדערע נויטיגע מעדיקאַמענטן פאַר פאַרוואונדעטע. די טוער פון „רויטן קרייץ״ האָבן שטאַרק געלויבט די יוניאָן־פירער און די באַלעבאַטים פאַר אַזאַ צוזאַמענאַרבעט פאַר דער מלחמה־אָנשטרענגונג. זיי האָבן געזאָגט, אַז אַזאַ סאָרט אַרבעט טאָר ניט דורכגעלאָזט ווערן אָן אַ פּאַסיגן אויסדרוק פון אָנערקענונג. אגב, האָבן די טוער פון „רויטן קרייץ״ גע׳טענה׳ט: זאָל די וועלט וויסן, וואָס עס קאָן געטאָן ווערן...

איז דערפאַר באַשלאָסן געוואָרן איינצואָרדענען אַ גרויסן צוזאַמענ־קונפט טאַקע אויפן מיטן מאַרקעט פון דעם פרויען־קליידער־פאַך. אויף אָט־דעם צוזאַמענקונפט זאָל מען האָבן אָן אויסשטעלונג פון די געקויפטע אַרטיקלען פאַרן „רויטן קרייץ״. אויף אָט־דעם צוזאַמענקונפט זאָלן אויך אויפטרעטן פאָרשטייער פון דער יוניאָן, פון די באַלעבאַטים און פון „רויטן קרייץ״.

פרויקע איז געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר דעם פּלאַן. ער איז איבערהויפּט געווען צופרידן פון דעם, וואָס לייב וועט זיך קאָנען באַטייליגן

אין דעם גרויסן יום־טוב, ווייל לייב איז איצט אויף אורלויב, — טאָ זאָל די וועלט וויסן, וואָס די אַרבעטער טוען אויף! זאָל דאָס אויך ווייזן דעם ביישפּיל פון נייע צייטן, פון צייטן ווען די יוניאָנס זיינען שטאַרק און די באַלעבאַטים ווייסן, אַז מען קאָן זיי מער ניט צעשמעטערן, נאָר מען דאַרף אַרבעטן צוזאַמען צו געווינען די מלחמה פאַר אַ בעסערער וועלט...

און טראַכטנדיג אַזוי זיינען פרויקע'ן פאַרשיידענע געדאַנקען געקומען אויפן זינען. ווי אַנדערש זאַכן זיינען: סעם גאַרבער, דער ברודער פון בעני גאַרב, איז דער פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזיר־קאָמיטע פאַר אָט־דעם גרויסן פּראָיעקט...

און ס'טראַכט זיך ווייטער: וואָס איז פון מאָטקע'ן און חיים'ען געוואָרן? וואו איז צירל, דאָס מיידל, נאָך וועלכער לייב בענקט נאָך איצט אַזוי שטאַרק?...

און לייב? לייב בענקט, ווייל אַפילו אין דער אַרמיי, אונטערן האָגל פון קוילן, האָט ער געטראַכט פון פאַרלוירענע יאָרן... פאַרלוירן אין זוכעניש נאָך אַ מענטשן, וועמען ער האָט אַזוי ווייניג געקענט...

דער טאָג פון דער אויסשטעלונג איז געקומען. עטלעכע גאַסן זיינען אָפּגעצאַמט געוואָרן פאַר אָט־דעם גרויסן ספּעקטאַקל. די אַרבעטער און באַלעבאַטים אין גאַנצן פאַך האָבן זיך געגרייט צו דעם יום־טוב. אַפילו פון אַנדערע שטעט זיינען דערוואַרט געוואָרן דעלעגאַציעס פון פרויען־קליידער־אַרבעטער אָנצוקוקן די אויסשטעלונג און צוריק באַריכטן, ווי אַזוי אַזעלכע אונטערנעמונגען קאָנען דורכגעפירט ווערן אין זייערע שטעט.

און אָט שפּילן שוין די אָרקעסטערס. עס באַווייזן זיך אויף דער פּלאַט־פאָרמע: פרויקע, סעם גאַרבער און אַ פאַרטרעטער פון „רויטן קרייץ", וועלכער איז באַלד צוגעגאַנגען צום מיקראָפאָן, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו די דיריגענטן פון די אָרקעסטערס, ס'הייסט: זאָל זיין שטיל.

— איך האָב ניט קיין ווערטער אויסצודריקן מיין באַוואונדערונג פאַר אָט־דעם גרויסן אויפטו. עס איז פאַר מיר אַ כבוד צו זיין פאָרזיצער פון דעם יום־טוב'דיגן צוזאַמענקונפט. איצט זאָלן צו אייך רעדן די, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם.

פרויקע איז צוגעקומען צום מיקראָפאָן. מיט אים איז צוגעקומען סעם גאַרבער. זיי זיינען ביידע געשטאַנען פאַרן עולם, וועלכער האָט הילכיג אַפּלאָדירט. פרויקע האָט אָנגעהויבן רעדן און ווי געקליבן זיינע ווערטער:

— צו וואָס רעדן? אָט שטייען מירביידע פאַר אייך, פאַרטרעטנדיג די אַרבעטער און באַלעבאַטים, און אָט שטייען פאַר אייך די מכשירים, וואָס וועלן העלפן אונזערע פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן...

דער עולם האָט ווידער אַפּלאָדירט. סעם גאַרבער איז אַוועק פון מיקראָפאָן. פּרויקע אָבער איז געבליבן שטיין און געקוקט צום עולם. ווען עס איז זייער שטיל געוואָרן, האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן:

— און איצט וועט איר הערן איינעם, וואָס איז אייך אַלעמען באַוואוסט און באַליבט. ער געפינט זיך איצט מיט אונז אויף אורלויב פון דער אַרמיי — לייב אַבראַנסקי!

דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן — לייב! עס האָט גע־שטורעמט די לופט אַרום. לייב איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע. ער איז געווען אָנגעטאָן אין דער סאָלדאַטסקער אוניפאָרם. ער איז געשטאַנען פאַרן מיקראָפאָן און זיך גענויגט צום עולם.

— איך האָב אייך גאָרניט וואָס צו זאָגן, מיינע פריינט, — האָט לייב אַרויסגערעדט. — מיט אָט־דער אַקציע האָט איר זיך אַזוי הויך דערהויבן, אַז ווערטער קאָנען דאָס קיינמאָל ניט אויסדריקן... פאַר דער פרייהייט צו אָפּהאַלטן אַזעלכע סאָרטן מיטינגען איז ווערט צו גיין אין מלחמה...

לייב איז אַוועק פון דעם מיקראָפאָן. דער עולם האָט געפּאַטשט און די אָרקעסטערס האָבן געשפּילט. פון אַלע שטאָקן פון די אַרומיגע געביידעס האָבן מענטשן דורך די פענצטער געקוקט, — עס איז געווען איין צוזאַמענ־גוס פון פריידיגע מענטשן.

נאָר אָט האָט דער פאָרזיצער ווידער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו די אָרקעסטערס. עס איז שטיל געוואָרן.

— ערשט איצט, — האָט דער פאָרזיצער אָנגעהויבן רעדן, — ערשט איצט האָבן מיר פאַר אייך אַ גרויסן סורפּריז. מיר, פון „רויטן קרייץ", האָבן באַשלאָסן איינצולאַדן צו דעם גרויסן צוזאַמענקונפט איינעם פון אונזערע גרעסטע דאָקטוירים. איך זע שוין פונדערווייטנס ווי מען פירט זי צו דער פּלאַטפאָרמע. יאָ, זי קומט — בעלאַ דעיווידסאָן!

דר. בעלאַ דעיווידסאָן איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער גרופּע באַגלייטער. עס איז זייער שווער געווען צוצוקומען צו איר, אָדער אַפילו אין איר פּנים פאַרקוקן.

דער דאָקטאָר איז באַלד צוגעגאַנגען צום מיקראָפאָן.

— מיינע פריינט, — האָט זי אָנגעהויבן רעדן, — איך וויל צו אייך ניט רעדן ווי דר. בעלאַ דעיווידסאָן, ווייל דאָס איז בלויז אַ נאָמען אין דער מעדיצינישער וועלט. די וועלט, פאַר וועלכער מיר גיבן אַוועק קרבנות, דאַרף זיין אַ נייע, אַ גערעכטע, אַ שיינע. איך זע דעם אָנהויב פון אַזאַ וועלט, פון בעסערע מענטשן, — אָט זיצן זיי דאָ: סעם גאַרבער, פרויקע, לייב און איך... איך וויל צו אייך רעדן ווי צירל גאַרב...

עס איז געוואָרן אַ גערויש צווישן עולם. עס איז אין אָנהויב ניט קלאָר געווען פאַר אַלעמען, וואָס דאָ קומט־פאָר. לעבן צירל'ען זיינען שוין אָבער געשטאַנען די דריי מענטשן, וואָס זי האָט נאָר־וואָס דערמאָנט — אָט זיינען זיי אַלע!

— צירל! — האָט סעם גאַרבער זי אַרומגעכאַפּט, — צירל!

— צירל! — איז לייב געשטאַנען לעבן איר, ווי אַ צעפּוזשעט און פאַרשעמט אינגל.

— צירל! — האָבן נאָך צוויי קולות אַ געשריי געטאָן, און עס זיינען פאַר איר געשטאַנען מאָטקע און חיים — די ברידער גאַרבאַטי, וועלכע זיינען געקומען אין דער דעלעגאַציע פון זייער שטאָט.

ווער־זשע קאָן זיך גריבלען אין אַזעלכע זאַכן? נאָר אָט זיינען גע־שטאַנען מיטגלידער פון איין משפּחה, פון דער געוועזענער משפּחה פון עלף, פון דער געוועזענער פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס" — דר. בעלאַ דעיווידסאָן, מר. סעם גאַרבער און די ברידער גאַרבאַטי.

לייב האָט באַמערקט צו פרויקע'ן:

— אַ שאָד, וואָס מיין טאַטע איז שוין צו־אַלט און האָט דאָ ניט גע־קענט זיין!...

און פרויקע האָט געענטפערט מיט אַ באַמערקונג:

— עס איז אויך אַ שאָד, וואָס שראַליע דער גאַרבער איז שוין טויט!...

קיינעם איז אָבער ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן בעני'ן און דעיוו'ן. עס איז מאָדנע, וואָס אָט־די צוויי זיינען פאַרגעסן געוואָרן. בעני האָט קיינ־מאָל צו זיין משפּחה ניט געשריבן, ווייל עפּעס האָט ער געפילט, אַז זיי זיינען ווייט, ווייט פון יענער טורמע...

דעיוו האָט דאָך אַפילו ניט געהאַט אויף וועמען אין כעס צו זיין. ער האָט ביי זיך אָפּט געטראַכט: און אַז איך וועל שוין באַפרייט ווערן — וואוהין וועל איך גיין?



— קום, דעיוו, — ס׳איז ניט אונזער וועלט !...

און דער שיקזאַל איז אַ מאָדנער צו־להכעיס'ניק. גראָד אין יענעם טאָג פון דער גרויסער געשעעניש אויפן מאַרקעט פונעם פרויען־קליידער־פאַך, זיינען בעני און דעיוו פון תפיסה אַרויס. זיי האָבן ביידע אָפּגעמאַכט דאָ אין שטאָט ניט פאַרבלייבן, נאָר בעני האָט כאָטש געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דער גאַס, וואו ער האָט אַמאָל זיינע צוויי שעפער געהאַט, וואו די פירמע „סידני גאַרב ענד סאָנס" האָט געטאָן גרויסע געשעפטן.

האָבן ביידע פריי־געלאָזענע פריינט זיך גענומען גיין צו אָט־יענער גאַס. נאָר וואָס פאַר אַן עולם איז דאָס דאָ? פאַרוואָס איז דאָ אַזוי געפּאַקט מיט מענטשן?

בעני האָט זיך דערמאָנט, אַז צוריק מיט עטלעכע יאָר, איידער ער איז אין תפיסה פאַרשפּאַרט געוואָרן, האָט ער אין איין פרימאָרגן אויך אַזאַ גרויסע מאַסע מענטשן געזען. ער האָט דעמאָלט מיט זיין אויטאָמאָביל צום שאַפּ ניט געקאָנט צוקומען.

— וואָס איז דאָ, אַ סטרייק? — האָט בעני אַ פרעג געטאָן ביי איינעם פון עולם.

— וואָס פאַר אַ סטרייק?! — האָט יענער אויף אים מיט ביטול אַ קוק געטאָן.

און פלוצלונג האָבן זיך צו אים באַקאַנטע קולות דערטראָגן. ער האָט געקוקט אָנגעשטרענגט צו דער פּלאַטפאָרמע. וועמען זעט ער עס דאָרטן? אַה, וועמען?...

בעני האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ קער אָפּ און אַ ציִ געטאָן דעיוו'ן מיט זיך:

— קום, דעיוו, — ס'איז ניט אונזער וועלט!...

די אָרקעסטערס האָבן געשפּילט און די צוויי פריי־געלאָזענע פריינט האָבן אַוועקגעשפּאַנט גיך, גיך...

סוף